STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07171

HEMSHEKH

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

הֶמשך

זאַמלבּוך

2

רעדאַקציע קאָלעגיע:

ב. דעמבלין

בעריש ווײַנשטיין

משה שטאַרקמאַן

ניו יאָרק 1940

Copyright by "HEMSHECH"
New York, 1940

אדרעס פון רעדאַקציע :
"HEMSHECH"
2939 Ocean Avenue
Brooklyn, N. Y.

Printed in U. S. A.

POSY-SHOULSON PRESS
19 West 21st Street
New York, N. Y.
255

ערשטע אָפּטיילונג

אברהם טווערסקי
אריה שמרי
שלום שטערן
ל. פּאָרעס
מאַטעס דייטש
לוי גאָלדבערג
אברהם ביק

לידער

אברהם טווערסקי

רו אויף בוימער, אַקסלען, ווענט —
ס׳האָט קיינמאָל ניט געברענט.
אָט איז נאַכט און אָט איז קאָפּ —
אַזאַ מין שטילקייט, רינט אַראָפּ.
טאָ שפּאַר זיך צו —
אָ שווייגנדיקער פלויט איז אויכעט רו.

מיין טאַטע

מיין טאַטע איז אַן אַלטער פויער:
ער אַקערט ערד מיטן זיידנס זוהר,
ער שניידט דאָס ברויט פון אייביקן וואַקסן
און רייניקט ס׳פעלד פון טרפה פלאַקסן.

מיין טאַטע איז אַן אַלטער פויער:
ער עפנט צו דער וועלט דאָס טויער
נאָך ערב האָן־געקריי און ערב שאַריען —
און נאָך איידער עס נעמען געצנדינער קניען.

אברהם טווערסקי

מיין טאַטע איז אַן אַלטער פויער:
ער פילט פון גאָרער וועלט דעם טרויער,
ווייל ניט איעדער קאָן דערלאַנגען
צום אחרית־שפּראַץ פון שטומע זאַנגען.

מיין טאַטע גראָבט אַליין מיט אייזן
די ערד פון דורות אין זכרון,
כדי מיט פינגער אַנצעווייזן
דעם וועג צו באַלדיקע קאַיאָרן.

ער בינדט זיך צו צום אַקערס דרילן
מיט תמ׳ס און רש״י׳ס צוויי פּאָר תפילין —
עס האָט דעם צייכן פון די סופן
דער עלטערזיידע שוין געטראָפן.

מיין טאַטע וואַרט ניט, אַז דער רעגן
זאָל דורשט פון ערד אַליין באַזאָרגן —
ער גייט דער ערשטער אים אַנטקעגן
אין קאַלטער מקוה פון פרימאָרגן.

מיט שפּעטע חצותן פון ביינאַכטן
העלפט דער זוהר אים צו טראַכטן,
אויב דער שניט אויף הויכן וואָגן —
וועט דעם ווייסן טאָג דעריאָגן.

פון בראשית־אָן

פון בראשית־אָן די זון, וואָס וואָרעמט אויס די זאַנגען,
פון אייביק־אָן די נאַכט, ווען טאָג אין פלאָם פאַרגייט,
און אומעטום דער מענטש אַן אומעטיקער שטייט —
און קאָן צוביידע ניט דערלאַנגען.

און וואָס זאָל טאָן דער פויער מיט זיין אומעט,
וואָס אַקערט גליבנדיק די ערד פון פרייד און נויט,
און וואַרט אַ לעבן־לאַנג, אַז אויפגיין זאָל דאָס ברויט —
פון העלער זון אויף שטילן תמיד?

לידער

פון בראשית־אָן די זון, וואָס וואַרעמט אויס די זאַנגען,
פון אייביק־אָן די נאַכט, ווען טאָג אין פלאַם פאַרגייט,
און אומעטום דער מענטש אָן אומעטיקער שטייט —
און קאָן צו ביידע ניט דערלאַנגען.

ערדישער טראָפּ

אין פלאַקער
פון אייזערנעם אַקער,
וואָס דרילט די טריקעניש פון זאַמד —
האָט ברודער זיין אייגענע הוירע צעפלאַמט.

פאַרלאָפן די זאַך איז אַזוי:
געקומען פון רוים אַ געפאַנצערטער גוי
און ביטערע מאַנדל־ען מיט יידישן ניגון —
צעפירט איבער וועלט אויף רוקנס פון ציגן.

האָט שפּעטער געברומט א פאַרוואָגלטע טויב
ביי שוועל און ביי שויב
פון גאונים אין קלויזן מיט שניי אויפן ברעם,
פון היימען אין שרפות אויף קידוש־השם.

איז נאָכדעם געקומען דער בעש״ט פון פאַדאָל,
פאַרגליכן מיט תכלת די שאָפענע וואָל,
און יידישן קרעכץ פון דער גויאישער בלאָטע —
געריייניקט אין קנייטש פון קאַפּאָטע.

ד־האָט איצטער מיין ברודער דעם גאַנצן געזאַנג
אַנטפלעקט אין זיין באָרוויסן גאַנג
צי נאַקעטע פלאַכן פון אייגענער היים —
וואו רעטשענע קאַשע אין שפּאַל־טן פון ליים.

איז יבנה און ווילנע און בראַסלעוו און קיטעוו —
געוואָרן אַ לייבלעכער שותף

אברהם סוּצקעווער

צום נאַכגיביק — ווייכן צעמענט,
וואָס קאַפּעט אויף קנעכל פון ווענט.

געשען איז אַט וואָס:
פון קאָרענע זאַנגען, פון רעטאַך מיט גראָז
וועט רינען דער האָניק צום אָדער פון כּביש —
און ווייטער צום דאָרפישן טיש.

וועט קומען דער בחור, וועט קומען די מויד,
אויף רוקן די גראַבליע, אין בוזעם דער קרויט,
מיט ניגון פון רוים נאָך פון פאר —
אין דבר!

אָ, ברודער אין עמק, אָ, שוועסטערביים אייטער,
צו אייך שוין געקומען בן־דוד דער רייטער
דורך ברויטענע סנאָפּעס מיט מילך אין טאָפּ —
דורך שטעלן דעם פוס אויף ערדישן טראָפּ!

מעדזשיבוזשער נוסח

ביידע,
איך און דער זיידע,
ציען מיר דעם פאָדעם
פון די אַטלעסענע בגדים
וואָס דער בעשט האָט אונדז געלאָזן, —
אויסגעשטריקט פון זייד מיט גראָזן.

ס׳איז דער משל, אַז דער הימל
שיט ניט אויס קיין ברויט מיט קימל,
סיידן אַקער, גוי, און פערד
נעמען אָן די ערד
ביים גאָרגל און ביים נאַפּל —
וועט זי לויפן שוין צום גאָפּל.

ס׳איז דער סוד פון זוהר,
אַז די פרייד פון גרעסטן טרויער

ל י ד ע ר

איז צו שינדן ערדס פֿאַרקאַרעווועטע הויטן —
וועט זי טאָן אויסשלאָגן מיט ברויטן
און מיט סמעטענע אַ פֿולן טאָפּ —
ווייל ערד פֿאַרמאָגט אַ האַרץ און קאָפּ.

ס'האָט דער בעשט געטייטשט אַזוי:
— דו נעם ביים גוי
דעם אָקס, די גראַבליע און דעם האָניק פון דער ערד
(דער הימל איז דיר סיי־ווי־סיי באַשערט),
און שמעלץ אריין מחשבה מיט געדערים

אין שוואַרצערד און אין ווערים, —
איז זיין וועט וואָס? —
וועט וואַקסן קאָרנברויט, ווי קראָפּיווע, ווי גראָז,
וועט מעדזשיבוזשער חסידישער פֿאַנטאָפּל —
געפינען מלכות אינם שפּל.

שלמה חקרן

חנוסי'ן — אַ מתנה

שלמה חקרן מיינט,
אַז אַ שטיין אפילו וויינט,
ווען דער לייטער צווישן ערד און צווישן הימל —
וואַלגערט זיך אין שימל.
און מאַי־קאָ־משמע־לן דער לייטער,
און ווי שטייט ער?
ס'איז דער מענטש, וואָס וואָלט געקאָנט דערלאַנגען
סיי צו מלכות, סיי צום שפּראָץ פון זאַנגען,
ווען דאָס האַרץ זאָל זיין ביי אים אין מח —
סאַראַ כח! סארא כח!

וואָרים יענע מעשה מיט דעם בראָסלאָווער און שפּאָלער זיידע,
וואָס געקריגט האָבן זיך ביידע, —
איז די ווירע
צו דער דאָזיקער דער חקירה:

שלמה חקרן וויל ווייזן,
אַז רב נחמנס האַלטן זיך, ווי אייזן,
ביים פאַרגלייכן הימל צו געלייטערטער מחשבה,
ווייל די ערד איז רק פּאַלאָווע —
שמעקט מיט שטות:
— טאָ לאָמיר זאָגן — וואָס איז זנות?
און ווי איז דער דין, אַז וואַנקע פּויער
ליגט אַ שכורער ביים סאַדאָגורער רבינס טויער?

און ס'איז דעם שפּאַלערס שיטה אויך ניט בעסער:
עפּעס צופיל גשמיות אין פּעסער! —
ס'קאָן אַ ציבעלע ניט האָבן קיין צוקאַפּנס
אָן דער זון מיט אירע טראַפּנס.

איז וואָס זאָל זיין דערפון? —
ער מיינט, אַז צווישן פעלד מיט זון
זאָל שטיין דער מענטש, דער שטענדיקער, אין מיטן —
און פלאַנצן הימל אין דער ערד, וואָס איז צעשניטן.
דער פשט פון דעם:
אַ הימל אין האַרץ און אויף דער ברעם,
אַ מענטש, אַ ברויט, אַן אוגערקע, אַ רעגן, —
אַ שטיק דערגיין משיחן אַנטקעגן...

גויאיש דאָרף

שטייט אַ קלויסטער מיט אַ צלם מיט אַ גלאָק, —
גייט פון פעלד אַ גוי, אַ ציג, אַ קו, אַ באָק.

פאַלט אַראָפּ די נאַכט, דער שטערן און דער ווינט —
זיינען ברוגז מיט די פאַרקאַנעס די הינט.

אויף אַ הייזל שרייבט זיך „בראַמפן”, ס'וואוינט אַ ייד, —
זאָגט ער קרישמע מיט „אחד”, וואָס זיך צעציט.

לידער

רינט אַ פּלעק פון מאַנטעפיאָרעס רעכטע באַק —
מיינט דאָס קינד, אַז ס'איז מיקיטע מיט דעם זאַק.

שפּרעכט די מאַמע: „כאַפּ האַווריל דעם קינדס דערשרעק!" —
טוט א שפּיי, אַ צי ביים אויער און אַ לעק.

ציט זיך מזוזה דאָרער אויס אויף שמאָלער טיר —
קומט צוגיין אן אלטע האַנט — און בלייבט אויף איר.

גאָט, וואָס באַהיט פון שטורעמווינט די שוואכע רינד, —
באַשערם אויך אין גויאיש דאָרף דאָס יידיש קינד...

גרינע הימלען

אריה שמרי, ארץ ישראל

ר ח ל

נאָך זיצט זי צווישן וועגן, און וויינט אויף אירע זין,
זיי גייען און זיי פאָרן, דער אַהער, דער אַהין.

נאָך שטרעקט זי צוויי הענט אַלע ארומצונעמען,
און אַ פייער צינדט אָן די פינגער און די ברעמען.

דעמערונג... פינצטערקייט... אַ שטערנפאַל אין אויגן,
נאָך זיצט זי צווישן וועגן טיף איינגעבויגן.

הערט בארוועסע טריט און דעם וואַקל פון די בוידן,
נאַכט, אַ געביל, און די בייזע וויינטן הוידן.

וויינט זי מיט א דערבאַרמיק קול, אַ וויכן,
און ס'וויינען מיט איר אַלע ווערבעס ביי די טייכן.

און ס'פלוישן מיט אַלע פישלעך פון די טיפן,
און ס'צעקאָכן זיך די ימען, און ס'שרייען שיפן.

נאָך זיצט זי צווישן וועגן, וויינט אויף אירע זין
זיי גייען און זיי פאָרן, דער אהער, דער אַהין.

דאָס ביזטו

ס'האָט דיין פשטות געחנט נאָך אין אָרימן געסל...
דאָס איז דער קלונג לבנה אין וואַסערפירערס פעסל,
דאָס איז דיין טייכל ליכט איבער די שינדלדעכער,
דאָס זיינען די עמער — די וואַכעדיקע בעכער.

אין חגאס, אין קלויסטערשע פרימאָרגנס
הערט ניט דיין אויער די דינקייט פון אָרגל,
און ס׳צוויבערט ניט דעם מאַנאַכס קרינאַלינע.
נאָר דוקא דעם עני׳ס קאַלנער, צויטיק צעשפּינען.
דוקא די לאַטעס פון צעדריוולטן סאַמעט,
דוקא „אל אחד״! מיט פייער דבקהש צעשטאַמלט.
די שטומקייט וואָס הויבט אָן אויסצושרייען:
— ברויט! ניט פאַרשעם די ידים!

דאָס ביזטו. — איך געדענק... ביים בעקערס רייען,
ס׳קומען אָרימע נשים לעבעלעך ברויט לייען,
בלאַסע, דאַרע פּנימער, די אויגן געלאָשן,
און דו צעפינקלסט זון, יעדער פינקל — אַ גראָשן.
צוריקוועגס רוישן די קוישן, און ס׳גלעטן פינגער
דאָס ברויט אַקעגן קליינע באָרוועסע קינדער.

דער אַלטער בעכער

דער אַלטער בעכער שטייט אַלץ אין טונקעלן ווינקל,
ליידיק פון ליכט און פון גאָלדענעם געפינקל...

עס נידערן די הימלען. — אַ פראַסטער טאָג, —
אַ בלויקייט וואַשט דאָס ליים, און דער דאָרן וויינשטאָקט.

און היינט איז אַ פראָסטער שווייסיקער זונטיק,
ערשטער מאָזאָל בליט אויף דער דלאָניע וואונדיק.

זונגאָלד אויף ווענט, דער טיש פאַרשפּרייט,
זיידעס, ווייסע אורחים, ציטערן פון פרייד.

ליכט פון פינגער, ווייַן פון הענט. דער מאָזאָל איז אָפן.
ס׳זינגען זיידעס: בורא פרי הגפן. — —

און כ׳זינג מיט זיי אין פראָסטן זונטיק הימליש פויעריש —
קלאַנג צו קלאַנג, וואָרט צו וואָרט — אַ נייעם שם המפורש.

אויפן בערגל ליים — זע איך אים, דעם בורא,
צו אים די זיבן טעג ווי זיבן העלע טויערן...

גרויס ליכט

ס'אַראַ בלענד אין דער טונקעלער נאַכט!
ווי צעשיינט איז דאָס ליכטל חצות! —
די זון און לבנה אויף איין דאַך,
ווי אַ וואָלף מיט אַ שאָף אויפן גראָז.

וואונדער אויף וואונדער — אומגעריכט.
אויגן טרינקען דעם ליכטיקן פלייץ.
צווישן די טייכן פון העלסטן ליכט
בליט דאָס גאָלדענע שטענגעלע ווייץ.

פון זון און לבנה באַגאָסן —
בעט עס שוין צייטיק: קלינג קאָסע, שנייד.
און אַז עס צעקלינגט זיך די קאָסע
איז נאָך אַ שענער שטענגל שוין גרייט.

איז נאָך אַ שענער שטענגל שוין גרייט,
די קאָסע הילכט מיט שענערע קלאַנגען,
אין דער שפע פון ליכטיקער פרייד
צעוואקסן זיך זאַנגען אויף זאַנגען.

פון רביניו רב נחמן

פון אים — רביניו רב נחמן,
וואָס אין זיין האַרץ — גרעזלעך רחמים,
וואָס אין זיין אויג די טרער פון טוי, —
מיין אויפשטיין און מיין גיין אַזוי. — —

אַזוי — אין שאָטן און אין ליכט
צו אויפשטיין און איילן גיך,
און גייען מיט ליבשאפט צום עול
דערהערן אין טריט דאָס קול...

גרינע הימלען

די ווייכע לאָנקעס זינגען סוד,
קען זיין ס׳איז, ס׳איז גאָט.
ווער ס׳קען גיין אזוי אנטשוויגן
וועט אויך דערהערן דעם ניגון.

דער הימל שפרייט זיך אויפן סאָד.
קען זיין ס׳איז בוים, קען זיין ס׳איז גאָט.
דאָס קלענסטע בלעטעלע באַהאַלט
אַ טראָפּן ליכט פון זיין געשטאַלט.

אזוי — אין שאָטן און אין ליכט
אַראָפּצואוואַרפן האַרטע שיך,
מיט באָרוועסקייט צו דערהערן
זיסן פּליעסק פון לעצטן שטערן.

א שטערן אין טוי. אַ קוואַל רינט,
און הויל טאַנצט אין אים אַ קינד.
טראָפּנס שפּרינגען, טראָפּנס פאַלן
דורכגעזאַפּט מיט ערשטע שטראַלן.

אזוי — אין שאָטן וואָס ווערט ליכט
דערדהערן דעם ניגון אין זיך,
וואָס זינגט זיך אויס פון ענד ביז ענד
מיט שוויס פון העמד, מיט מי פון הענט.

אזא אָפּשטראַלונג פון זיין ליכט.
דער ניגון ווערט דערהערט אין זיך. —
צו מיין האַרץ אַ גרעזל רחמים,
פון אים — רביניו רב נחמן.

טרייסט

גייסט, שעפּסעלע, דיין גאַנג
וואו נאָר אַ גרינקייט איז.
דער וועג איז האַרט און לאַנג,

אריה שמרי

שטיין שטרויכלט דיינע פיס —
און דאָך —
נאָכן פאַסטוך דיינע טריט.
דאָס פייפל שפּילט,
דאָס גרעזל גרינט,
דאָס בלימל בליט,
און ס'וואַקסט דיין וואָל
אין פייפלס קול.
און גייסט, און גייסט,
און יעדע ווײ
איז דיר כדאי...

טאַנץ

גיכער, גיכער — ראָד,
יאָג געבענטשטער ווינט.
פעלד און וואַלד און סאָד,
שאָף און קי און קינד.
גיכער, גיכער ראָד,
יאָג געבענטשטער ווינט.
ס'האָט די שעה געשעהט,
ס'האָט דאָס גראָז געגרינט.

גיכער, גיכער — ראָד,
פעסטער האַנט אין האַנט.
פעלד און וואַלד און סאָד,
שטיין און ליים און זאַמד.
גרעסער, ברייטער — ראָד,
דאָרף און שטאָט און לאַנד,
ס'איז דער שעהס געבאָט —
צו דער זון געשפּאַנט!

גיכער, גיכער ראָד,
קוש זיך קני מיט קני.
פעלד און וואַלד און סאָד,

גרינע הימלען

און דו אינדערמיט.
שטאַרקער, הייסער ראָד,
קוש זיך קני מיט קני,
נאַכט ווערט העלער סוד,
בענטש דעם מאָרגנפרי.

טיפער, העכער — ראָד,
האַרץ צו האַרץ ווער נאָנט.
פעלד און וואַלד און סאָד.
ביזט ווי זיי געמאָנט.
הייסער, נענטער ראָד,
ס'העלט דער האָריזאָנט.
זע — שוין נידערט גאָט
ווי א פויער — בלאָנד.

טאַטע

שלום שטערן, קאַנאַדע

א

ביזט דער זעלבער, גוטער טאַטע,
פון דער אַלטער היים.
עלטער, גרויער, נאָר,
פון יסורים לויטער דיינע יאָר.

מילדקייט פון דיין אויג,
פאַלט אויף דיין געפייניקטן זון.
שטרײַק אויס די האַנט,
רוען לאָז זי אויף מיין קאָפּ,
אײדער מיין צעבראָכענער גוף,
זינקט אין קבר אַראָפּ.

שלום שטערן

טאַטע, מיין גאַנג שטרויכלענדיק, לאַנג.
דער טאָל — אַ תהום. אין דאָרן דאָס באַרגלאַנד.
ליכטיקע שטערן־אויגן,
פירן ניט ביי סכנה־ברעגן.
און נאָך אַלץ איך זוך,
אין הימל — אין בלוי זיידענעם טוך,
אַ שיין פאָרן טראַט,
צו שפרייזן צווישן דערנער־דראַט — — —

דערנענטער־זשע צו מיר טאַטע.
דיין גאָענט־זיין
מאַכט מיך זעעוודיק, מילד.
און ווי אַ קינד,
לויטער, ריין
קלאָר די פרייד
אין מיין געביין.

דו ביזט — שטאַם.
דיין עבר — טיפער ים.
דיין ליבשאַפט אין לויטערקייט רינט.
דיין וואָרט גוטסקייט שפינט.
דער גלויבן פון דורות,
אין דיר קוואַלט.
דיין לעבן וואונדער באַהאַלט:
אין פינצטערסטן שפּאַלט.
ליכטיקייט פאַלט.

און כאָטש אונדזער גלות־וועג
איז באַזונדער,
איז בלוט און ליבשאַפט,
אַ בינדנדיקע שטריק.
דיין גרונט — דער ווייטער צוריק.
איך — פאָרויס,
איך וויל צו ליכטיקייט אַרויס —

ט א ס ע

דיין קול רואיקט מיך איין.
ביי דיין האַנט, איך בין יינגעלע קליין,
דאָס פינגערל אין מויל און איך חזר
ווידער גרויסע אותיות פון סידור.
דער מלמד וועט דיך ניט שלאָגן.
מיר אַליין וועסטו נאָכזאָגן:
אַ ייד דאַרף זיין מיטן האַרץ ריין.
דאָס איבעריקע קומען וועט אליין.
אין זכות פון מיינע הייליקע זיידעס,
זיי גרייט צו טראָגן דאָס לעבן אויף עקדות.

ב

די פייער־שטראַמען
אויפן טייך באַגינען,
בין איך מיטגעשוואומען:
אין טוי דאָס גרין,
גלעטנדיק און דין.
דער שאָטן ציט זיך גלייך.
דאָס וואַסער ציטערט אין טייך.

דאָס בלעטער־קרויט שאָרכט.
שמאָלער שטעג האָרכט.

פערד — הירזשענדיקער לאַך
אויף גראָזן־ברעג.

אויף זאַמדיקן שליאַך,
די שטילקייט שלייכט.

די פייער־שטראָמען בלענדן.
באַגינען ברענט ביי די ראַנדן.

און מיין האַרץ צאַפּלט:
דיין ניגון טוט זיך וויגן.
די גראָזן בייגן זיך און בייגן.

שלום שטערן

און אַט — איך דערזע חנה ווערעשרין פאַרמאַטערט,
שלעפּט מיט בלויזע הענט אַן אויפגעבל־אָזענע ציך.
די אויגן — ברענענדיקע לייד.
דאָס פּנים — ווייסער קרייד.
און איך פאַרשעם זיך פאַר מיין קינדערישער פרייד,
אַ טרויעריקער לויף איך גיך, גיך,
און בלייב שטיין אין סאָזשע־קיך.

ווידער ביזטו געווען.
איך האָב דיך דערזען:
דיין אומעטיק תהלים־געזאַנג,
האָט טיף גערירט,
און מיך צו אייגן,
אַרים, בלאַטע־געסל געפירט.
פון דעמאָלט — אין צער מיין גאַנג.
פון באַעולהטער אָרים גאַס מיין קלאַנג —

אודאי — ניט אַזוי האָסטו געמיינט.
איך טראָג אויפגעצאַרנטן כח אין ראַנגל־ענדיקער האַנט:
אַנדערש דער מאָרגן פאַר מיר שיינט — — —

ג

דיין ווייטיק ברענט
אין לבנה נעכט.
פון צער — דיין פּנים ווייסער.
דאָס ליכטל שווינדלט אויף גמרא־בלאַט.
דער ניגון דער שטילער — לעשנדיק געוויין,
אין דער בענקשאַפט, דער הייסער
ירושה־הויז געוואָרן איז תפיסה־גראַט.

און איך אויף קראַנקן בעט,
אויסגענאַגט, מאַט,
בין מיט דיר געווען,
אין דיין צער געווען אַ צד.

טאַטע

עס האָט פרייד ניט געליכטיקט אין מיר.
זון און רו האָט ניט געמאַכט זאַט.
די זון האָט זיך געזעצט.
גרויע שאָטן־ווענט
האָבן דעם טאָג פאַרלענדט.
און איך האָב נאָך דיין וואָרט געלעכצט
מיין גוף אין ווייטיק האָט געקרעכצט —
און דורך נאַכט, אויף וויסטן וועג
אַהיים, אַליין, צו דיר זיך דערשלעפּט.

ד

טאַטע, ווייס,
דאָס לעבן אויף מיר בייטשט.
און ווי ביי אַ גרייז — איז יעדע שעה,
אַ פרישער טייטש.
כאָטש, סעדער האָב איך ניט געדהיט,
אין מיר די פרייד, ווי אויף בוים בליט.

וואָר — ניט תמיד גערעכט.
צען מאָל וואָרער — אָרום ברויזט דאָס שלעכט.

מען טריפט אין מיר האָס און סם.
איך וועל אַריבער דעם ווייטן ים.

מיין טאָג אַנקערט אויף אַלטן ברעג
עס גרינט דער וועג ביי יענעם עק.
איז ליכטיק־זשע אויף מיר, טאַטע.

אין דער גרויסער שטאָט

(דערציילונג)

ל. פּאָרעס

עס איז געווען אין ברען פון די ניו־יאָרקער היצן, אין סאַמע מיטן יולי. אוירווינג גראָס איז געבליבן אָן אַרבעט און אָן מיטלען צום לעבן. אפילו פון דער דירה איז ער געווען פאַרטריבן, האָט ער זיך טעג נאָכאַנאַנד ארומגעדרייט איבער די ניו־יאָרקער גאַסן, א פאַרהונגערטער און פאַרשמאַכטער, א פאַרצווייפלטער און איבעריקער.

אין אָט דער לאַגע האָט אוירווינג גראָס איינמאָל פאַרבלאָנדזשעט קיין קאָני איילאַנד. אָבער אויף אָט דעם פריילעכן, נאַרישן אינזל איז אים נאָך געווען ערגער ווי אין שטאָט. דאָ איז די לופט געווען בעסער און דער אפּעטיט שטאַרקער. די שאַרפע, געפעפערטע שפּייזן, וואָס זיינען געווען צעשטעלט אין די קראָמען, האָבן געררייצט זיין גומען און אים קיין רו ניט געגעבן.

אוירווינג האָט ניט ליב געהאַט קאָני איילאַנד, באַזונדערס אין זומער. ווי פאַרלאָרן און אומוויכטיק א מענטש איז אין שטאָט ניו־יאָרק, איז ער עס הונדערטפאַכיק מער אויף דעם קליינעם אינזל, וואו יעדער מענטש ווערט פאַרוואַנדלט אָדער אין א זעמדל אָדער אין א כוואַליע וואַסער. און אוירווינג האָט אין די שווערסטע צייטן זיינע געוואָלט זיין א מענטש, מען זאָל אים באַמערקן, מען זאָל זיך מיט אים רעכענען, ווייל אוירווינג גראָס איז געווען אַן עמפּינדלעכער, כאָטש טאַקע ניט מער ווי אַן איינפאַכער ארבעטער אין אַ שאַפּ, דערצו נאָך אָן א שטעלע.

דאָ, אויף דעם נאַרישן אינזל, איז ער ארומגעגאַנגען צווישן נאַסע באָד־קאָסטיומען און „הייסע הינטלעך״; צווישן פאַרשייטע געלעכטערס און קאַזשעלקע־שפּרינגער. און האָט ער שוין ווען עס איז געזען אַ מענטש מיט אַן ערנסטער מינע אויפן פּנים גיין צום וואסער זיך באָדן, האָט עס געמאַכט דעם איינדרוק, אז יענער קלייבט זיך שוין דאָרטן צו פאַרבלייבן מי יודע ווי לאַנג; אז זיין מיסיע דאָרטן איז מי יודע ווי שווער...

צוויי נעכט איז אים אויסגעקומען צו שלאָפן אויפן ברעג ים. אין די אָווענטן איז געווען ניט שלעכט — נייַן, אין די אָוונטן איז געווען גוט, אפשר טאַקע זייער גוט, ווייל נאָך א גאַנצן טאָג ארומ־

בלאָנקעניש איבערן אינזל, ניט קענענדיק געפינען קיין שטיקל ליידיק פלאַץ פאַר זיין באַדאַרף, ניט אין די ענגע, אָנגעקראַמפּטע גאַסן און ניט אַפילו אויפן זאַמד, האָט ער זיך פאַרנאַכט דערפילט ווי איינער וואָס נעמט איבער אַ ווירטשאַפט אין גאַנצן פאַר זיך אַליין. מיט אַ זשעדנעקייט האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן זאַמד און זיך געגעבן אַ ציִ־אויס, פונקט ווי דאָ וואָלט געווען דאָס באַקוועמסטע בעט אין דער וועלט. די דינע זעמדלעך זיינען פאַר אים געוואָרן די בעסטע פּוכענע פּעדערן און דער הימל איבער אים — אַ בלויע וואָלענע קאָלדרע. און די ים־כוואַליעס פלעגן איינוויגן און איינשלעפערן זיין מידן, אויסגעמאַטערטן גוף און ער פלעגט איינשלאָפן מיט אַ שווערן, הונגעריקן שלאָף.

אָבער פאַרטאָג פלעגט עס אים געבן אַ וועק־אויף. די ים־קעלט איז אים אריין אין די ביינער און ער האָט אינגאַנצן אָנגעהויבן צו ציטערן פון קעלט. אַ צאָן האָט אים גענומען קלאַפּן אָן אַ צאָן. זיינע דינע מלבושים זיינען געווען אַ צו־קליינע שוץ קעגן די קאַלטע, פייכטע, פרימאָרגנדיקע ים־ווינטן. ער פלעגט דאַן אויפשטיין און אָנהויבן ארומלויפן איבערן זאַמד און זיך קלאַפּן מיט די הענט איבער די אַקסלען און זיך אריינהויכן אין די הענט אריין אַ וואַרימען אָטעם. ער פלעגט בעת מעשה רעדן צו זיך, הויך אויפן קול רעדן און שעלטן און זידלען. וועמען ער האָט געשאָלטן און געזידלט, האָט ער מסתמא אַליין ניט געוואוסט. אָבער אַזוי ווי דעם כעס און די ביטערניש פון זיין לאַגע האָט ער געמוזט אויף עמיצן אויסגיסן, האָט ער געשאָלטן און געזידלט אין דער וועלט אריין. עס קען זיין, אַז ער האָט אין אַזאַ פאַל געזידלט דעם ים און געשאָלטן דעם דרויסן און האָט אויך, אודאַי, דערלאַנגט אַ פאַרציע אַמעריקע, דעם לאַנד וואָס גיט אים ניט צו עסן און ניט קיין אַרבעט.

ווען עס האָט אָנגעהויבן ווערן ליכטיקער און וואַרימער, איז אויך זיין שטימונג געוואָרן מילדער. ער האָט זיך צוריק אויסגעצויגן אויפן זאַמד און געפּרוּווט איינדרימלען, אָבער ער האָט שוין ניט געקענט. דער פרימאָרגן ביים ים איז געווען צו־שיין, אַז ער זאָל אים פאַרשלאָפן. ווי שלעכט אים איז דענסטמאָל געווען, האָט ער פונדעסטוועגן נאָך געהאַט אַן אויג פאַר דער נאַטור־שיינקייט און אַ געפיל פאַר אַן אויפגייענדיקער זון לעבן ים. ער איז מקנא געווען די ערשטע באַדערס, וואָס זיינען געקומען זיך אָפּטונקען אינעם באַגינענדיקן וואַסער. עך, ווי ער איז זיי מקנא געווען! ווען ער

האָט א באַד־קאָסטיום, וואָלט ער זיי געוויזן ווי אזוי מען באָדט זיך און ווי אזוי מען שווימט און ווי אזוי מען לייגט קלאַפּטער.

אין איינעם א וואָכעדיקן אינדערפרי, ארום צען אזייגער, האָט זיך אוירווינג געלאָזט צופוס ארויס פון קאָני־איילאנד. וואוהין, האָט ער ניט געוואוסט. אָבער אין איין זאך איז ער געווען זיכער: אז דאָ האָט ער מער ניט וואָס צו טאָן. דער הונגער איז אין אים כסדר געוואָרן שטארקער. ער האָט אָנגעהויבן דערפילן ווייטאָגן אין דער ברוסט און אין בויך. כדי ווי ניט איז צו שטילן דעם הונגער, האָט ער א סך געטרונקען. עס זיינען געווען עפּנטלעכע פאָנטאַנען מיט וואַסער, האָט ער זיך דערמיט באַנוצט. דאָס איז געווען די איינציקע זאַך, וואָס מען האָט געקענט קריגן אָן געלט אין דער ארומיקער שפע פון כל טוב. ער איז ארומגעגאנגען א כעסדיקער, אן אויפגע־רעגטער, מיט דער אויבערשטער ליפּ איבער דער אונטערשטער, צווישן די שטעלן עסנווארג און נאַשווארג, וואָס זיינען געווען צושטעלט אונ־טערן „באָארד וואָק" און אויפן „באָארד וואָק". דער עולם האָט ניט געגעסן, נאָר געפרעסן, ניט געטרונקען, נאָר געזויפט, נאָר ער אליין איז ארומגעגאנגען און האָט געשלונגען דאָס אייגענע פּאַרטריקנטע שפייעכץ אין מויל.

האָט ער מיט אַ פעסטן, גיכן טראָט, ווי ווייט זיין אָפּגעשוואַכטער קערפּער האָט נאָר געקענט, ארויסגעשפּאַנט פון דעם נאַרישן אינזל. אַ געזאָלצענער ים־ווינט און געשמאַקע, שאַרפע ריחות פון עסנוואַרג האָבן אים נאָכגעיאָגט ביז דער גרעניץ, ביז סטילוועל עוועניו.

אַ הויכער און אַ דאַרער, מיט אַ גערונצלטער הויט אויפן פּנים האָט ער געשפּאַנט מיטן רעקל אין דער האַנט, מיט פּאַרטריקנטע ליפּן פון היץ און דורשט און הונגער. די זון האָט אים געקנאַקט אין קאָפּ אריין. ארום די שלייפן האָט דער פּולס אָנגעהויבן שלאָגן האַסטיקער און מיט מער ווייטאָג. ער האָט דערפילט אַ שוואַכקייט אין די פיס. פאַר די אויגן האָבן זיך גענומען באַוויזן טונקעלע פלעקן. דער געדאַנק האָט זיך ביי אים אָנגעהויבן מישן. ער האָט געפילט, אז ער וועט אפשר באַלד אוועקפאַלן, צוזאַמענברעכן.

ער האָט זיך קוים מיט צרות צוגעשלעפּט צו א קליין, שיטער פּאַרקל. ער איז אריין, האָט זיך אויפגעזוכט א פּלאַץ אויפן גראָז, לעבן אַ בוים, און זיך אוועקגעלייגט, מיטן רעקל צוקאָפּנס.

ער האָט גלייך צוגעשלאָסן די אויגן. דאָס הארץ האָט אים שטאַרק געקלאַפּט. די אָדערן פון די הענט האָבן אָנגעשטרענגט

געציטערט. דער נערוו פון די קני האָט אלע ווײלע אויפגעטרייסלט דעם גאַנצן קערפּער. די בלעטער פון דעם בוים, אונטער וועלכן ער איז געלעגן, האָבן זיך ראַשיג גענומען דרייען פאַר זיינע אויגן, כאָטש ער האָט זיי געהאַלטן צוגעמאַכט. זיי האָבן זיך געדרייט, די בלעטער, און געוויקלט ארום אים: ארום האַלז, ארום פּנים און קאָפּ. פון דעם געדריי האָט אים אָנגעהויבן רוישן אין די אויערן און עס האָט אים אָנגעהויבן ענג ווערן אין האַלדז. ער האָט נאָך מער פאַר־קוועטשט די אויגן און שטיקער הימל האָבן גענומען אויף אים גיין. בלויע און גרויע און ווייסלעכע און גאָלדענע שטיקער הימל. און מיט אַמאָל האָבן זיך די שטיקער הימל אויסגעמישט מיט די בלע־טער פונעם בוים און ס'איז געוואָרן איין געפּלאָכטענע גרין־בלויע־גרוי־גאָלדענע זאַך, וואָס האָט זיך גענומען דרייען און וויקלען ארום אים. דאָס האָט אָנגעהאַלטן א ווײלע. נאָכדעם איז עס פאַרשוואונדן און בלויז איינצלנע גרין־געלע פונקען האָבן זיך איינגעשטאָכן אין זיינע אויגן.

ער האָט זיך איבערגעקערט אויף א זייט און איינגעגראָבן דאָס פּנים אין די הענט. די פייכטקייט פון דער ערד האָט געקילט די שווער־אָנגעלאָדענע היץ פון זיין קערפּער. די נערוון האָבן זיך איינגעשטילט און די אָדערן האָבן אויפגעהערט אזוי שטאַרק צו שלאָגן. ער האָט דערפילט א דערלייכטערונג אין די שלייפן. דאָס רוישן אין די אויערן האָט אויפגעהערט. די אויגן־דעקלעך זיינען געוואָרן לייכטער און געוויכט. דער גאַנצער קערפּער זיינער האָט ווי אראָפּ־געוואָרפן פון זיך אַ שווער־געוויכטיקן פאַנצער. ער האָט זיך איבער־געגעבן דער ערד, זיך איינגענורעט אין די גרינע שפּאַלטן פון די שיטערע גראָזן און איז איינגעשלאָפן.

אייגנטלעך איז דאָס ניט געווען קיין שלאָף, נאָר אַזאַ לייכטער אָנגענעמער היבער־פלעט. זיין קערפּער איז אַ שטיק צייט געלעגן באַהעפט מיט דער ערד, ווי א טייל פון איר. ער איז געלעגן אַן אומבאַוועגלעכער, כמעט אָן אָטעם, ממש אַ שטיק ערד, מענטשלעך געפאָרמט. ער האָט ניט געפילט קיין ווײ און קיין פאַרגעניגן. ער האָט ניט געפילט גוט און ניט שלעכט. ער האָט גאָרניט געפילט, אפילו ניט קיין שלאָף, אפילו ניט קיין חלום דורכן שלאָף.

אָן ענלעך געפיל האָט ער געהאַט, ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט. אַ געפיל פון תוילקייט און ליידיקייט. ניט נאָר איז אים געווען הויל און ליידיק דער מאָגן מיט די געדערים, נאָר אויך דער קאָפּ זיינער,

ער האָט זיך אויפגעזעצט און זיך אָנגעהויבן ארומצוקוקן. זיין מינע האָט איצט מיט זיך פאַרגעשטעלט א פולשטענדיקן אידיאָט: דאָס פנים לאַנג, אָפּגעצערט, די הויט שטייף אויף די ביינער אָנגעצויגן; איין ליפּ, א בלויע, א פאַרטריקנטע, איבער דער אַנדערער פאַרוואָרפן. די אויגן — גרויס, צעעפנט, ארויסגעשטאַרצט אין אַ פרעמדער, נאַרישער וועלט אריין.

ניט ווייט פון אים, איבערן דראָטענעם ציימל, איז געשטאַנען אַ באַנק. אויף דער באַנק איז געזעסן אַ מאַן. קיין רעקל האָט דער דאָזיקער מאַן ניט געטראָגן. קיין וועסטל אויך ניט, נאָר עפּעס אזוינס, וואָס האָט געקענט זיין אי אַן אויבערהעמד, אי אַן אונטערהעמד צוזאַמען. ביים האַלז איז דאָס נעמלעכע אונטער־אויבער העמד געווען אָפן און עס האָט זיך ארויסגעזען אַ שטיק שווייסיק, קויטיק לייב. דער מאַן האָט געהאַלטןביידע הענט אויסגעשפּרייט איבער דעם אָנלען פון באַנק, איין האַנט אויף רעכטס און איינע אויף לינקס. עפּעס האָט ער גערעדט צו זיך, גערעדט — און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ. קענטיק, אַז ער איז מיט זיך אין עפּעס מסכים געווען.

קיין אַלטער איז דער מאַן ניט געווען, אָבער קיין יונגער אויך ניט. מחמת דעם, וואָס ער איז געווען ניט־געראַזירט, און די האָר אויף זיין מאָרדע זיינען געווען פון אַזאַ מין בלאַנדן קאָליר, וואָס האָט געקענט אָנגענומען ווערן אויך פאר גרוי, איז שווער געווען צו באַשטימען ווי אַלט ער איז. אין יעדנפאַל: ניט מער ווי פופציק און ניט ווינציקער ווי פינף־און־דרייסיק.

אוירווינג האָט אויף אים געקוקט א שטיק צייט, פון אָנפאנג אָן אינטערעס, ווי אַ קעגנשטאַנד וואָס איז אים אנטקעגנגעקומען גלייך ווי ער האָט זיך אויפגעזעצט. באַלד אָבער האָט ער אָנגעהויבן אים נאָכצומאַכן, נאָכשאָקלען מיטן קאָפּ. ער האָט עס געטאָן אויטאָמאַטיש, ווי אַ מענטש אַן אויסגעליידיקטער פון שפייז און פון ווילן; ווי א ליאלקע, וואָס איז ליידיק און הויל און טוט נאָר דאָס וואָס אַן אַנדערער וויל זי זאָל טאָן. דער מאַן האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף דער באַנק און אוירווינג האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויפן גראָז. דער, וואָס אויף דער באנק, איז מיט זיך אין עפּעס מסכים געווען און אוירווינג, אויפן גראָז, איז בלינדערהייט, טויבערהייט, פאַרחלשטערהייט מסכים געווען מיט דעם פרעמדנס הסכמה. ניט מער, ביי דעם מאַן אויף דער באַנק איז דאָס פּנים געווען רויט, פון היץ און פון זאַטקייט, און ביי אוירווינגן איז דאָס פּנים געווען בלייך, טויט־

בלייך, מיט א געלן אָפּשלאַג, פון היץ און פון הונגער. ביי דעם מאַן אויף דער באַנק איז דאָס מויל געווען פאַרשלאָסן, פונקט ווי ער וואָלט פאַרענדיקט עסן, (אויף דער באַנק, לעבן אים, איז טאַקע געלעגן א פּאַפּיר מיט קרישקעס פון ברויט און שאָלעכץ פון באַנאַנעס); ביי אוירוווינגן איז דאָס מויל געווען אָפן ווי ביי אַ פאַרהונגערטן אידיאָט.

נאָכדעם האָט זיך אוירוווינג פאַרקוקט אויף די ווייסע קרישקעס ברויט, וואָס אויף דער באַנק, און — אויף דער באַנאַנע־שאָלעכץ. מער ווי דאָס האָט ער שוין איצט ניט געזען. ווייסע קרישקעס ברויט, וואָס האָבן אין זיינע פאַרגלעזערטע און פאַרנעפּלטע אויגן אויסגעזען ווי אָפּשטראַלונגען פון דעם עץ הדעת פון גן עדן. און די באַנאַנע־שאָלעכץ, ווי דער געשמאַקסטער קאָמפּאָט. מער האָט ער שוין פון דעם ניט געקענט זיינע אויגן אָפּרייסן. און דאָס מויל איז ביי אים געבליבן אָפן, גרייט אָנצופאַלן און איינצושלינגען אָט דעם קאָלאָסאַלן אוצר, וואָס לעבן מאַן.

אָבער דער מאַן האָט זיך ניט אויפגעהויבן. ער איז געזעסן מיט די פיס אויסגעצויגן אויף דער ערד, מיט די הענט אויסגעשפּרייט איבער דער אָנלען פון באַנק, מיט דעם מויל צוגעמאַכט, און האָט, דאַכט זיך, גאָר אביסל אונטערגעכראָפּעט, שטיל־שטיל, קוים וואָס מען האָט געהערט.

אוירוווינג, וואָס איז געזעסן פונדערווייטנס, אויפן גראָז, האָט עס ניט געהערט. א סברא, אז ער האָט אפילו אים אליין, דעם מאַן, אויך אויפגעהערט צו זען. ער האָט אים אויפגעהערט צו זען אזוי גיך ווי ער האָט דערזען די אָפּגעפאַלענע גרויסע קרישקעס ברויט מיט דער איבערגעבליבענער באַנאַנע־שאָלעכץ. צו דעם האָט אים געצויגן. אויף דעם האָט ער איצט געוואַרט. ניט נאָר איצט, נאָר ווען עמיץ גיט אים אַ פרעג, און ער וואָלט געווען בכח צו ענטפערן, וואָלט ער זיכער געזאָגט, אז ער זיצט דאָ אויפן גראָז, ניט ווייט פון דער באַנק, און ער וואַרט אויף די קרישקעס ברויט שוין דאָס גאַנצע לעבן זיינס, דאָס גאַנצע לעבן!

ווי לאַנג ער איז אזוי געזעסן און געוואַרט און געקוקט אויף דעם אוצר, וואָלט אוירוווינג ניט געקענט זאָגן. נאָר ווען דער מאַן האָט זיך ענדלעך אויפגעהויבן און איז אוועק, איז ער אָהין צוגעלאָפן — ניין, ניט צוגעלאָפן, נאָר צוגעשוועבט און געכאַכט דאָס פּאַפּיר מיט די קרישקעס ברויט און עס צוגעטראָגן צום מויל און אָנגעהויבן

שלינגען די ווייסע ברעקלעך, צוזאַמען מיטן פּאַפּיר, שלינגען אַזוי זשעדנע, אַזוי גיריג און אַזוי גיך, גלאַנצנדיק דערביי מיט די אויגן אַזוי פאַרדעכטיק, אַזוי צעשראָקן, פּונקט ווי אַ ווערעוויק, מורא האָבנדיק, ווייזט אויס, אַז אַן אַנדערער זאָל ניט צוקומען און זאָל אים ניט אויסכאַפּן אָט דאָס געפינס, דעם אוצר זיינעם.

ווען ער איז פאַרטיק געוואָרן מיט די קרישקעס, האָט ער זיך גענומען צו דער באַנאַנע־שאָלעכץ און מיט די ציין אָפּגעקראַצט יעדעס ברעקל זאַפט און יעדעס פּיצל קראַכמאַל, איבערלאָזנדיק די שאָלעכץ אַזוי דין און דורכזיכטיק, אַזש ביז צו דער סאַמע הויט. נאָכדעם האָט ער אין זיך דערפילט אַ דורשט, איז ער צוגעגאַנגען צו אַ פאָנטאַן און זיך אָנגעטרונקען. ער האָט געטרונקען אַ סך און עס האָט געדויערט ביי אים זייער לאַנג ביז ער האָט דערפילט די קילע פייכטקייט אין זיין מאָגן. דערנאָך האָט ער זיך צוריקגעזעצט אויף דער באַנק מיט אַ ווייטאָג אין בויך.

אַ שטיקל באַנק איז שוין געווען פאַרנומען פון אַ פרוי. דאָס איז געווען אַן עלטערע דאַמע וואָס האָט געהאַלטן אַ קליין פּעקינער הינטל ביי אַ רימענדל. דאָס הינטל איז געווען צעשויבערט ביים האַלדז פון רייסן זיך פון זיין באַלעבאַסטע. די פרוי האָט אים גע־פּרוואווט איינהאַלטן און דאָס הינטל האָט אויסגעדרייט זיין קליין קעפּל צו איר און האָט אויף איר אָנגעבולן וויפיל עס האָט אין איר געקענט אריין. זיין קליין, שוואַרץ מאָרדעלע איז ביי אים געווען פייכט פון בייזקייט און פאַרדראָס אויף איר חוצפה. עס איז ניט שווער געווען צו מערקן, אַז דאָס ברעקל יחוסדיק באַשעפעניש'ל איז ביי זיך זייער תקיף און ס'איז, קענטיק, געוואוינט געוואָרן מען זאָל עס נאָכגעבן יעדן קאַפּריז.

האו־האו!... — האָט עס געשריגן אויף דער באַלעבאַסטע, און דאָס ווייכע, פאַררייסענע ווידעלע האָט זיך געדרייט און געהויבן נאָך העכער ארויף־צו — האו־האו!... — האָט עס געקוויטשעט מיט דעם דינעם כלבישן קולכל — אַזאַ מין חוצפה פון דיר... אַזאַ באַליי־דיקונג... וואַרט, האו־האו, איכל זיך שוין מיט דיר אָפּרעכענען — אינדערהיים. וואַרט, האו־האו!...

— אַזוי ווי איר קוקט עס אָן, דערגייט עס מיר די יאָרן... — האָט די פרוי זיך אָנגעהויבן צו באַקלאָגן פאַר אוירוויגגן, אפילו ניט אַ קוק טוענדיק אויף אים. ס'האָט זיך געקענט אויסדאַכטן, אַז זי וואָלט די דאָזיקע ווערטער געזאָגט ניט נאָר ווען אוירוויגג זיצט דאָרטן,

נאָר ווען קיינער אפילו זיצט ניט. דער צער אירער איז געווען גרויס. אויפן הארץ איז איר, קענטיק, געווען גוט ביטער, האָט זי זיך געמוזט אראָפּרעדן פונעם שווערן געמיט.

— ניטע, מיטאָי! — האָט זי דערויף אָנגעשריגן, ווען דאָס כלבל האָט זי אָנגעהויבן רייסן ביים קלייד — ניטע, זאָג איך דיר!... געהערט אָן איינפאַל? — האָט זי ווידער גערעדט אין אוירוויינגס זייט אריין, אָלץ ניט קוקנדיק אויף אים. — ליסן, מיטאָי! — האָט זי געגומען שלעפּן איר קלייד פון דעם כלבס פיסק — לאָז אָפּ ס׳קלייד, זאָג איך דיר!...

אָבער דאָס כלבל האָט ניט אָפּגעלאָזט. עס האָט געריסן דאָס קלייד און געוואָרטשעט פון רציחה און הנאה צוזאמען, ביז די מאַדאַם איז שוין ארויס פון געדולד און דעם נפשל דערלאנגט א פּעטשל איבערן מאָרדעלע. ווען דאָס האָט ניט געהאָלפן, האָט זי עס אָנגע־כאפּט ביי אַן אויערל און עס אָנגעדרייט. דאָס הינטל האָט זיך מיישב געווען, אז עפּעס איז דאָ דער מער און עס האָט זיך פאַנאַנדערגעטשור־כעט פון זיין הינטישן טשאַד. עס האָט מסתמא דערפילט, אז עס איז סוף כל סוף ניט מער ווי א הונט און אז מיט קיין מענטש, אפילו מיט אַ באַלעבאָסטע, קען עס זיך ניט פאַרמעסטן, האָט עס זיך דעריבער אראָפּגעלאָזט לעבן דער באַלעבאָסטעס גראָבלעכע פיס, מיט ארונטער־געלאָזטע אויערלעך און מיט א פייכט, פלאַטשיק, בייז נעזל.

— איר ווייסט דען וואָס פאַר אַ צולהכעיסניק דאָס איז... — האָט זי גערעדט אין אוירוויינגס זייט אריין, אָלץ ניט קוקנדיק אויף אים — אַז עס שפּאַרט זיך עפּער איין, איז סכנות נפשות. מען מוז עס גלייך נאָכגעבן. קיין רגע וויל עס ניט וואַרטן. מיין מאַן זאָגט, אַז ס׳איז מיין אייגענע שולד. איך, זאָגט ער, האָב עס אזוי צולאָזט, דעם מיטאָי. איך האָב עס צולאָזט... דאָס, אַ דאַרף מען צולאָזן... איר׳ט נאָך אַזאַ צולהכעיסניק אויף דער וועלט ניט געזען...

— איך קען אייך פאַרזיכערן, — איז זי אָנגעגאַנגען ווייטער, ניט קוקנדיק אין זיין זייט אריין, — אַז אַזאַ באַהאַנדלונג ווי דאָס הינטל קריגט ביי מיר, וואָלט עס אין ערגעץ ניט געקראָגן. ס׳פעלט עס דען עפּעס ביי מיר? הם, דאָס איז דאָך טאָקע די צרה. ווען ס׳פעלט עס, וואָלט עס דאָך אזוי ניט קאָמאַנדעוועט, זיך אזוי ניט געוואָרפן. דאָס ווייסט דען ווי אנדערע אויף זיין פּלאַץ קומען אָפּ?... מיין מאַן זאָגט טאָקע, אַז איך גיב אים צופיל נאָך. דערהויפּט האָט ער אויס־צוזעצן קעגן דעם, וואָס כ׳נעם עס אין בעט אריין שלאָפן. יאָ, איך

שלאָף מיט מיטאָין אין איין בעט. איז וואָס? אז מ׳האָט ליב א מענטש, כ׳מיין אָ חיה, מעג מען שלאָפן צוזאַמען. מיטאַי איז א גאַנץ ריינע חיה. איך באָד אים אלע טאָג. כ׳זייף אים טאַקע גוט אויס אויך. אַ הונט מיט אַזאַ דעליקאַטער פעל דאַרף מען אַ סך באָדן. ס׳איז טאַקע דאָ אַ סך ארבעט, נאָר איך דענק, אַז ס׳איז ווערט.

— ס׳איז ווערט... מ׳דאַרף קענען מיטאָין כדי צו וויסן, צי ס׳איז ווערט. איר׳ט נאָך אַזאַ קלוגע זאַך אויף דער וועלט ניט געזען. — קלוג... אָט אין דעם באַשטייט טאַקע דאָס אומגליק, וואָס ער איז צו־קלוג. און ער ווייסט עס. צי ער ווייסט עס... ער איז דאָך אַזאַ משומד, אַז איר האָט נאָך אויף אייער לעבן אזוינס ניט געזען...

— ס׳קען זיין, אז ער איז ניט אינגאַנצן אומגערעכט דער מאַן מיינער. גיי — זאָגט ער צו מיר ביינאַכט, ווען מ׳דאַרף זיך לייגן שלאָפן, — דאָס אייניקל דיינס וואַרט שוין אויף דיר. זעסט, — זאָגט ער, — ווי ער גענעצט?... ער איז נעבעך טויט־מיד פון דער ארבעט... ער מאַכט זיך דאָס אַ קאַטאָוועס דער מאַן מיינער. ער האָט זיך ליב צו „דזשאָוקען״. אין דער אמתן איז ער גאָר „דזשעליס״. דאָס, זעט איר, אַרט מיך דוקא זייער ווייניק. אויב איר ווילט וויסן דעם אמת, טוט עס מיר נאָך הנאה אויך. אז אַ מאַן איז „דזשעליס״, איז א סימן, אַז ער איז נאָך אַביסעלע פאַרליבט אין ווייב. ס׳אַרייט, איך ווייס... — האָט זי פאַרענדיקט און פאַרזיכערט אוירווינגן, אלץ ניט קוקנדיק אויף אים.

— דער טראָבל איז וואָס ער וויל ניט עסן — מיטאַי, ניט דער מאַן מיינער. דער מאַן — אָ, ער עסט גראָד אַלצדינג. אָבער מיט מיטאָין האָב איך צרות. טיילמאָל רעגט ער מיך אזוי אויף, אז איך גיב זיך דאָס וואָרט ס׳זאָל מיך גאָרניט אַרן אפילו ווען ער וועט פאַסטן א טאָג צייט. דערנאָך גיב איך זיך א רעכן איבער. נאָך אלעמען, טראַכט איך, מיט וועמען וועל איך דאָ גיין פירן פּאָליטיק? ס׳איז דאָך א שטומע צונג. פאַרקלעמט מיר טאַקע דאָס הארץ און איך הויב גלייך אָן טראַכטן וואָס מ׳גיט אים אויף „סאַפּער״.

— וואָס ,מיינט איר, א שטייגער, האָט ער צום מיינסטן ליב? — האָט זי געפרעגט אוירווינגן, ניט קוקנדיק אויף אים — אנו, טרעפט... איר זאָלט אפילו זיין מיט אכצן קעפּ וועט איר ניט טרעפן... זיסע קאַרטאָפּליעס האָט ער ליב. א שטיקל „קעיק״, איינגעטונקען אין בראָנפן. איר האָט זיך פאַרגעשטעלט, אז דאָס קליינע באַשריגעניש זאָל זיין אַזאַ נאַשער? איך ניט. ס׳קאָן זיין, אַז דערפאַר איז ער אזוי

קליין. הינט, וואָס האָבן ליב זיסוואַרג און האַרבע זאַכן. זאָגט מען, וואַקסן ניט.

— שאַ, וואָס האָב איך געוואָלט זאָגן? מיין מאַן וועט שוין מסתמא באַלד קומען אויף מיטאָג. ער ארבעט דאָ ניט ווייט, קומט ער אהיים עסן. איז וואָס־זשע גיט מען טאַקע מיטאָין צו עסן? אלע טאָג האָב איך אזעלכע צרות מיט קאָפּ־דאַרעניש. מיט מיין מאַן האָב איך קיין דאגה ניט. ער עסט אלצדינג. וואָלט נאָר מיטאַי אזוי געגעסן.

— ווי שפּעט קען איצטער זיין? איר ווייסט גאָר וואָס: כ׳וועל אים גאָר אָפּקאָכן אַביסל קאַרטאָפליעס. כ׳וועל זיי צורייבן און אויס־מישן מיט פּוטער און מיט אביסל זיסער סמעטענע, וועל אפשר נאָך אריינטאָן אביסל צוקער אויך, אפשר וועט ער עסן, דער משומד. ווי שפּעט איז, זאָגט איר? — האָט זי זיך איצט צום ערשטן מאָל אויס־געקירעוועט אין אוירווינגס זייט אריין און אויף אים א קוק געטאָן.

— קום, מיטאַי, מען דאַרף גיין... — האָט זי זיך ראַפּטום געגעבן אַ שטעל־אויף, אַנטרעפנדיק זיך מיט אוירווינגס הונגעריקע, גלאָצנדיקע אויגן און מיט די צווי בלייכע ליפּן זיינע, איינע איבער דער אנדערער פאַרצויגן — ס׳ווערט שפּעט. קום, וועל איך דיר מאַכן עפּעס צו עסן...

און זי האָט אוועקגעשפּאַנט, וואַקלענדיק זיך אויף אירע דיקע פיס פירנדיק מיטאָין ביים רימענדל. דאָס הינטל, צי פאַר פריידן, וואָס ער גייט אַהיים, צי גלאַט פון צייט־פאַרטרייב, האָט פאַריסן דאָס ברוינע, געדרייטע ווײַדעלע אינדערהויך און געבולן אויף זיין קליין, דין קולכל — געבולן אויף איר, דער באַלעבאָסטע זיינער, סתם אזוי זיך, מסתמא, ווייל זי האָט זיך אַנדערש ניט פאַרדינט.

אוירווינג איז געבליבן זיצן אין דערזעלבער פּאָזע און האָט זיי נאָכגעקוקט מיט אַ פאַרגלעזערטן, גלייכגילטיקן בליק.

מיט אַמאָל האָט ער זיך ווי אויפגעכאַפּט פון שלאָף. ער האָט זיך אויפגעשטעלט, איז געשטאַנען א ווײַלע אומבאַשטימט און אומאַנט־שלאָסן. עס איז שווער געווען צו זאָגן, צי טראַכט ער וואָס ווייטער צו טאָן, וואוהין ווייטער צו גיין, צי פאַרענדיקט ער דעם טשאַדיקן שלאָף, אין וועלכן ער איז געווען פאַרזונקען ליגנדיק אויפן גראָז און שפּעטער זיצנדיק אויף דער באַנק. אָבער לאַנג האָט עס אזוי ניט אָנגעהאַלטן. אזוי גיך ווי ער האָט געמאַכט דעם ערשטן טראָט, האָט ער זיך ווי פאַנאַנדערגעטשוכעט. מיטן רעקל אויף דער האַנט, לאַנג,

דאָר, מיט אַן אומבאַוועגלעך פֿינצטער פּנים, מיט איינגעצויגענע הויטן, האָט ער זיך געלאָזט שפּאַנען ווייטער.

ער איז געגאַנגען איבער גאַסן און געסלעך, איבער פּאַרקן און עוועניוס. דער הימל איבער זיין קאָפּ האָט זיך שוין עטלעכע מאָל געהאַט פֿאַרוואָלקנט און צוריק זיך אויסגעלייטערט. ער האָט שוין מער ניט געפֿילט די פֿייכטקייט און די שטיקעניש. צי ס׳איז שוין געווען צוועלף אַזייגער, צי איינס, צי נאָך שפּעטער, האָט ער ניט גע־וואוסט. און ס׳איז קיין נפקא מינא ניט געווען אויך. קיינער האָט אויף אים ניט געוואַרט און ער האָט אין ערגעץ ניט געדאַרפֿט אָנקומען. אין זיין גאַנג און אין זיינע טריט האָט זיך געזען און געהערט דער צער פֿון איבעריקייט אויף דער לעבעדיקער, שפּרודלדיקער וועלט. זיין יונגער, אויסגעמוטשעטער, אָבער אַטלעטישער קערפּער האָט זיך געשלייכט אַ ווינענדיקער, אַ באַליידיקטער, אַן ארויסגעוואָרפֿענער פֿון דער געזעלשאַפֿט, אַן ארויסגעשפּיגענער פֿון דער וועלט. דער גע־ווינלעך האַרטער, כאַראַקטערפֿולער מענטש איז איצט געווען געבראָכן און ווייך. די הוילקייט אויפֿן האַרץ האָט אים פֿאַרשאַפֿט פֿיזישן פּיין און די ליידיקייט אינעם מאָגן האָט אים געאיבלט מיט ווייטאָג און שאַנד. אַ פֿאַרטריקנטער, אַ צעבראָכענער איז ער געגאַנגען און געוויינט אָן טרערן און געשאָלטן אָן קללות ביז זיין אויג האָט זיך אָנגעשלאָגן אָן אַ קניענדיקן מאַן, וואָס איז געשטאַנען לעבן אַ חורבה, געשטאַנען אויף זיינע קני, מיט צוזאַמענגעלייגטע הענט, און געבעטן.

דער פּלאַץ איז געווען אַ ליידיקער, דער געגנט אַ פֿאַרוואָרפֿענער. אויף ווי ווייט דאָס אויג האָט געקענט ארומנעמען, האָט מען געזען גראָז, הימל, עטלעכע נאַסע ריווען, און — די חורבה. אַמאָל איז דאָ מסתמא עפּעס געווען. אפֿשר אַ פֿישער־הייזל, אפֿשר אַ פּאַטרול־הויז. אַמאָל איז דאָ זיכער עפּעס געווען. אָבער איצט איז געשטאַנען אַ חורבה און אַ מאַן האָט לעבן איר געקניט און געבעטן צו גאָט.

צו גאָט... ווער קען וויסן?... אפֿשר האָט ער גאָר געבעטן צו די שטיינער? אפֿשר גאָר צו דער לאָנקע, צו די שטומע גראָזן? — ענטפֿערן ניט אַמאָל טויטע שטיינער און שטומע גראָזן גיכער ווי גאָט אַליין? ווער קען וויסן צו וועמען דער מענטש האָט געבעטן?

ער איז געווען אַן עלטערער מענטש, אפֿשר פֿון זעכציק יאָר, און ער האָט געטראָגן זייער אַלטע, זייער אָפּגענוצטע מלבושים. זיין פּנים האָט אויסגעזען שלאַף און פֿאַרקרענקט. די אויגן האָט ער געהאַלטן צוגעמאַכט, אָבער דורך די געשלאָסענע דעקלעך האָט זיך

דורכגעריסן דער רעליגיעזער אָפּגלאַנץ. דער מענטש האָט געוויינט. די טרערן־פייכטקייט האָט זיך דורכגעזילבערט פון צווישן די דינע וויע־הערלעך. זיין געבעט איז געווען אויסגעצויגן און שטיל. אָבער די טרערן פון זיינע געשלאָסענע אויגן זיינען וואָס אמאָל געוואָרן שטראָמיקער און פליסנדיקער. דינע ריטשקעלעך האָבן זיך אָפּגעזעצט אין די קנייטשן פון זיין צעאַקערט פנים, און עס האָט זיך געדאַכט ווי זיין פנים וואָלט ראַפּטום באַקומען צענדליקער אויגן — פייכטע, גלאַנציקע, טרערנפולע אויגן.

אוירווינג איז געזעסן אנטקעגנאיבער, אויף א גרודע אָפּגעקריי־שלטע שטיינער, מיטן רעקל אויף די קני, און האָט ניט אראָפּגענומען די אויגן פונעם מאַן. מען האָט געקענט זען, אז ער האָט אָנגעהויבן מיטלעבן יעדע עמאָציע און יעדן אינערלעכן אויסברוך פון דעם פרעמדן מענטש. אין אָנפאַנג איז זיין פנים געבליבן קאַלט און אומ־פאַרענדערט. ער האָט מיט גאָרניט ארויסגעגעבן אז ער אסאָציאירט זיך מיט דעם מענטש, וואָס אנטקעגנאיבער. סטאַטוע־מעסיק איז ער געזעסן, מיט דעם אויסגעצויגענעם, אויסגעצערטן פנים זיינעם, אויף וועלכן קיין אָדער האָט ניט קיין ציטער געטאָן און קיין איינציקער מוסקול האָט ניט וויברירט. אָבער די אויגן האָט ער דאָך געהאַלטן צוגעשמידט צום פרעמדנס פנים די גאַנצע צייט און זיי האָבן נאָכגע־פאָלגט ניט נאָר יעדן פיזישן קער און ווענד, ניט נאָר דאָס געבעט און די דינע ריטשקעלעך טרערן, וואָס האָבן ווי בגנבה ארויסגע־שטראָמט פון דעם אלטנס געשלאָסענע אויגן, נאָר אויך דעם אינער־לעכן ציטער, דעם אינווייניקסטן צאַפּל, וואָס האָט זיך איבערגעגעבן דורך יענעמס תפילה, דורך יענעמס שעפּטשן מיט די ליפּן, ביז וואָנען ער אליין, אוירווינג, איז אָנגעשטעקט געוואָרן מיט יענעמס צער, וואָס איז איצט אודאי אויך געווען זיין צער; ביז וואָנען ער איז אָנגעפילט געוואָרן מיט יענעמס טרויער, מיט יענעמס עלנט, מיט יענעמס פּיין — און ער האָט אָנגעהויבן מיטצוואוויינען. אומבאַמערקט פון זיך אליין, אומדערוואַרט און זיכער אומוויליק איז דער אויסגעליידיקטער קוואַל פון זיינע אויגן איבערפולט געוואָרן און ער האָט אָנגעהויבן וויינען, ער, וואָס האָט אויף זיין לעבן אזוי פיל געליטן און קיינמאָל קיין טרער ניט געקענט פאַרגיסן, אפילו אין די ערגסטע, פאַרצווייפלטסטע שעהן זיינע, האָט איצט געוויינט. די דינע, אָפּגעצערטע הויטן פון זיינע באַקן זיינען פייכט געוואָרן פון דער געזאַלצענער פליסיקייט, וואָס האָט זיי געוואַשן. און באַלד האָבן אַנדערע קוואַלן זיך אין אים

געעפנט. קוואַלן פון פּיין, פון בושה, פון דערנידערונג און פון הילפ־לאָזיקייט. זיין לײדיק האַרץ האָט גענומען איבערגיין. הייסע, פּייכטע כוואַליעס האָבן דאָרטן גענומען שפּרינגען איינע אויף די אַנדערע. אין האַלדז איז אים געוואָרן ענג. דאָס אָטעמען איז אים געוואָרן שווער. פאַרשטיקטע, שלוכצען האָבן זיך גענומען פון אים רייסן. ביידע מענער זיינען איצטער געוואָרן איינס. אומגליק, נויט און מיזעריע האָט זיי איצט פאַראייניקט. איצטער זיינען זיי שוין ניט געווען איינזאַם. זיי האָבן געהאַט איינס דאָס אַנדערע. אומגערעדט און אומבאַקאַנט האָבן זיי זיך דערקענט.

דער עלטערער איז אויפגעשטאַנען פון זיין געבעט, האָט אַרויס־גענומען אַ טיכל פון קעשענע און זיך אָפּגעווישט די טרערן און דעם שווייס פון זיין פּנים. דערנאָך האָט ער אַ קוק געטאָן אויף אוירוויִנגן, זען, צי ער איז נאָך דאָ. עס האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט די גאַנצע צייט פון זיין געבעט געוואוסט, אַז דאָ, נאָנט לעבן אים, געפינט זיך אַ ברודער אין לייד, און אַז ער האָט פאַר אים, פּונקט ווי פאַר זיך, געבעטן צו גאָט אויף אַ דערלייכטערונג אין שווערן לעבן.

●

לידער

מאַטעס דייטש

די פרוי

איך זאָג דיר אַז די פרוי, גאָט,
גייט ווי אַ באַרג איבער מיר
מיט איר לייכט־זיידענעם טראָט, —
אַלץ קאָן איך זאָגן אויף איר:
אַ ביקס, געצילט אויף וואַלדיקן רינד;
זי איז דער ווילדסטער געבאָט
און שמעקט ווי אַן ערשט געבוירן קינד.

לידער

וואָס זיינען אָפּגעטער קעגן איר?
דאָס גאָלד אין דייסן קאָלב רויט צעגליט
זי איז דער ערשטער פון שדי׳ס שיר, —
מע קניט צו איר און מע ווערט ניט מיד.
עס העלפט ניט צווייפלען אין איר צימאָל,
ווייל שווער פאָלט עס צוריק אויף דיר
און הויבסט אָן פילן דיין פאַלשע ראָל.

ס׳איז גאָלע מדבר לעם איר צו זיין;
אָן איר? די ימיקע וויסטעניי.
אַ ניטגוטער זאָל אין איר אַריין
און זיין זאָל ער טאָקע איך אויפסניי.
כ׳בין אַ פאַרווירטער, ניט קיין טרעפער,
און זי בלענדט ווי אין דאָרן דיין שיין, —
כ׳קאָן זי, ווי כ׳קאָן דיך, מיין באַשעפער.

כ׳נויג אויף איר אָרעם שטום און טראַכט:
כ׳בין מיד און אַ וועלט־פעסימיסט;
לעם איר טאָגט, אַמאָל ווערט אויך — נאַכט
און איר גוט־יאַגנטעף ווערט פאַרמיאוסט
פון גאָר־דעם־סוף — אַנטפּלעקטער סוד.
אַ, גאָט־בליץ, דו ברילִיאַנט אין מיסט
טייע אויף אין קאָשמאַר — דיין גנאָד.

אַן אַלטער רעקאָרד

1

אַן אַלטער רעקאָרד, אַ פאַרשטויבטער,
צעדריבלט נייע שטימונגען אין מיר;
זיי דערמאָנען און פאַרטראָגן צו די צייטן
ווען שטערן האָבן געזונגען
און נאַכט איז געפאַלן אין אַ שטיל געבעט
מיט איר פּנים צו דער ערד

און פייכט געמאכט די תמימותדיקע גראָזן.
נאָר דער מענטש, אוי, דער מענטש.
ער האָט געפאָרשט, ער האָט געגישטערט צו דערגרייכן
אַט־דאָס וואָס מיר האָבן היינט;
כאָטש עס פאַלט אויף אונדזער געביין
שווערער נאָך ווי דאָס בויען פון פתם ורעמסס,
צי דער מאָדערנער דאַכאַו
און איצט? ערשט אַצינד פאָרשן מיר פונסניי,
מיר פאָרשן און נישטערן
צו דערגרייכן ווידער דאָסזעלבע
וואָס מיר האָבן שוין אַמאָל געהאַט
נאָר ניט געוואוסט ווי טייער עס צו האַלטן, —
אָ, גאָט, גיב אַ רעגן פאַר די קליינע מענטשנס וועגן.

2

איך בין אַליין אין אָקטאָבערדיקן וואַלד,
קיינער איז ניטאָ לעם מיר.
די שטילקייט רעדט ווי שטענדיק
אַלטע געדאַנקען אין נייעם איצטער.
איך פאַרמאַך און עפן אויף די אויגן,
פאַרמאַך זיי און דריק זיי אין דער פאַרמאַכטקייט.
דערזע איך די וועלט — אַ כמאַרע־אַנקום
מיט בינען און היישעריקן;
איך פיל אַ זיסקייט און אַ גיפטיקייט.
דער ווינט גלעט מיך, שויבערט מיינע האָר
און בלאָזט אויף מיר ווי אַ קילער פעכער.
כ׳מאַך אויף מיינע אויגן.
און זע אַ סך זאַכן נאָר ניט די וועלט.
איך בין אַליין און נער זיך מיט דער אַליינקייט
ווי גאָט אין ליכט און אין פינצטערניש, —
און ווי ער ווייס איך ניט
וואו איך הויב זיך אָן
און וואו איך ענדיק זיך.

שאַריאַונג

דריי פענצטער, אַ פּיאַנאָ,
אַ ביזאַנטישער קאַוויאַר.
פאַרלאָזט אין לעצטן שפּאַן — פאַנטאַפּל.
עס געבערט זיך אַנטפּלעקטער קאַיאַר.

דער מענטש זעט זיך ניט אָן,
אַ באַרג בלויז פּאַטלעס האָר
בייגט זיך איבער דער פּיאַנאָ
אין אַ מינוט — אַ יאָר.

אומגעריכט באַוויַיזט זיך בעטהאָוון —
אַ ליכטיקער מעטאַפאָר,
ער מישט די קלאַווישן, בלעטערט זיי
ווי מיט געמעלן אַ בוך אַזוי קלאָר.

האַרמאָניִשע פאָרם געשטאַלטיקט אַלץ
אויף שטענדיק, צום אייביקן וואָר.
עס האַלט אָן, עס שטייגט די טעמפּאָ
אין גראַדאַציע ביז גאָר און גאָר.

ס'ווערט שטיל, רואיק, אַנטשוויגן;
עס דרעמלען צוריק איין אין קאַיאַר:
דריי פענצטער, אַ פּיאַנאָ,
אַ ביזאַנטישער קאַוויאַר.

לידער

לוי גאָלדבערג

יונגע עפּל...

דער פריצטעס סאַד איז אין דער מאַמעס רשות,
האָט זי אָװעקגעשטעלט פאַר דעם רוחדיקן געגוס —
אין זומער נעכט — צװישן די בוימער —
דעם טאַטן מײנעם, פאַר אַ שומר,
און מיך,
פאַר אַ ריח, —
קעגן דעם הײשעריק — שקצים, אײנגלעך װילדע,
װי פאַר רױב־פױגל, אַ סטראַשידלע.

פון די פּרוכפּערדיקע עפּל און באַרן בוימער,
די צװײַגן הענגען נידעריק, און נאַכגיביק,
װי מיט שװערע צירונג.
פון װײַטנס באַרירונג
צו די אַדערדיקע שטאַמען, די װערעמדיקע פאַלן צו,
װי טויט װאָלט צוגעקומען צוריק צום אורשפּרונג ערד.
אויף בוימער — שטאָלצע געשטעלן —
די זאַנפטע קאַרשן בליען,
פול און רויט,
קײַלעכדיק װי קרעלן.
געמערט
אין טונקעלן פּורפּור, װאַקסן די װײַנפּערלעך און די פלוימען.
מיט זאַפטיקײט שוימען
די פלאַנצנדיקע פּאַרזײַטע
מאַלינעס, װי יאַגדעס רויטע.
אויף קוטשעראַװע נידעריקע בוימלעך —
די אַגרעסן, בלײַכע און גרינע
אַלץ בליט אין שוץ פון גאָטס שכינה.

נאָר װען אין בראַנד
די זון—אַ געלער קירבעס—דערקײַקלט זיך צום מערב ראַנד!

ל י ד ע ר

און דער טאַטע בענטשט דעם באַשעפער
פאַר נאָך אַ טאָג, אין זיין דאַוונדיקן פּרעפּל,
דעמאָלט, זאמלט אויף די מאַמע אין איר שויס אַריין
דעם אָפּפאַל, צעוואונדיקטע פון ווערים.
און מיך, שטיקן טרערן
אויפן טויט פון די יונגע שיינע עפּל.

אַ מענטש אין רעגן

אימפּעטדיקע שטרייפן רעגן,
ווי אַ זעג וואָלט עס צעזעגן.
פון דער הויך אויף דער ערד אַראָפּ,
יאָגן זיך אין אַ גאַלאָפּ.
און צווישן רוים און נידער,
אַ פּינטעלע, — אַ מענטש אַ מידער
גייט אַנטקעגן רעגן לץ,
ווי אַ ציל־ברעט פאַר דער נעץ.

טראָפּנס, טראָפּנס, זיך צו איילן
שטעכן אים מיט רעגן־פייַלן.
ווילדעווען מיט העכסטן כעס:
— הימל־אָזער אַוועק פון גאָס!

נאָר דער מענטש, אַן איינגעשפּאַרטער,
הויט און ביין, — אַן איינגעדאַרטער,
ווי ניט אים וואָלט עס געמיינט,
גייט, ווי גאָס וואָלט אים באַוויינט.

לעבן מיינס

פאַרגלייך זיך מיט דער וואָך,
וואָס האָט איין טאָג — רו פאַר מי
און זיבן נעכט מיט שטערן גלי
לעבן מיינס!
די זעקס וואָכן־טעג, אָרעמע, פרעמדע

לוי גאָלדבערג

גייען אײַנגעשפּאַנט אין כאָמעט
פון דײַן יאָך.
איין טאָג איז דיר אויסגעלייזט,
און ווי אין נאַכט אַ טרייסט —
איז ער שטענדיק דײַנער.
און רײַך
מיט זעלן־פרייד דײַן דויער צו פאַרווײַלן.

האַלט זיך אָנגעשפּאַרט
אויף זעקס פּראָסטע זײַלן —
אין ליכט פון שטערן נעכט —
דער אײַנטאָגיקער קעניגרײַך
פון דײַן לעבן:
וואו עס ברענט אַ נר תמיד
מיט יענעם הייליקן נס
פון דעם קריגעלע אויל.
איז דער וואויל
לעבן מײַנער...

אַ ניט געשריבן ליד

דײַן פּען זשאַווערט אין האַלטער,
דאָס פּאַפּיר איז ווײַס ביט געלינט.
פון האַנט די פינגער שלאָפן,
און ס'טריקנט אין טינטער דער טינט.

דער זייגער טרײַבט די ווייזערס,
די זון אויף די שויבן צערינט.
עס שלאָגן זיך ווערטער ווי שונאים,
און גאַרנישט מיט גאַרנישט זיך בינדט.

און אָט גייט אויף אַ דערמאָנונג,
זײַן נאָמען — ער צייכנט געשווינדט.
אַ טונקעלע כמאַרע צעשפּרייט זיך,
די ליכטיקע זעאונג, פאַרשווינדט.

ל י ד ע ר

דאָס ווייס פון פּאַפּיר דערשרעקט אים
דורכן גוף זיינעם לויפט דורך אַ ווינט:
דאָס ווייסקייט דערמאָנט אים אַן מאַרמער
אַ שטיין, דעם סוף וואָס באַזינגט.

דעם נאָמען אליין זיך געצייכנט
מיט קריץ פון זיין פּען זיך באַדינט.
„פה נקבר" וועט אַן אַנדערער שרייבן
מיט דעם לעצטן פאַרטריקנטן טינט.

אומגליקן ריידן

אויב מיר האָבן יאָ געהאַט אַ זין,
איז עס פאַרן ליד, פאַר דעם מעשהלע וואָס קומט אונדז לייטערן,
די איבערשעפער אונדזערע, נעמען אונדז פון טהרה־ברעט
ארויף אויף זייער שרייב־טיש,
און מיטן פּענס קריציקן גלעט
פון זייער שרייב אַלכעמישן געמיש,
ווערן מיר פאַרבאַלזאַמירט
און געהייליקט
צווישן טאָוול־ען אויף בלעטער,
און ליכט
פאַר שפּעטער.
אַז דורות וואָס וועלן קומען נאָך אונדז,
זאָלן האָבן פון וואָגען איינצוזאָפּן
אונדזער צאָרן און געשריי: —
כדי —
צו זיין געשטאַרקט קעגן אַ סקנהדיקייט.
כדי צו זיין די אויפבויער פאַר אַ ליכטיקערע צייט
וואָס מוז דאָך קומען.
ווייל אין זין גענומען —
האָבן מיר דאָך נאָר געלעבט אין די ציקלען
פון אַן הקדמה צו אַ מעשה.
די מעשה גופא דאַרף זיך ערשט פאַנאַנדערוויקלען.

וועט עס זיין אונדז און די פּאַראייביקער אונדזערע צו דאַנקען;
ווייל דורך אונדזערע פּיינעך, וועלן זיי דאָך זיין געהיילט.
און דורך אונדזערע תּפילות, וועלן זיי דאָך זיין געלייטערט.
וועלן אַלע מענטשן גליקלעך זיין.
אויסדערוויילט
דאָס אייביק דרייענדיקע ראָד צו טרייבן ווייטער.

●

דער חסידישער מאָטיוו אין דער מאָדערנער יידישער פּאָעזיע

אברהם ביק

1.

דער חסידיזם איז די דינאַמישסטע באַוועגונג פון דער יידישער רעליגיע. אין חסידות ליגט אקומולירט אַ גרויסע שעפערישקייט. חסידות איז די ערשטע רעליגיעזע באַוועגונג וואָס האָט דערזען דעם פיל־ערדיקן און פיל־הימלדיקן דאַ־זיין. ניטאָ נאָך אַזאַ באַוועגונג אין דער יידישער געשיכטע וואו דער רעליגיעזער אימפּעט און עקסטאַז זאָל האָבן דערגרייכט די גרעסטע מדרגה ווי אין חסידות. חסידות איז ניט נאָר געוואָרן דער ריטמישסטער בונד פון דער וועלט מיט גאָט, נאָר אויך דער ענערגישסטער מאָטאָר פון רעליגיעזער שעפערישקייט.

נאָך אַסך יאָרן פון קאַלטן סכאָלאַסטישן דענקען, פאָרמאַליזם און סטאַטישקייט אין דער ייִדיש־רעליגיעזער וועלט איז געקומען חסידות מיט איר דינאַמיק, מיט איר רעליגיעז־רעוואָלוציאָנערן אויפברויז. עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט וואָס חסידות האָט אַזוי גוואַלדיק באַפרוכפּערט דאָס יידיש־קינסטלערישע וואָרט.

---

*) אין דער עסיי איז בלויז פאַרעפנטלעכט א טייל פון א גרעסערער ארבעט וואָס דער מחבר האָט פאַרטיק צום דרוק.

די דבקות מיטן רוים, די צענויפגיסונג, דער „סוד היחוד" מיט דער נאַטור, דאָס אַנטפּלעקן דעם איינגעווייד פון אַלע זאַכן, די וואונ־דערבאַרע פשטות און רירנדע באַשיידנקייט, דער פאָלקס־חן און תמימות, די ליכטיקע, שטראַליקע פרייד, דער גלויבן אַז גאָט איז אומעטום און אין אַלץ, דאָס אַלץ האָט אָפּגעפּרישט די יידישע קינסט־לערישקייט. „אינאיינעם מיט דער באַרייכערונג, אָפּפּרישונג פון רע־ליגיעזן געפיל, איז פאָרגעקומען אין דער תקופה פון חסידות אַן אויסערגעוויינלעכע אויפלעבונג. עס האָט אויפגעוועקט די יידישע קינסטלערישקייט, עס האָט זיך צעשפּילט די יידישע פאַנטאַזיע". (ש. ניגער אין זיין אַרבעט ר׳ נחמן בראסלאוער, פארלאג ב. קלעצקין, ווילנע 1932).

עס איז טאַקע ניט קיין וואונדער וואָס די יידישע ליטעראַטור האָט אין דעם חסידיזים דערזען אַ קוואַל פון פּראָזאַאיש־פילאָזאָפישער און פּאָעטיש־לירישער באַגייסטערונג. די חסידישע מעשה האָט אָנ־געהויבן שפּייזן די מחשבה פון דעם ליטעראַטור שעפער. חסידות האָט אריינגעבלאָזן אַ נייעם אָטעם אין דער וואָרט־קונסט. חסידות אליין אין איר אַלטער פאָרם, אין איר אייגנאַרט האָט פאַרמאָגט אַ קינסטלעריש־מיסטישן שימער. דעם בעל שם טובס וואָרט און גאַנג איז געווען געזאַנג. יעדער וואָרט פון מעזריטשער איז געווען קדושה געוועבט אין פאַנטאַסטיק. יעדער געדאַנק פון ר׳ יעקב יוסף דעם בעל „התולדות" איז געווען פילאָזאָפישע קינסטלערישקייט. פילאָזאָפיע אין אַן אייגנאַרטיקן פאָלקס־סטיל. פון ר׳ לוי יצחקס פלאַמענדיקער ליבע און פריידיקן בטחון, אויסגעדריקט אין די פאָלקס געזאַנגען „אַ דודע" און „גאָט פון אברהם", איז דאָך אָפּגערעדט.

צו דער העכסטער מדרגה פון קינסטלערישקייט איז חסידות דער־גאַנגען אינעם שאַפן פון ר׳ נחמן בראַסלאָווער. דער בראַסלאָווער איז געווען די אמתע פאַרקערפּערונג פון דיכטער, קינסטלער און פילאָזאָף. זיינע „ספורי מעשיות" זיינען פאַרבליבן מאָנומענטאַל־פּאָע־טישע, קינסטלעריש־פילאָזאָפישע ווערק. ר׳ נחמן איז געווען דער קוואַל פון עלעגיע און ליריזם און דערביי צויבערדיק־קינסטלעריש. מיר געפינען אין זיינע כתבים הונדערטער ברוינזנדע פאַרדבקהטע השתפכות הנפשדיקע הימנען וואָס האָבן קיין גלייכן ניט אין דער פּאָעזיע. כ׳וועל ברענגען איין ציטאַט, אַ ביישפּיל פון הונדערטער אַזעלכע: „כ׳בין געגליכן צו איינעם וואָס בלאָנדזשעט אום טאָג

און נאַכט אין אַ מדבר און מיעט זיך און מאַטערט זיך צו מאַכן פון מדבר א ישוב.״*)

„יעדער מענטש האָט זיין גן־עדן אויסגעמאָלן אויף זיין פּנים״, אָדער אַזאַ מעטאפאר: „דאָס האַרץ שיינקט דעם קוואַל אַ טאָג במר־תנה״, וואָס דריקט אויס אַ טיפע רעליגיעז־מעטאַפיזישע פילאָזאָפיע. אסך פּאָעטיש־קינסטלערישע אימאַזשן געפינען מיר ביי ר׳ נחמנס תלמיד, ר׳ נתן הירשנהאַרץ דער „אַפּאָסטאָל״ פון דער בראַסלאַווער תורה. „מיין דהאַרץ האָט געטראָגן די פּיס.״ „איך האָב זוכה געווען דאָרט צו טאַנצן מיט דער נשמה.״ אזעלכע אויסדרוקן, מעטאַפאָרן און אימאַזשן ווערן פאַרבלייבן שיינענדיקע פּערל אין דער יידישער פּאָע־טישער קינסטלערישקייט.

אפילו דער טויט איז ביים בראַסלאַווער קינסטלעריש־פּאָעטיש פאַרהערלעכט געוואָרן. „איך וויל בלייבן צווישן אייך און איר זאָלט קומען אויף מיין קבר״, אָט די ווערטער וועלכע האָבן אָנגעצונדן מאַסן וואָס ציען זיך נאָך היינט פאַרגלויבטע אויפן קבר, שווארצן גרענעצן ביז זיי קומען צום מיסטישן אוהל אין דער סאָוועטישער אומאַן, האָבן אויסגעדריקט א פילאָזאָפישע וועלט־אַנשויאונג אז דער טויט איז ניט די פולע פאַרניכטונג פון לעבן, נאָר אַן איבערגאַנג צו אַ נייעם לעבן. אָט די ווערטער און דער געדאַנק אַז דער טויט איז מער ניט ווי אַן איבערגאַנג פון איין חדר אין אַן אַנדערן, האָבן אפשר אומבאַוואוסטזיניק אָנגערעגט אויך דעם דיכטער ה. לייוויק, ביים שרייבן זיין „באַלאַדע פון דענווער סאַניטאַריום״, וואו דער טויט ווערט אַרומגערינגלט מיט אַ העלן גייסטיקן גלאַנץ. דער טויט ווערט ניט די פולע פאַרניכטונג פון לעבן, נאָר אַן איבערגאַנג פון אַן ערדישן לעבן צו אַ נייעם לעבן. ביים בראַסלאַווער און זיין שאַפן, האָט זיך אַנטפּלעקט דער קינסטלערישער כח פון חסידות.

2.

מיטן איינברוך פון משכילישן וועלט־באַנעם האָט די יידישע ליטעראַטור אָנגעהויבן ציען איר יניקה פון די לעבעדיקע רעליגיעזע קוואַלן, און איז שוין גלייך דעמאָלט געקומען אין באַריר מיטן חסידיזם. צום ערשטן אין דער פּראָזע, אָנגעהויבן פון פּרצן ביז שלום אַש

*) די ציטאַטן זיינען גענומען פון ש. ניגערס ״ר׳ נחמן בראַסלאַווער, ווילנע, 1932.

חסידישע ווערק דער „תהילים ייד." אין זיין דראמע „די גאָלדענע קייט" האָט פּרץ פאַר אונדז קינסטלעריש אָנטפּלעקט דעם רעוואָלוציאָנער־בונטאַרישן ר' מענדל קאָצקער, דעם הייליקן רחמימדיקן ר' משה לייב סאַסעווער, „אויב ניט נאָך העכער." און אין די „דריי מתנות" דעם פייערדיקן „קדוש השם" און די לויטערע אמונה פון די סלאָוויטער.

נאָכדעם זיינען געקומען אנכי אין זיין ר' אבא, אַפּאַטאָשו אין זיינע „פוילישע וועלדער", שלום אַש אין זיין „תהלים ייד", און ארויסגעפירט פאַר אונדז דעם קאָסמישן בעל שם. דעם קלוג־דיכטערישן ר' בונם.. דעם מילדן דבקותדיקן ר' איטשע מאיר גערער. פישל שניאורסאָן אין זיין חבדישן ראָמאַן „חיים גראָוויצער", האָט אונדז געגעבן אין אַ פּראָזאַאיש־לירישן אויסגוס דעם ריטם פון דער חבדישער נשמה. אפילו ביי י. י. זינגער אין זיין משכיליש־דראַמאַטישן ראָמאַן יאָשע קאַלב פילן מיר חסידישן באַנעם און התלהבות. חסידישן תוך און חסידישן לעבן האָבן אונדז אויך געגעבן ז. שניאור אין זיין „נאַפּאָלעאָן און דער רבי," י. באשעוויס אין זיין „דער שטן פון גאריי", י. בונין אין זיין „חבדיש" און אפילו ש. הארענטשיק אין זיין לעצט ווערק.

נאָך פּראָזע קומט די דראַמע. אין די לעצטע יאָרן האָבן זיך אויך באַוויזן אייגנאַרטיקע, חסידישע דראַמעס וואָס פאַרמאָגן חסידישע קערנדיקייט. אַזעלכע זיינען יונה ספּיוואַקס דראַמע ר' נחמן בראַסלאָווער, א. דאווידזאהנס „דער ליעווער רבי" און מ. ב. שטיינס דראַמע וועגן ר' מענדל קאָצקער, „ערד און הימל", וואו עס זעט זיך בולט דער רעליגיעז־בונטאַרישער וועלט־באַנעם פון קאָצק: „מיר מוזן גיין וואָס אמאָל העכער, אַז דאָס הארץ זאָל ווערן הימלדיק אַזוי מוזן מיר די גאַנצע וועלט צעפּלאַקערן אין אַיין ליכטיקן הימל." אַזעלכע ענלעכע אָפּאַריזמען, אין רוך פּאָעטיש־פילאָזאָפישע, ברענגט ניט נאָר מ. ב. שטיין אין זיין דראַמע, נאָר זיי זיינען אויך צעשפּרייט איבער דוד איגנאַטאָווס בראַסלאָווער מעשיות.

אָבער ניט וועגן חסידות אין דער פּראָזע וויל איך דאָ שרייבן. דער צוועק פון דער דאָזיקער אַרבעט איז צו באַהאַנדלען דעם חסידישן מאָטיוו אַלס אַ טייל פון דעם אַלגעמיינעם רעליגיעזן מאָטיוו אין דער פּאָעזיע.

3.

דער קען־צייכן פון חסידות איז אַ פּאָעטישער. האַלטן דאַך אַסך אַז ס׳האָט בכלל קיין זין ניט אויסצוטיילן די רעליגיעזע פּאָעזיע פון דער גאַנצער פּאָעזיע, ווייל וואָס איז דען דער תמצית פון פּאָעזיע אויב ניט דאָס באַהעפטן זיך מיט די פאַרבאָרגנסטע קוואַלן, מיטן האַרץ פון דער וועלט און מיט דער נאַטור.

דער חסידיזם וואָס האָט פאַרליבט דעם יידישן מענטשן אין דער גאַנצער וועלט, ווייל די וועלט איז גאָט, איז אַזוי אַרום געוואָרן אַ מין פּאָעטישע רעוואָלוציע אין דער יידישער ליטעראַטור.

די חסידישע תורה־מעשה, געדאַנק און בילד, איז געווען אַ פּראָ־דוקט פון אַ לעבעדיקער, פרישער פאַנטאַזיע, און די פאַנטאַזיע איז דאָך דער מקור פון פּאָעטיש־קינסטלערישן שאַפן. די מעשות און לעגענ־דעס וואָס בליען אויפן גרויסן חסידות בוים פון וואָרצל אָן — דער בעל שם — ביז די צווייגן — די אַלע חסידישע פירער און לערער — זיינען אין תוך פּאָעזיע.

פון די סמנים מובהקים פון דער פּאָעזיע, אפשר טאָקע דער איינציקער סימן מובהק, איז די צענויפגיסונג און באַהעפטונג מיט דער נאַטור. מיר פילן אין חסידות, אין אַלע אירע שטרעמונגען, די זאַפטיקע ריחות פון דער אוקראַינער לאַנדשאַפט. דעם הימל און די שטערן פון די קאַרפּאַטן בערג. די ליימיקע ערד פון דער מאָלדאַווע און דעם געדיכטן וואַלד־ריח פון קאַצק. דער בעש״ט אַליין האָט אויף די קאַרפּאַטן דערשפּירט דעם אָטעם פון דער פאַרכשופטער סודותדיקער וועלט, פאַרנומען יעדער זילב און קלאַנג פון דער נאַטור, דעם ציטער פון א בלאַט און שאָרך פון אַ ווינטל וואָס וויגט זיך ווי אַ תפילה איבער באַרג און טאָל. אין אַלץ איז גאָט און אומעטום שוועבן לעבעדיקע נשמות. און ניט נאָר דער בעש״ט, ר׳ פנחס קאָריצער און ר׳ אייזיקל קאַלעווער, וואָס איז אין זיין יוגנט געווען א פּאַסטוך. זיי האָבן געפּראַוועט התבודדות אין וואַלד ביי די קוסטעס, אויף לאַנקעס און ביי די טייכן. אויף ר׳ נחמן בראַס־לאָווער ווערט דערציילט, אַז אין זיין יוגנט, גלייך נאָך דער חתונה, פלעגט ער שעהען לאַנג פאַרברענגען אין פעלד. דאָרט פלעגט זיך זיין פּאָעטיש־מיסטישע נשמה באַהעפטן מיט דער נאַטור. ר׳ נחמן האָט טאָקע געשאַפן אַ סך קינסטלערישע נאַטור־שילדערונגען וועלכע

זיינען צעוואָרפן איבער זיינע ווערק. איך וועל זיך באַנוגענען מיט ברענגען אייניקע ציטאַטן:

„ווינטער איז אין דער בחינה פון עיבור און אַלע גראָזן און שפּראָצונגען זיינען טויט. אָבער אַז עס ווערט זומער, וואָס איז געבורט, דאַן וואַכן זיי אויף. איז גוט דעמאָלט אַרויסצוגיין שפּאַצירן אַליין אין די פעלדער. דאָס שפּאַצירן אַליין איז אַ תפילה און אַ געבעט, און אַ גלוסטונג און אַ בענקעניש צו גאָט. אַלע גרעזעלעך פון פעלד וואָס הייבן אָן צו לעבן און שפּראָצן ווערן באַהעפט און ווערן אַריינגענומען אין דער תפילה און דעם געבעט.״

וועגן דעם פילאָזאָף פון חסידות ר׳ שניאור זלמן, דעם בעל „התניא״, ווערט דערציילט, אַז ער איז געקומען פון ליבשאַפט פון באַשאַפער צום באַשאַף. ער האָט געהערט אין די אַקאָרדן פון דער בריאה, אין די קלאַנגען פון דער נאַטור, גאָטס קול. אַמאָל דערציילט די חסידישע לעגענדע פלעגט ער פאַרברענגען שעהען לאַנג אין פעלד. אמאָל האָט דער „תניא״ געפרעגט זיין זון:

— מיט וואָס דאַוונסטו מיין זון?

— מיט כונה האָט דער זון געענטפערט. איך דאַוון מיטן פסוק „וכל קומה לפניך תשתחוה״.

און איך דאַוון מיטן פויגל אויפן בוים, מיטן רויש פון ווינט, מיטן שאָרך פון בלעטער־פאַל, מיטן פויגל אין שטייג און אפילו מיטן שפּראָץ פון דער וואַזאָנע, האָט דער רבי געענטפערט. אָבער חסידות האָט ניט נאָר געבראַכט מיט זיך אַ מיסטיש־פאַרהוילן דערזען, נאָר אויך א באַזונדער קלאַנג, באַוועגונג און ריטם.

4.

די חסידישע לעגענדעס און מעשות, ווי די אינטימע איבער־לעבונגען פון די זיילן פון חסידות אין זייער הייס־צאַפּלדיקן בענקען נאָך גאָט, האָבן געפונען אַ קלאַנגפולן אויסברוך ביי א היבשן טייל חשובע פאָרשטייער פון דער יידישער פּאָעזיע. עס איז שוין איצט דאָ אַ גרויסער ציקל חסידישע לידער, וואָס אין זיי האָט זיך אויס־געקריסטאַליזירט אַ באַשטימטער קינסטלערישער עלעמענט.

די דיכטער, וועלכע האָבן געשריבן חסידישע לידער קענען איינ־געטיילט ווערן אין דריי טייל: די וועלכע האָבן פון דער חסידישער טעמאַטיק געוואָלט שפּינען קאַנוועס פאַר אַ לעגענדאַרן פאָלקס־מיטאָס.

אַ צווייטער טייל האָט זיך אָפּגעגעבן מיט דעם עטישן זוכן, מיט דעם שטראַליקן, עטישן גלויבן, אַנווייזנדיק ווי חסידות האָט באַלויכטן די וועלט מיט ליבע, מיט יענער צדיקיש־סובטילער צאַרטקייט וועלכע איז כאַראַקטעריסטיש פאַרן חסידיזם און די וועלכע האָבן אָנגעשלאָגן דעם טאָן פון פאָלקס־ליד און באַלאַדע, די וועלכע האָבן זיך געוואַלט צעטויפגיסן מיט די פאָלקס־גלויבענישן פון אַ ר׳ לוי יצחק באַרדי־טשעווער אָדער מיט דעם שפּאָלער זיידן.

אין די מאָמענטן פון דיכטערישער פאַרטראַכטקייט האָבן די דיכ־טער דערזען דעם פּאָעטיש־רעליגיעזן שימער פון חסידות און האָבן מיט קינסטלערישער אייגנאַרטיקייט אָפּגעהיט, פּרעזערווירט און גע־צערטלט די חסידישע מעשה און איר מוסר־השכל, דאָס טיפע און אייגנאַרטיקע פון חסידות. עס איז אמת אַז ניט אַלעמאָל איז די דיכטער געלונגען אַריינצודרינגען אין די פּסיכאָלאָגישע טיפענישן פון חסידות. אָבער זיי האָבן דערלאַנגט אַ בליק אין די קינסטלע־רישע פאַרבאָרגענישן פון חסידיזם.

איינער פון די ערשטע וועלכער האָט אָנגעשריבן אַ מייסטעריש ליד וועגן בעל שם טוב, דער שעפער פון חסידות, איז געווען דער פאַרשטאָרבענער זישא לאַנדוי. זיין בעל שם ליד איז איינס פון די לידער וואָס דריקן אויס עכט דיכטערישן געמיט. אַזעלכע לידער זיינען אַ זעלטנהייט ניט נאָר אין דער חסידישער פּאָעזיע.

„איז דער הייליקער בעל שם טוב אין פעלד אומגעגאַנגען
באַגינען אין פעלד אינעם קאַלטן געגאַנגען.
עס האָבן פון צפון געבלאָזן די ווינטן
אַז ס׳האָבן גענומען אים פרירן די גלידער,
און ס׳האָט מיט פאַרפרוירענע גלידער
דער הייליקער בעל שם טוב געעפנט די לעפּצן
און האָט אויפן קול זיך צעזונגען.
אַזוי האָבן זיינע געעפנטע לעפּצן
געזונגען, געזונגען, געזונגען.
„אַז וואויל איז צו דעם וואָס האָט זוכה געווען
דיין ווינט זאָל אַמאָל אים באַרירן
אַז וואויל איז צו מיר, און אַז וואויל איז און וואויל
אַז וואויל איז און וואויל איז און וואויל״.

לאַנדוי וועלכער איז אליין געווען אַן אייניקל פון אַ באַרימטן חסידישן רבין, האָט דערלאַנגט פאַר אונדז דעם בעל שם טוב אין זיין גאַנץ געשטאַלט. דאָס איז אַ ליד וואָס דערגרייכט טיף אין די פּאָעטישע הימלען און פאַרמאָגט עכטע טענער. מיר באַגעגענען אין מאָטיוו און אין קלאַנג דעם בעש״ט און זיין לויטערע הייליקע וועלט.

מנחם באָריישא דער איינציקער פון די דיכטער ביי וועמען דיכ־טונג איז אַ פאַרמעסט אויף ווייטע האָריזאָנטן, וועמענס ליד איז שטענדיק אידייאיש פאַרטיפט און מענטשלעך געלייטערט איז צו־געטראָטן דירעקט צום חסידישן קוואַל, צו דער וועלט פון חב״ד און „תניא״. מנחם שפּייזט זיינע עפּיש־לירישע פּערזן מיטן עסענץ פון מחישן חסידיזם, מיט דער אידעאָלאָגיע פון „תניא״. אין זיין נאָך ניט פאַרענדיקטער גרויסער פּאָעמע „דער גייער״, דאָס קרוין־ווערק פון מנחמס שאַפן איז דאָ אַ גלויבן אַז אין שפּלסטן מענטשן אַנטפּלעקט זיך דער געטלעכער פונק.

לויט דער חסידישער לעגענדע האָט דער בעל־שם טוב געהערט פון זיין טאַטן, די עטלעכע ווערטער: — מער ווי דער רבונו של עולם איז ניטאָ און די השגחה וועט דיך ניט פאַרלאָזן. אָט די דאָזיקע ווערטער האָט ער געהזרט, פאַרברייטערט און פאַרטיפט און געשאַפן דאָס חסידות. אויך מנחמס העלד, „דער גייער״, „נח דער חבדניק״ האָט דערזען, אַנטפּלעקט אַז די השגחה דורך זיין אמונה פירט אים, היט אים, לערנט אים.

„אין אים איז די השגחה זיינע,
וועט זי אים פירן דורך אַלע היילן,
וועלדער, זאַמדן, און דורכפירן״.

„דער גייער״ האָט טעאָלאָגישע עמקות׳ן, חסידישן רעפלעקס, אויסגעשמידט קינסטלעריש און פול מיט אינטעלעקטועלן פּאַטאָס. באַזונדער פאַראינטערעגירן די רעפלעקסן פונעם העלד ביים לייענען דעם „תניא״, דאָס גרונט־ווערק פון ר׳ שניאור זלמן פון ליאָדי, דער גרינדער פון חבדער חסידות. די רעפלעקסן זיינען קרעפטיק אין אינהאַלט און אָנגעפילט מיט תמצית פון חסידישער מאָראַל, פון גע־לייטערטן חסידישן מוסר.

„נאָר ווער עס זעט אין זיך אַ פונק וואָס איז געליען
פון אייביקייט, און בענקט צוריק צום קוואַל.
דער וועט דערזען דאָס גליען
פון פונק אין יעדן מענטשן. און וועט צעשטראַלן
פון פרייד, אַנטקעגן גרויס און קליין.
ווי איינער פרייט זיך מיט אַ ברודער
אַ געקומענעם פון ווייטער היים.

נאָר אין דער פרייד פון דער נשמה
איז מענטש דיר ליב און טייער.
אַ שיין פון זעלבן ליכט
אַ פונק פון זעלבן פייער.

פון די קרעפטיקע שורות שטראַלט אַרויס אַן אָפּטימיסטישע פאַר־גלויבטקייט אין מענטש.

„פון טראָפּן זאַמען לויכט די אייביקייט אַרויס
פאַר העכסטן ווי פאַר קלענסטן און געמיינסטן.
וואָס גרויסטו דיך דו גרויסער מיט דיין גרויס
און אָרעמער, געפּאַלענער, וואָס ווייניסטו.״

אַ געלייטערטער שטראַלנדיקער רעפלעקס פון חסידישער אידייע און געמיט ביי באַריישאַן איז דער וכוח פון רב שניאור זלמן דעם „בעל התניא״ מיטן „ווילנער גאון״, דער ערשטער באַקעמפער פון חסידיזם.

5.

אין זיינע „גן עדן לידער״ וואָס געהערן צו רעליגיעזע שאפונגען האָט לייוויק אַ ליד וואָס קרוינט דעם אַזוי געררופענעם מיטאָס פון גאָט־מענטש. דאָס ליד הייסט „אָפענע הימלען״ און דאָס ליד איז געבויט אויף חסידישער טעמאַטיק.

„אָפענע הימלען.
וואַכיקע וועלדער, —
דער שליאַך גייט פאַרביי

און פאַרדרייט זיך,
און נידערט אַרונטער.

דער שליאַך גייט פאַרביי
און פאַרטיפט זיך
אין דזייאיקע פעלדער.
דאָס היי ליגט געשניטן,
און עס שיכורט זיין ריח,
און ס'ווילט זיך ס'זאָל קומען
אַ מענטש אַנטקעגן. —
ווער?
דו,
אַזוי ווי עס זינגט דאָס פאָלק
דו — דו —
אין לוי באַרדיטשעווערס ליד:
דו — דו. —
איצטער איז אָוונט,
מסתמא איז אָוונט אויך דאמאָלסט געווען,
געשניטן פעלד, —
מסתמא איז דאמאָלסט אויך שניט צייט געווען,
פעלד געווען,
ווינט געווען,
ליד געווען.
דו.
דו.
געווען.
ביסט.
זאָלסט אייביק זיין.״

מענטש ווערט „דו״ מיט דעם זעלבן מעטאָד וואָס ר׳ לוי יצחק פלעגט זיך ווענדן צו גאָט. ניט מער און ניט ווייניקער, דאָס איז א דירעקטע רעליגיעזע ווענדונג צום מענטשן.

אפרים אויערבאַך האָט חסידישע לידער. פאַראַן ביי אים אזעלכע לידער וואו ער רעדט דירעקט וועגן „בעל שם און „תניא״ און לידער

בלויז פון חסידישן טאָן. א דירעקט חסידיש ליד איז דאָס ליד „ווי מידע פויגל״ וואו דער דיכטער דערציילט וועגן

„פרייד וואָס האָט געשוימט מיט חסידות און מיט מעשות,
מיט פעלד, מיט תניא און מיט בוים״.

ער שילדערט דאָס התלהבות פון זיין חבדישן טאַטן, דעם קאָ־פוסטער חסידס מעשות.

„פון רב און גילדן רענדל
פון צמח צדקס פראָסטן גאַנג״.

אַ ניט דירעקט חסידיש ליד איז זיין ליד א „דודו צום לעבן״, אַ אינטים ליד, לויטן נוסח פון ר׳ לוי יצחקס „דודע״.

איציק מאַנגער האָט אריינגענומען דעם בעל שם אין זיין באַלאַדע וואָס ער האָט אַזוי קלאַנגפול און כישופדיק אויסגעזונגען. דער בעש״ט איז ביי מאנגערן, דער סימבאָל פון ליכטיקייט אין דער „טונקעלער וויזיע״. אין א צווייט ליד, פאָלט דער בעל שם אנידער אויף די קניביים אנבליק פון גאָטס שיינער יצירה, און ער שרייט:
„הייליק איז די וועלט און דריי מאָל שיין״.
מאנגער האָט אַ באַלאַדע „סאנקט בעשט״, דער נאָמען ווי דער מאָטיוו איז אַ קאַטוילישער. אָבער ער קען דירעקט אָנגעווענדט ווערן אויפן בעל שם. די באַלאַדע האָט אן עטיש־מיסטישן באַנעם און אַ טיף רעליגיעזן הינטערגרונט. דער צדיק האָט צער פון וויטיק פון א שטערנדל אין הימל וואָס א כמארע דריקט אויף אים. קעגן מיטן נאַכט דערפילט ער אז
„אין פענצטער ציטערט אַ דין געוויין.״
ער פרעגט:

„ווער ווײנט ביינאַכט, ווער ווײנט אצינדט?
ווען ס׳שלאָפט דער פויגל אין ס׳שלאָפט דער ווינט,
ווען ס׳שלאָפט דער פויגל און ס׳שלאָפט דער וואַלד.
ווער טרייבט פון זיין חלום אַוועק דאָס גאָלד.
הער, זאָגט ער צום פרעמדן געוויין געווענדט
קום און ווער אַנטשלאָפן אויף מיינע הענט״.

דער צדיק עפנט די טיר אין דער נאַכט אַריין צו זען ווער עס שטערט די פרייד און דעם חלום פון אַ וועלט, פון דער גאַנצער בריאה, ביז ער

„הייבט אויף די אויגן אַרויף,
די הייליקע אויגן צום הימל אַרויף.
זעט ער אַ גראָע כמאַרע וואָס ליגט
איבער אַ שטערן וואָס ווערט דערדריקט".

„דערנאָך הייבט ער אויף די ליכטיקע האַנט,
צום הימל אַרויף די ליכטיקע האַנט
אוןווישט די גראָע כמאַרע אַוועק,
פלאַטערט דער שטערן באַפרייט פון שרעק".

אין מיטן נאַכט ווערט ווידער איינגעשטעלט די שלימות פון דער בריאה. אין אנגעזיכט פון דעם געהיימניספולן צער פון דער נאַטור האָט דעם דיכטער דורכגענומען דער רעליגיעזער ציטער.

„איידער דער טאָג האָט אויפגעטאָגט
האָט ער שטיל צו זיך אליין געזאָגט:

„דאָס געוויין פון אַ ווערימל און פון אַ גראָז
דאָס געוויין פון אַ שטערנדל און פון אַ האָז,
קען טרייסלען און צעטרייסלען די וועלט פון רו.
באַהיט און באַשיץ זיי טאַטע דו".

ווי געזאָגט, אין מאנגערס בעש"ט לידער איז דאָ אַ קאַטוילישער מאָטיוו. דער בעש"ט אליין איז ביי איבם מער פראַנץ פון אסיזי. דער־פאַר אָזאַ פרעמד יידישער אויסדרוק ווי „סאַנקט בעש"ט". געמיינט האָט ער „סאנקט פראנציסקוס."

6.

ביי דעם פּאָעט נפתלי גראָס שאַלט אָפּט אויף דער חסידישער מאָטיוו אין ליד. ער האָט פארחסידישט יעדער אידיליע פון שטעטל און פון זיינע היימישע יידן. מיט פשוטע מיטלען גיט ער איבער די

בעשטישע ווירקונג אויף דער וועלט. דער בעשט איז ביי אים דער טרעגער פון פרידלעכער געדולד, פון דינען גאָט מיט אַלע וועגן. „בכל דרכיך דעהו״!

רב ישראל בעל שם טוב וואָס פיגורירט אַזוי אָפט אין זיינע לידער אנטפלעקט זיך אין זיין קערנדיקער געשטאַלט. גראָס האָט דעם בעש״ט אין ליד ניט באַשאַפן נאָר באַוויזן אים צו אַנטדעקן און באַנעמען זיינע מאָראַלישע טענער. ביי אים איז דער בעש״ט ניט ווי ביי אַנדערע פּאָעטן אַ אידעלע וואָס פירט אַ וועגעלע ליים. נאָר דער בעש״ט אין זיין פולקייט. ער וויל אַנטדעקן דעם לויטערן עטישן תוך זיינעם.

אָט איז אַ ליד געבויט אויף אַ מאָטיוו געבראַכט אין אַן אַלטן מוסר־ספר.

„אַמאָל איז דער בעל שם טוב ז״ל געגאַנגען
מיט זיינע נאָנטע דורך אַ פעלד מיט זאַנגען.
איז ער דערגאַנגען צו אַ שטאָט.
און תיכף איז געוואָרן אַרום אים אַ ראָד.
מ׳האָט אים באַגאַפט, באַוואונדערט, נאָר נאָך מער
ווי אים, להבדיל אַ טויטן הונט אין מיטן סקווער.
אָט דאָ איז ער געל־עגן האַלב פאַרפוילט
און ווי די רויב פויגל איז גרויס און קליין
געשטאַנען אַרום אים געפלאַפּלט און געגרוילט.

ס׳האָט יעדערער געפונען שוין אַ וואָסער גרונט
אויף צו באַפּלאַפּלען דעם טויטן הונט.
נאָר דאָ איז דער בעל שם טוב נעענטער צוגעגאַנגען
זעט! האָט ער אָנגעוויזן שטראַלנדיק. די ציין
ביי אים. זיי זיינען פערל ריין!״

בלויז דיכטער קענען אין היינטיקע צייטן האָבן די וויזיע פון אַזאַ ליבשאַפט ניט נאָר צום ייד, צום מענטש, נאָר צום באַשאַף, צו דער גאַנצער בריאה. צו אַ שטערנדל וואָס ווייטיקט און דערזען שיינקייט אויך אין אַ פאַרפוילטער נבילה. דאָס איז אפשר דער קינסטלערישער כח פון חסידות.

פון גאָר אַנאַנדער זשאַנר איז אהרן צייטלינס חסידיש ליד און באַלאַדע. צייטלין שלאָגט אָן דעם קבלהיסטישן ספירה־טאָן. די טעמאַטיק זיינע איז באַזירט אויף רייכער חב״ד לעגענדע.

דער חסידישער פּאַנטעאיזם וואָס האָט געפונען זיין אויסדרוק אין ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווערס צאַפּלדיקע לירישע נשמה, אין זיין התלהבותדיקן עקסטאַז און מיסטיש־געבונדענע ישראל ליבע, האָט אויך געהאַט אָן אָפּקלאַנג אין ליעסינס אַ גרויסער פּאָעמע ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער. אַ פּאָעמע וועגן דער פּאַנטעאיסטיש־ליכטיקער געשטאַלט וועמענס האַרץ האָט פאַרמאָגט אַ ים מיט ליבע פאַר דער עלנדער יידישער אומה. און וואָס דורך איר איז דורכגעגאַנגען די גאַנצע בענקעניש פון דער פאַרוואָגלטער אומה נאָכן גואל, נאָכן אויסלייזער „תשעה באב אין דער נאַכט פון חורבן״.

ש. וואולמאן אין זיין ביכל לידער „זוניקע שויבן״ — האָט אַ גלענצנד בעל שם ליד. דאָרט דערפילט מען בעשטישן און פּאַנטעאיסטישן באַנעם.

„אין דער שייער סטריכע, אין דער זאַנג, אין דעם קלאַנג
פון דער גריל.
איך ווייס ניט וואו זאָל איך דיך פריער זען.
דו וואָס ביזט געווען נאָך איידער ס׳איז עפּעס געשען
און וואָס אַלץ זינגט צו דיר אין דער שטיל״.

דער מאָטיוו פון אַזאַ ליד שיילט זיך גלייך אַרויס אַלס פּאַנטעאיסטישע רעליגיעזיטעט.

7.

א. אַלמי וואָס האָט אריינגעבראַכט אין אַ סך פון זיינע לידער דעם בודאַ־מאָטיוו, די רעליגיעזע אויפלעזונג, די נירוואַנאַ, האָט דעם מאָטיוו געוואָלט באַהעפטן מיט באַשטימטער חסידות. אַזאַ ליד איז „טראַפּנס זון״. אין אַ שטילן אומעטיקן טאָן דערציילט דער דיכטער ווי אין געשלאָסענער איינזאַמקייט און וויטיק צעפלאַקערט זיך אַ גלויבן אַז די גאַנצע וועלט איז פול מיטן בעל שמס פרייד און נחת. ער שילדערט ווי גאַטאַמאַ בודאַ און דער שפּאָלער זיידע פירן אַ דיספּוט.

„דער שפּאָלער זיידע שמייכלט ליב: „אונדז
האָט געלערנט ישראל דער בעל שם, אַז אַלץ איז לויטער פרייד,
די פרייד דער קוואַל וואָס טרינקט אָן אַלע וואָרצלען
פון בוים און מענטש פון גראָז און פון רייד.

זאָגט בודאָ שטיל: ס'איז אַלצדינג לויטער דמיון
די זון, די שטערן און דעם הימלס פּאַרב.
טו אויס זיך פון די ערדישע הנאות
באַהעפט זיך מיט דעם גרויסן גאַרניט, שטאַרב.״

אין דעם ליד גיט אַלמי אַ מין פּאָעטישע דעפיניציע וועגן אונ־טערשייד פון בודאָס „נירוואַנאַ״ ביז דעם שפּאָלער זיידנס „התפשטות הגשמיות״ וואָס קוקט מיט אַזאַ ליבשאַפט און נחתדיקער פרייד אויף דער ערדישער וועלט.

דער פּאָעט י. י. סיגאַל איז פאַרעכנט פאַר איינעם פון די עכטע חסידישע דיכטער. אין זיין ליד וואָס איז שטענדיק יחידיש, ליריש, תהלימדיק, האָט ער געגעבן אַ סך עכטע חסידות. ער האָט אַ דירעקטע נאָענטקייט צום חסידישן קוואַל.

„ס'איז אָפּט פאַראַן אין מיין וויט זיך פאַרופן
אַ שאָטן פון נאָענטקייט
און ס'איז דער בעש״ט מיין זיידע
דער בראַסלאַווער, אַ קרוב אַ נאָענטער.

דער בעש״ט וואָס איז פאַר סיגאַלן אַ טעמע פון אייביקייט, וויל ער זעט אין אים סימבאָלן פון זיין לעבן, פון זיין פּאָעטישער וויזיע, וויזט אים די שטראַליקע קאָסמישע ליבשאַפט.

„והחסידות און דאָס חסידות זאָגט
מיין בעל שם טוב איז אַ פשוטער ייד
האָט ער ליב געהאַט די גאַנצע וועלט״.

דער בעל שם טוב אין סיגאַלס ליד איז דער פּראָסטער און עכטער סידור פון דער בריאה. און ניט נאָר דער בעש״ט, דער בראַסלאַווער אין זיין ר׳ פנחס קאָריצער און די גאַנצע גאַלעריע טיפן

און צדיקים זיינען איינס אין סיגאַלס טעמעס. סיגאַל איז אַ בראַס־לאַווער חסיד וואָס איז אין מאָנטרעאַל געיחודט מיט מעזשביזש, מיט דעם בראַסלאַווערס אוהל אין אומאַן און מיט ר׳ פּנחסן אין קאָרעץ.

אַפּט קוועלט פון זיין ליד אַ זיסע, עצבותדיקע ליבשאַפט צו דער וועלט. אַ פאַנטעאַיסטיש קאָסמישער בענקען צו באַהעפטן זיך מיט דער וועלט. אַ לירישער קלאַנג אינגאַנצן בראַסלאַוויש.

„טריב די מעשים פון מיין האַנט,
פון מיין האַרץ דאָס טראַכטן —
ווי די זון אויף הערבסטיק לאַנד
עלנטע פאַרנאַכטן.

וועלט, איך וואָלט דיך ווי אַ שאָף
אויף מיין האַנט גענומען,
און געטראָגן באַרג אַרויף
צו דעם גאָלדענעם ברונעם״.

חסידישע שטימונגען, מעדיטאַציעס און לאַמאַנטאַציעס, שרייבט אויך דער לירישער פּראָזאַאיקער ש. טענענבוים. ער שרייבט וועגן „קאָסמישן בעל שם״ און „פאַנטעאַיסטישן בראַסלאַווער״.

אין חיים קרולס חסידיש ליד איז פריש דער גרונט־טאָן זיינער די געלייטערטקייט און פשוטע ליבע. אָט די ליבע וואָס וואָרצלט אין דער גוטסקייט. קרול פילט אַז די חסידישע השגחה פליסט פון דעם העכסטן מקור, די ליבע.

„מיין טאַטע דערציילט:
כ׳בין ביים גאָסטינינער צדיק.
ווי נאָר ער לייענט דאָס אויפגעשריבענע קוויטל
רייכט ער מיר באַלד די האַנט:
דאָס זענט איר?
זעצט זיך.
און ער רוקט אויף ס׳טאָרבעל־ע וואָס איז
ביי אים אויפן טיש געלעגן פאַר נדבות
און שטופּט מיר אַריין פינף רובל
און געזעגנט זיך מיט מיר.

— פאַרט מיר לחיים ולשלום
און זייט מצליח
און אייביק האָב איך מצליח געווען".

פון גוטס און פשטות שטראַלט אַרויס די אייביקע ליבע, די אומ־ענדלעכע ליבע צום באַשעפער און באַשאַפענע.

8.

אַ בעל שם פּאָעמע, עכט און שיין, האָט אונדז געגעבן מ. באַסין. די פּאָעמע איז איינגעטיילט אין באַזונדערע לידער. איר דערפילט דאָרט די בעשטישע ברייטע שמחה מיט גאָטס וועלט. דעם גאַנצן באַנעם.

„עס קוקט אויף מיר דער שטומער האָז אין פעל־ד
מיט דיינע גוטע אויגן.
די וויט, די פרייע רעדט צו מיר
מיט דיינע קלוגע רייד.
און אין די מילדע פאַרבן
פון דיין לייטערדיקן רעגנבויגן
דערזע איך אויפקומען
דיין רחמים און דיין פרייד".

דער בעל שם טוב בענטשט יעדער מאַניפעסטאַציע פון לעבן, יעדער גרעזל און בלעטעלע ווערט געטובלט אין זיין פרומער תפילה, אין זיין קרעכץ.

„צי דאַרף איך מער ווי אויפנעמען דיין סוד
אין וואַקסנדיקן קאָרן".

דאָס איז אַ יובל־שאַלונג. אַ גאָט־געפיל באַנומען פון מינדסטן שאָרך פון ווינט און ברום פון תהום, און ציטער פון בלעטל.
די לאַנדשאַפט אין ווערכער מ. באַסין פירט דעם בעל שם איז פּרעכטיק רירנדיק. די נאַטור איז פאַרן בעל שם ניט סימבאָליש, נאָר לעבעדיק. עס שאַפט זיך אַ בילד לייענענדיק באַסינס פּאָעמע אַזוי גוט ווי אַנדערע בעל שם לידער, פון אַנדערע פּאָעטן.

מען מוז מודה זיין, אַז קיין סך בילדער וואָס זאָלן זיך איינקריצן צום געדענקען איז אין באַסינס פּאָעמע דערוויילן ניטאָ. בילדער פאַרגאַנצטע ניט נאָר נאַטור שילדערונג וועט מסתמא נאָך קומען. אָבער דער ליריזם, די תפילה שטראַלט אַרויס פון ליד. דערביי זיינען די טענער און ניואַנסן גאַנץ. קאָמבינירט. די ווערטער שיין. דער מעטאַפאָר, א פשוטער א לייכטער.

פּרעכטיק חסידיש־פאָלקסטימלעכע באַלאַדן האָט אויך קלמן הייזלער.

עס איז אויך ווערט צו דערמאָנען די שטאַרקע באַלאַדע פון דעם יונגן פּאַלעסטינער יידישן פּאָעט ש. לעוו „דער בעשט פירט ליים," א פּרעכטיקע באַלאַדע מיט אַן אויסגעקריסטאַליזירטן מאָטיוו, רייך אין בילד און מאַכט אַ טיפן איינדרוק.

די געציילטע חסידישע לידער פון מישאַ טראַיאַנאָוו אין זיין ביכל „אַנטקעגן נאַכט" (פאַרלאַג ליטעראַרישע בלעטער, 1938). פון די לידער קוועלט אַ רחמימדיקע ליבשאַפט צו דער וועלט. דורכאויס חסידיש איז אויך די פּאָעמע דער „ווילנער גאון" פונעם פּאָעט פון „יונג ווילנע" ש. וואָלף א תוכיק חסידישע פּאָעמע איז ר' לוי יצחק באַרדיטשעווער פון מאָטעס דייטש. שיינע חסידישע לידער האָט געשריבן דער דיכטער פון דער אגודה אין פוילן י. עמיאט.

.9

פון גאָר אַן אַנדערן זשאַנר זיינען בעריש וויינשטיינס חסידישע לידער. די פּאָעמע „זבלון" וואָס איז דערשינען אין „צוקונפט", מערץ 1938, די פּאָעמע „גלות און וואָגל" (זע, ערשטן זאַמלבוך „המשך") וואו דער בעל שם איז איינער פון די צענטראַלסטע פיגורן, און די פּאָעמע „דאָס בלוט פון שלמהן" (אין צוקונפט", אויגוסט, 1939) .

אין דער פּאָעמע „זבלון" גיט אונדז בעריש וויינשטיין דעם רעאַלן טיפּ פון אַ חסיד וואָס איז עטיש און קינסטלעריש געלייטערט. די פּאָעמע „זבלון" איז א געניי בילד פון אַ חסיד, אַ סוחר אין גאַליציען וואָס פאַרמאָגט „חסידישן ברעך" און „סוחרישן ברען". אַ חסיד פון רבין ר' ידהושע פון דזשיקעוו פון די לעצטע חסידישע פירער אין מערב־גאַליציע. אַן איניקל פון צדיק ר' נפתלי ראָפּשיצער.

די פּאָעמע איז באַזירט אויף אייגענע עמאָציאָנעלע איבערלע־בונגען ביים שילדערן דעם העלד. אָבער איר האָט דאָרט דעם אָפּ־

קלאַנג פון דער גרויסער אידייע פון חסידיזם. איר פילט אַז די סטימולן פאַר די עמאָציעס איז דאָס חסידישע מוסטער־לעבן פונעם העלד. און עס שלאָגט טאַקע פון דער פּאָעמע דער אַראָמאַט פון דער חסידישער סביבה, פון דעם חסיד „וואָס זיינע ספרים זיינען שטילער ווי די טונקעלע שבת שטוב.״ און

„זיין שטאָט איז ריישע —
דער שפּיץ פון דער מחל־וקת סאנדז און סאדיגארע
וואו עס ציען זיך
נגונים — היימישע חסידות אויף די טישן
און אַ ווייכע העלקייט אויפן מידן זבלון״.

בעריש וויינשטיין שילדערט פּלאַסטיש די חסידישע אטמאָספערע וואָס שלאָגט אָפּ מיט ליכט און וואַרעמקייט אין טרויעריקן ארום.

„דער מאַרק איז טרויעריק פון ווייסע ווינטער דעכער,
פון אַ פאַרבליבענעם פויער פאַרשכורט אין שענק,
און זבלון לערנט אין שטילן טריף־ליכט
אַלץ אינדרויסן איז אומעטיק און גויש״...

אין דער פּאָעמע „גלות און וואָגל״ איז בעריש וויינשטיין געקומען מיט אַן אייגענעם נוסח. דאָס איז אַ קערנדיקער געלייטערטער צוגאַנג צו דעם יידן.

„וואָס האָט נאָך זיך א מחנה יידן אין בטחון געפּירט״.

און כאָטש וויינשטיין טרעט דאָ אויך ניט אָפּ פון דעם פּשטות־מאָטיוו פילט זיך אָבער א אייגנאַרטיקער צוגאַנג צום בעש״ט. אפשר דערפאַר ווייל דער בעש״ט איז דאָך ניט מער ווי איינער פון די איבעריקע פיגורן אין דער פּאָעמע וואָס מען מוז לייענען אלס א גאַנצע אין איין אָטעם, ניט געקוקט אויפן אייגנאַרטיקן טאָן וואָס ער לייגט אויפן בעש״ט אלס איינער פון די העלדן. דער מעטאָד איז אָבער א באַשטימטער. דער מאָטיוו אַ חסידישער.

די פּאָעמע „דאָס בלוט פון שלמהן״ איז אַ צייטיקע. שלמה איז איינער פון די חסידישע העלדן וואָס לעבן דורך די האָנקרייץ טראַגעדיע אין „אַלטן ווין״ אין דעם „ווין פאַר די יידן אין מזרח״.

דער חסיד לעבט אין זיין חסידישער וועלט און אויף די „טראָטוואַרן פון רייכע וועלטלעכע סוחרים". זעט ער די

„יידן פון מונקאַטש, לובלין
מיט דעם חפץ חיים אין דער שפּיץ.

שלמה לעבט און אָטעמט מיט דער טראַדיציע פון חסידות אַזש אין דעם ליטווישן „גוטן יידן" דעם „חפץ חיים" זעט ער א חסידישן רבין.

„אַ פאַרנאַכטיקער שניי איז אויפן חפץ חיים געפאַלן
און ווייסער איז געוואָרן די עדה נאָך אים,
פון אַזאַ אורח זיינען די הייזער געוואָרן גנאדיקער,
ווי דאָס וואָלט שוין מער ווין ניט געווען,
נאָר עפּעס אַ שטאָט: אַ טארנאָוו, צי א סאָנדז;
ווייל שלמה האָט אינעם גאון דעם יחוס דערקאָנט
און אפילו אין אים געזען ר' חיימל פון אלטן סאנדז".

זאָל דאָ אויך דערמאָנט ווערן, אַז בעריש ווײַנשטיין האָט אין אַלע דריי פּאָעמעס גענוצט זיין אייגענע קינסטלערישע פאָרם. ניטאָ ביי אים קיין בויגעוודיקער ריטם. ניטאָ קיין מוזיקאַלישער גראַם, נאָר אין א שטייף רייכער שפּראַך בויט ער זיינע שטאַרקע פערזן און עס געלינגט אים אויסצושמידן א מייסטערישע פּאָעמע.

די רעזומע: לייענענדיק די חסידישע לידער אין זייער קינסט־לערישער פאַרשידנאַרטיקייט און פילפאַרביקייט דערשפירט מען דעם הייסן רעליגיעז־קינסטלערישן אָטעם פון חסידות און מען דערזעט ווי דער חסידיזם האָט דערפרישט דעם קינסטלערישן אינהאלט פון דער יידישער פּאָעזיע.

צווייטע אָפּטיילונג

דוד אָפּאַטאָשו
אליעזר גרינבערג
הערש ראָזנפעלד
מענדל נייגרעשל
ב. טוטשינסקי
אליהו שולמאַן

ווינטן אונטער רעדער

דערציילונג

דוד אָפּאַטאָשו

דניאל האָט לייכט זיך א בויג געטאָן איבערן אויטאָמאָביל־רעדל און אַ קוק געטאָן אויפן ווייזער, וואָס האָט געציטערט צווישן זיבעציק און איין און זיבעציק.

— דאָס הייסט געפאָרן — האָט ער שטיל אַ לאַך געטאָן.

אַלאַבאַמער וועגן. דער אָרום חושך. פאַר אים — אַ ווייטער פאַס קאָנקריט־שליאַך, וואָס די שיין־וואָרפערס האָבן פון דער פינצטערניש אויסגעשיילט. און נאָך דעם פאַס? פינצטערניש, תהום. דניאל האָט א שמייכל געטאָן און מיט אַ שטילן ניגון אָנגעפאַנגען:

— בראשית, אין אָנהויב, אלהים, גאָט... און פינצטערניש איז געוועזן אויפן געזיכט פון תהום...

ער האָט זיך אויפן קול צעלאַכט און אויסגעשריען: — האָט דניאל געזאָגט זאָל ווערן ליכט!

דער אויטאָמאָביל האָט זיך אַ ריס געטאָן, זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דער פינצטערניש, זי געשניטן מיט די פאַסן ליכט פון די שיין־וואָרפערס און דער ווייזער האָט געציטערט צווישן פינף און זיבעציק און אַכציק.

ווינט. ווינט אין די אויערן, ווינט אונטער די רעדער. שוין צוויי חדשים, ווי ער שניידט ס'לאַנד. באָסטאָן, שיקאַגאָ, דאַלעס, לאָס־אַנדזשעלעס. וואו א יידישער ישוב, דאָרט גיט ער אָפּ קאָנצערט, דאָרט ווילט ער די יידן קרעמער, בעל־מלאכות. א שטיקל שלום עליכם, א פּאָר פאָלקס־לידער, א טאַנץ־פּאַנטאָמימע. פון איין שטאָט ארויס, אין דער צווייטער אריין. נעכטן — טענעסי, היינט — אַלאַבאַמאַ, מאָרגן — דזשאָרדזשע. מען דאַרף זיין אין צייט, מען טאָר ניט פאַרשפּעטיקן. יידן וואַרטן, ווילן הערן אַ יידיש וואָרט, אַ יידיש לידל. ברענט דער גערזאָלין, זעצט דער מאָטאָר, פליט מען איבער וועגן, אין ווינטן, קאַלטע ווינטן, הייסע ווינטן, ווינטן אין די אויערן, אונטער די רעדער.

דניאל האָט זיך אַ רוק געטאָן נעענטער צום רעדל, אויסגעגלייכט די פּלייצע: — ווי לאַנג פאָר איך שוין?

ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן האַנט־זייגער — דריי. ווען ער איז ארויס פון בוירמינגהעם איז געוועזן האַלב נאָך עלף — קנאַפּע פיר שעה — מען דאַרף זיך אָפּשטעלן.

זיין אויג איז געפאַלן אויפן גיך־ווייזער. — פינף און זיבעציק מייל א שעה.

דניאל האָט ליב געהאַט צו טרייבן ביינאַכט. ביינאַכט האָט אים א גבורה ארומגעכאַפּט. ער האָט פאַרשרפּט די וועגן. דאָס זיין אליין ביינאַכט אויף די אמעריקאַנער וועגן האָט אין אים געוועקט א בענקעניש, אַ טרויער. אין דער בענקעניש, אין דעם טרויער, האָט ער געפילט פרייד, אָפּט צו להכעסקייט: — אין דר'ערד אריין. כ'האָב זיי פיינט, אלע, אַלע.

פינף און זיבעציק. מיט א שמייכל האָט ער זיך דערמאָנט אין טאַטן, ווי ער פלעגט זיך באַרימען, זיך איבערנעמען מיט זיין פעטער געצל: „און אז געצל, דער דאָרער געצל האָט זיך ארויפגעכאַפּט אויף אַן אגער און מיט די שטיוועלעך א קיצל געגעבן ס'פערד אונטערן בויך, זיינען דאָך ניקאָלייס אפיצערלעך געבליבן זיצן ווי געפּלעפּטע".

— אַי געצל, געצל, אָבער פון פינף און זיבעציק מייל אַ שעה האָסטו אמאָל געחלומט? פון גרויס הנאה האָט דניאל א דריק געטאָן דעם אויטאָמאָביל־האָרן און א מלחמה רוף איז געבליבן שטעקן ערגעץ אויף אַלאַבאַמער וועגן.

אין דער פינצטערניש האָט זיך אַן עלעקטרישע שילד צעווינקט, — „באַנגעלאָז אַ דאָלער א נאַכט, רעכטס, א פערטל מייל". דניאל האָט

אַ שאַרפֿן דריי געטאָן ס׳רעדל, זיך פֿאַרנומען רעכטס און די גומענע רעדער האָבן זיך צעשריִען ווי דאָס פּלוצימדיקע פֿאַרקירעווען זיך וואָלט זיי ווייטיק פֿאַרשאַפֿט.

דניאל האָט אָפּגעשטעלט דעם אויטאָ לעבן דער נידעריקער הילצערנער געביידע. פֿון אינעווייניק האָט זיך געטראָגן מוזיק, גע־לעכטער. אַן אויפֿגעלייגטער איז דניאל ארויס פֿון אויטאָ. ער האָט זיך אַ צי געטאָן אין זיין גאַנצער זעקס־פֿוסיקער לענג, וואויל־יונגעריש אַ שלעפּ געטאָן ס׳היטל אויפֿן קאָפּ און זיך געלאָזט צו דער טיר פֿון הויז.

— כ׳וואָלט געוואָלט אַ באַנגעלאָ אויף היינט ביינאַכט.

— ס׳קאָסט אַ דאָלער — האָט דער אייגנטימער, אַ מאַן מיט בלוט פֿאַרלאָפֿענע אויגן, אים אָפּגעמאָסטן.

— כ׳ווייס — האָט דניאל זיך צעשמייכלט.

— מען דאַרף באַצאָלן אין פֿאָרויס — זיינען די אויגן קלענער געוואָרן.

— גוט.

— ביזט אַליין? — האָבן זיך די אויגן אין אים איינגעעגבערט.

— אַליין — האָט דניאל אים דערלאַנגט אַ דאָלער.

— אַ קעי! — האָבן די אויגן אַ בליץ געטאָן. דער דאָלער איז פֿאַרשוואונדן ערגעץ אין אַ קעשענע און מיט אַ שפּיי האָט ער אַ רוף געטאָן:

— דזשים.

פֿון אַ ווינקל האָט זיך אַ קליין געוואַקסן, זיבעצן יעריק נעגערל ארויסגעשאַרט.

— יעס, באָס?

— נעם דעם דזשענטלמען אין נומער פֿינף.

— שוין געטאָן באָס — האָבן זיינע ווייסע ציין אַ לאַך געטאָן.

— באַגאַזש, באָס? — האָט ער זיך צו דניאלן געווענדט.

— יאָ, אין אויטאָמאָביל.

זיי זיינען אַרויס.

ס׳נעגערל האָט לייכט געטראָגן די וואַליזע אויף אַן אַקסל, דניאל איז אים נאָכגעגאַנגען. דער אָרום האָט געשמעקט מיט צעבליטע סאַסנעס.

— איינער אליין, באָס? — האָט דזשימי פּלוצים אַ פֿרעג געטאָן.

— יעס.

— ס'איז אומעטיק אליין.
— יעס, ס'איז אומעטיק אליין — האָט דניאל ניט ווילנדיק צו־געגעבן.
דזשימי האָט זיך צעלאַכט.
— וואָס לאַכסטו?
— אַז ס'איז אומעטיק קען דזשים דיר העלפן.
— ווי אַזוי?
— כ'קען דיר קריגן אַ מויד — האָט ער זיך נאָך העכער צעלאַכט.
— ניין, מען דאַרף ניט — האָט דניאל שטיל געענטפערט.
— אַ קעי, באָס — האָט דזשים זיך גענומען פאַרענטפערן — כ'האָב גאָרניט געמיינט, באָס. בלויז ס'איז אומעטיק צו זיין אליין. כ'האָב גאָרניט געמיינט...
— ס'איז אַלרייט — האָט דניאל אים איבערגעשלאָגן.
זיי זיינען אריין אין אַ באַנגעלאָ. דזשימי האָט אַ קוועטש געטאָן אַן עלעקטריש קנעפל, ס'איז ליכטיק געוואָרן. אַ בעט, אַ טישל, אַ שטול. ביי דער זייט — אַן אויוון.
— כ'וועל אנהייצן דעם אויוון וועט ווערן וואַרעם, באָס — האָט דזשימי ארונטערגעלאָזט די וואַליזע.
— גוט — האָט דניאל זיך אויסגעצויגן אויפן בעט. ס'בעט האָט זיך צעקרעכצט.
דזשימי האָט געקניעט פארן אויוון, געריבן אַ שוועבעלע נאָך אַ שוועבעלע:
— וואָס איז מיט דיר? ליג איין. ברען אַז מען זאָגט דיר. וואו קריכסטו?
דניאל האָט זיך אויפגעזעצט:
—צו וועמען רעדסטו?
— האַ? — האָט דזשימי אויפגעהויבן דעם קאָפּ. — אַ, איך רעד צום האָלץ. ס'וויל ניט ברענען. ברען זאָגט מען דיר — האָט ער ווידער אַ רייב געטאָן אַ שוועבעלע.
— איצט וועט עס ברענען, באָס — האָט ער זיך אויפגעהויבן — איר ווילט נאָך עפּעס?
— ניין — האָט דניאל אים דערלאַנגט אַ מטבע.
— אַ דאַנק, אַ דאַנק, באָס — האָט דזשימי הינטערוויילעכס זיך אַרויסגעשאַרט פון באַנגעלאָ, פאַרמאַכט די טיר.
דניאל האָט זיך גענומען אויסטאָן. ער איז געבליבן שטיין מיטן

העמד אין האַנט, האָט זיך איינגעהערט צו דער מוזיק, צום געלעכטער, וואָס האָט זיך געטראָגן פון דער האַלצערנער געביידע. ס'געלעכטער האָט אים גערופן, געצויגן.

— כ'האָב עס אין דר'ערד — האָט ער צוריק אָנגעטאָן ס'העמד. און דאָס וואָס ער דאַרף מאָרגן טרייבן?

— כ'האָב עס אין דר'ערד. און שפּילן?

— כ'האָב עס אין דר'ערד.

ער האָט געכאַפּט ס'רעקל און איז אַרויס:

— העלאָ — האָבן דעם באַלעבאָס בלוט פאַרלאָפענע אויגן צו אים אַ שמייכל געטאָן.

— כ'וויל עפּעס עסן — האָט דניאל ווי אַ שולדיקער זיך פאַר־ענטפערט.

— שור! גיי אריין אין זאַל וועט מען דיר סערווירן.

דאָס צימער איז געווען האלב טונקל, פאַררויכערט. אַרום און אַרום — טישלעך, שטולן. דניאל האָט זיך צוגעזעצט. ער האָט זיך ארומגעקוקט. יונגען פון די שכנישע פאַרמס אין אָפּגע־שאָסענע „אָווערא‌לס" האָבן געטרונקען, געטאַנצט מיט מיידלעך, אין ביליקע, געבלימלטע קליידלעך. ער האָט זיך צוקעקוקט צו די טענצער, באַמערקט אַז זיי טאַנצן ניט, נאָר שטייען אויף איין אָרט און וויגן זיך גוף צו גוף אין טאַקט צו דער מוזיק. און אַז די אויגן ביים בחור זיינען געוואָרן צעגליט און דער אָטעם ביים מיידל איז געוואָרן אָפּגעהאַקט, האָבן זיי זיך א לאָז געטאָן פון זאַל...

— וואָס קען איך אייך ברענגען?

— האַ? — האָט דניאל אַן איבעראַשטער א קוק געטאָן אויפן קעלנער.

— וואָס ווילט איר?

— אַ! סקאָטש און סאָדע.

די מוזיק האָט זיך אָפּגעשטעלט. אַ בחור מיט אַ שויבער פלאַמענדיקע האָר האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו דער וויקטראָלאַ. ער האָט ארויסגענומען אַ מטבע, געוואָלט אריינוואַרפן, האָט אַ מיידלשע שטים דורכגעשניטן דעם רויך:

— שפּיל „דזשאַני, אַ דזשאַני".

— אַ קעי, נעלי — האָט דער יונג אַ קוועטש געטאָן אַ קנעפּל. אַ טיפע פרויען שטימע האָט זיך צעזונגען:

„דזשאַני אַ דזשאַני האָו יו קען לאָוו."

דניאל האָט זיך ארומגעקוקט. געזען ווי דאָס מיידל נעלי, בלוי־שווארצע האָר און הימל אויגן, האָט זיך א הויב געטאָן פון איר בענקל, זיך גענומען וויגן צום געזאַנג. דאָס זינגען איז פאַרקראָכן אונטער די פּאכוועס, אונטער די זוילן געהויבן פון אָרט:

„דזשאַני אַ דזשאַני, העווען עבאָוו".

נעלי האָט געוואָרפן מיט די היפּטן, מיטן בויך. אלעמענס אויגן האָבן זיך געטונקען אין איר געבלימלט קליידל. הענט און פיס האָבן גענומען בלאָנדזשען אונטער טישן, געזוכט, געזוכט...

— סקאָטש און סאָדע!

דניאל האָט א כאַפּ געטאָן ס׳גלעזל, שנעל ארונטערגעטרונקען דעם בראָנפן, פאַרטרונקען מיט סאָדע און באַלד באַשטעלט נאָך איינס.

דער יונג מיטן רויטן שויבער האָט זיך אַ ריס געטאָן פון בענקל, אַנטקעגנגעטאַנצט דעם מיידל. ער האָט זי ארומגעכאַפּט, א הויב געטאָן און איז געבליבן שטיין מיט איר אין מיטן טאַנץ־זאַל.

„דזשאַני אַ דזשאַני"...

זיי האָבן זיך צעוויגט. לענד צו לענד, בויך צו בויך:

„האַו יו קען לאַוו".

די פלאַמיקע האָר האָבן זיך געטובלט אין די פערד־שוואַרצע לאָקן. דער זאַל האָט זיך צעשרפעט צעפלאַקערט:

— סקאָטש און סאָדע!

די מוזיק האָט זיך אָפּגעשטעלט. אַ שטום געשריי האָט זיך געטראָגן איבערן זאַל וואָס איז געווען אָנגעפּראָפּט מיט בענקעניש, מיט צוזאָג.

א צעטראָגענער האָט דניאל א כאַפּ געטאָן ס׳צווייטע גלעזל און פאַרוואָרפן דעם קאָפּ. ער האָט געפילט ווי דאָס קאַלטע פייערל לאָזט זיך ארונטער אין זיין אינגעווייד, פאַרקריכט אין די שפּיץ פינגער, אין די האָר וואָרצלען און א צעגליטער האָט ער אַ געשריי געטאָן צום קעלנער:

— נאָך איינס.

ער האָט פאַרויכערט.

— העלאָ — דניאל האָט אויפגעהויבן די אויגן.

געבלימלט קליידל, בלויע אויגן, שווארצע האָר. נעלי.

— העלאָ — האָט דניאל זיך אַ הויב געטאָן פון זיין בענקל.

— זיץ וואו דו זיצסט — האָבן רויטע פולע ליפּן זיך צעלאַכט.

— ביזט ניט פון דאַנען? — האָט זי אים געפרעגט.
— ניין.
— פון וואַנען?
— ניו־יאָרק.
— דזשי! — האָבן זיך די הימל אויגן צעעפנט.
זיי האָבן זיך באַטראַכט.
— ווילסט עפּעס טרינקען? — האָט דניאל אַן אומרואיקער געפרעגט.
—יאָ. — האָט זי אַ צי געטאָן מיט איר פּאַרריסן נעזל.
— וואָס טרינקסטו? סקאָטש?
— גוט.
דניאל האָט צוגערופן דעם קעלנער. באַשטעלט.
זי האָט אים ווידער באַטראַכט.
— ווי רופט מען דיך?
— דניאל.
— איך הייס נעל. האַלאָ דניאל — האָט זי זיך צעלאַכט.
— העלאָ נעל — האָט ער זיך צעשמייכלט.
— א פּאַפּיראָס, נעל? — האָט ער איר דערלאַנגט ס׳פּעקל.
— שור.
ער האָט אָנגעריבן אַ שוועבעלע, זיך אריבערגעבויגן איבערן טיש אונטערגעטראָגן ס׳פייערל צום פּאַפּיראָס און דערזען ווי אירע בריסט רייסן זיך פונעם געבלימלטן קליידל. זיין האַנט האָט לייכט א ציטער געטאָן.
— נערוועז?
— ניין — איז דניאל רויט געוואָרן.
דער קעלנער האָט צוגעטראָגן די גלעזלעך.
— נו, לכבוד וואָס זאָלן מיר טרינקען? — האָט נעל מיט אַ פינקל אין די אויגן אויפגעהויבן איר גלעזל.
— כ׳ווייס? — האָט דניאל אויפגעהויבן זיין סקאָטש.
— צו אונדזער באַגעגעניש — האָט זי מיט אַ לאַך פאַרוואָרפן דעם קאָפּ.
— צו אונדזער באַגעגעניש — האָט דניאל אָנגערירט איר גלעזל און מיט איין שלונג ארונטערגעטרונקען דעם בראָנפן דערפילנדיק ווי אַלץ אין אים צעשפּילט זיך.

— ווילסט טאַנצן דניאל? — האָט זי זיך אַ הויב געטאָן.
— דיין בחור וועט ניט אַרן?
— וועלכער?
— יענער. מיט די רויטע האָר.
— ער? אַ ער איז „אָלרייט".
דניאל האָט זיך אויפגעהויבן. זי האָט זיך איינגעקלאַמערט אין זיינע אָרעמס. ער האָט זיך געלאָזט אין אַ „פאָקס־טראָט" אָבער זייערע פיס האָבן זיך געפּלאָנטערט.
— וואָס טוסטו? — האָט זי אים אַ פרעג געטאָן.
— כ׳טאַנץ אַ „פאָקס־טראָט" — האָט דניאל זיך פאַרענטפערט.
— מיר טאַנצן ניט אַזוי.
— ווי טאַנצט איר?
— אָט ווי יענע — האָט זי אָנגעוויזן אויף אַ פּאָרל וואָס איז געשטאַנען כמעט אויף איין אָרט זיך געוויגט צו דער מוזיק. דניאל האָט אַ שמייכל געטאָן:
— גוט, לאָמיר פּרובירן.
ער האָט זי פעסטער ארומגענומען זיך געוויגט צום טאַקט. פון אירע האָר האָט זיך געטראָגן דער ריח פון צעבליטע סאָסנעס.
— ווייסט? — האָט בעל אַ זאָג געטאָן, ווען זיי זיינען ווידער געזעסן ביים טישל, — ווען איך וואָלט געוואוסט אז דו קומסט, וואָלט איך זיך פאַרפּוצט אין מיינע זונטיקדיקע קליידער. ווייסט — האָט זי זיך פלוצים אַריבערגעבויגן איבערן טישל—כ׳האָב דיך ליב, כ׳האָב ליב הויכע. דו ביזט הויך. ווי הויך ביזטו?
— קנאַפּע זעקס פוס.
— איך שטאַם פון אינדיאַנער — האָט זי אַ וואָרף געטאָן מיט אירע האָר.
דניאל האָט צעעפנט די אויגן.
— יאָ, פראַנצויזן און אינדיאַנער. אסך אין דעם געגנט שטאַמען פון אינדיאַנער.
דניאל האָט זיך שטיל צעלאַכט.
— וואָס לאַכסטו?
— כ׳ווייס? גלאַט אַזוי.
— דו האָסט טרויעריקע אויגן, דניאל. פאַרוואָס?
— אפשר דערפאַר וואָס איך פאַר מאָרגן אַוועק.
— יאָ.

זיי זיינען שטיל געוואָרן.
— שלאָפסט דאָ היינט? — האָט זי פּלוצים אַ פרעג געטאָן.
— יאָ.
— האָסט אַ באַנגעלאָ?
— יאָ.
— לאָמיר גיין צו דיר אין באַנגעלאָ.
שוואַרצע וויעס, ווי אַ וואָלקן האָבן פאַרדעקט די בלויע אויגן. דניאל האָט זיך צעפינטלט.
— וואָס וועט דיין בחור זאָגן? — האָט ער ניט וויסנדיק וואָס, אַ זאָג געטאָן.
— גאָרניט. ער וועט וואַרטן און מיך אהיימנעמען אין זיין קאַר.
זיי זיינען געגאַנגען זייט ביי זייט, זיך געהאַלטן פאַר די הענט.
— דניאל — האָט נעל זיך אָפּגעשטעלט. ער האָט אריינגעקוקט אין אירע אויגן. לייכט האָבן זיינע הענט זי ארומגענומען, זי צוגעדריקט און זיינע ליפּן האָבן געזוכט אירע.
אין באַנגעלאָ איז געווען פינצטער.
— מאַך ניט ליכטיק — האָט זי זיך ביי אים געבעטן.
ער האָט זי ארומגענומען, געלאָזט זיינע פינף פינגער דורך אירע געדיכטע, פולע האָר.
— כ'האָב ליב הויכע, זייער ליב הויכע, — האָט זי ווי פון היץ גערעדט, — כ'וואָלט אָנגעטאָן מיינע זונטיקטיקע קליידער...
זי האָט זיך אין אים איינגעקלאַמערט, איינגעגנורעט. זי — אין אים ער — אין איר. זייערע לייבער זיינען געוואָרן שטייף, שטייפער. זייט ביי זייט. איר קאָפּ אויף זיין אַקסל. פון איר לייב האָט זיך געטראָגן דער ריח פון צעבליטע סאָסנעס, צעאַקערטע פעלדער.
— כ'האָב דיך ליב דניאל.
— און איך דיך.
—וועסט אוועקפאָרן און וועסט אלעמען דערציילן.
— ניין.
— יאָ, כ'ווייס אַז יאָ. נאָר מיך אַרט ניט. כ'האָב עס געטאָן, ווייל כ'האָב דיך ליב. גיב מיר אַ קוש. — כ'האָב דיך ליב צו קושן. בעסער ווי די אנדערע. זיי שמעקן מיט פערד־מיסט. דו ניט.
ס'האָט זיך דערהערט ס'טרובען פון אַן אויטאָמאָביל. נעל איז אויפגעשפּרונגען:
— דאָס רופט מען מיך. „גוד־ביי", דניאל.

— כ׳וויל צו דיר שרייבן.

— נייך, מען דאַרף ניט. וועסט סיי ווי ניט...

זי האָט אים שנעל אַ קוש געטאָן און איז אַרויס. דניאל האָט זיך אַ ריס געטאָן פון בעט, אויפגעפּראַלט די טיר:

— נעל!

אין דער פינצטער האָט זיך אַן אויטאָמאָביל דערוויטערט.

דניאל האָט אַ כאַפּ געטאָן זיין וואַליז און איז ארויס פון באַנגעלאָ. אין מזרח האָט אָנגעפאנגען טאָגן.

דער אויטאָמאָביל האָט זיך געריסן קיין אַטלאַנטאַ. דער ווייזער האָט געציטערט: — זיבעציק מייל, פינף און זיבעציק מייל!

— יידן, איך ברענג אייך א מעשה, א לידל, אַ טאַנץ־פּאַנטאָמימע.

ווייט, ערגעץ ווייט, איז געבליבן נעלי, זיינען געבליבן צעבליטע סאָסנעס. און איצט, מיט אים איז ווינט. ווינט אין די אויערן, ווינט אונטער די רעדער. ווינט...

●

לעאָנאַרדאָ דאַווינטשי

(פּאָעמע)

אליעזר גרינבערג

. . . ביי ל־עאָנאַרדאָן זיינען פאַראַן שטודיעס וועגן דעם
ווי אַזוי פייגל פליען: אָבער מער פון אַלץ האָט ער
זיך אָפּגעגעבן מיט דעם פּאַרעקשנטן אָנשטרענג צו
דערפינדן אַ פלי־מאַשין. דאָס איז געווען זיין גרעסטער,
זיין טיראַנישסטער חלום!...

(אַנטאָנינאַ וואַלענטין)

I

מיטזומערדיקער, מילדער, מילאַנער פריער פאַרנאַכט
ביים סוף פון פופצענטן יאָרהונדערט;
— וועלט ביים ראַנד פון גרויסער ענדערונג,

פון גרויסע וואונדער:
לענדער גייען פון האַנט צו האַנט.
מלוכות שטייען אויף. מלוכות פאַלן.
אויף איין וואַגשאָל שטויסן זיך גערעכט און אומגערעכט.
דער רתקיף רעדט פון יושר,
און ס׳גייען דאָ (ווי תמיד און ווי אומעטום)
דער געדערכטער און דער אָרעמאַן —
אין יאָך פון שפּאַן.

היינט ווי אייביק פּאַלט דאָ צו אַ לירישער פרי־אָוונט
מיט שטילן, נאָגנדיקן בענקען.
גערטנער אָטעמען מיט בליענדיקע בלומען.
קלויסטער־גלעקער קלינגען.
קילע שאָטנס ווערן קילער.
אויף די מערק ווערט שטילער.
הענדלער פּאַרפּאַקן שוין די וואַרעס.
און דורך פענצטער — פון טאַווערנעס און פון שענקען
צעטראָגט זיך דאָס שיכורע זינגען,
און די ווייגענדע אַקאָרדן פון גיטאַרעס.

לעאָנאַרדאָ גלעט צאַרט די קאַץ אויפן דיל.
ער געזעגנט זיך מיט איר.
און מאַכט צו שטיל די טיר פון זיין אַטעליע.
ער כאַפּט צום לעצטן מאָל אַ בליק
אויף זיינע בילדער, אויף זיינע מאַלערייען אויף די ווענט,
און שלייכט זיך אַרויס,
און לאָזט זיך מיט דער אָוונט־צייט דער מילדער —
דורך גערטנער,
דורך גאַסן און געסלעך,
איבער ברוק און איבער בריק
אויפן וועג צום קעניגלעכן הויף,
וואו הערצאָג לודאָוויקאָ ספאָרצאַס
האָט היינט פּאַרברייט פון זיינעטוועגן
אַ גרויסן, פייערלעכן פעסט.

לעאָנאַרדאָס פּנים לויכט,
עס שטראַלט מיט יום־טובדיק געמיט.
דורך זיינע לאַנגע, זייד־געקרויזטע (מיידלשע האָר)
גליטשט זיך לייכט אַ שטיפערישער ווינט.
לייכט און ווינטיק זיינען זיינע טריט.
נאָר זיינע אויגן — קינדיש און גרויס —
זיינען היינט נאָך קינדישער, נאָך גרעסער.

אַ יונגע לבנה לויכט אויף — אַ צעבויגענער מעסער,
און פול מיט שטוין און פול מיט פאַרוואונדער —
איז דער טיפער זין אין זיין טיפן גלי פון בליק:
— ס׳איז סוף־כל־סוף פאַראַן דאַנקבאַרקייט און לוין!
— נאָר ווער וועלן זיין די געסט?
—און וואָס וועט מען דאָרטן וועגן אים היינט זאָגן?

מ׳טאָר זיך נישט באַקלאָגן!
— נישטאָ, נישטאָ קיין גרעסער גליק
ווי וויסן, אַז דו האָסט די צוגעטיילטע צייט און מי אין לעבן
פאַרשווענדעריש נישט אויסגעגעבן!
— אַז ס׳האָט דיין קורצע ווייל דאָ אויף דער ערד
געריפּט און פול געוואָרן ווי געגאַרט און ווי באַשערט!
— אַז ערגעץ־וואו איז תמיד עמעצער פאַראַן, וואָס נעמט אויף
דיין מי דורך טעג פול מאַטער, דיין מי פון נעכט אָן שלאָף!...

נאָר ווי ער האָט פונווייטנס נאָך דערהערט —
דאָס פעטע קול פון דעם הויפנאַר בערנאַרדאָ,
(וואָס איז אַ גאַנצער חונף, האַלב־לץ און האַלב־פּאָעט),
איז אים אומעטיק געוואָרן.
און מער ווי אומעטיק איז אים געוואָרן,
ווען ער האָט דערהערט ווי דער עולם לאַכט,
און וואָס פאַר אַ ווילדע הנאה ער האָט
ווען בערנאַרדאָ
האָט אים צוגעטראָפן, זינגענדיק דעם לוסטיקן קופּלעט:
„דאָס לעבן יאָגט זיך גיך־און־גיכער.
קיינער איז דאָ היינט נישט זיכער, —

ווי אַ וואָלקן קומען קאָן געפאַר!
די שונאים זיינען וואַך און לויערן.
— זאָל טרויערן דער נאַר!
—.דער חכם ווייסט, בלויז איינמאָל לעבט מען אויף דער וועלט.
— זאָל לעבן לודאָוויקאָ, אונדזער חכם! אונדזער העלד!"

ווען לעאָנאַרדאָ האָט דאָס דערהערט —
איז אים אַ טיפער צער באַפאַלן.
זיינע פיס זיינען פלוצים געוואָרן שווער.
און ווי ס'וואָלט אינמיטן טאָג פאַרלאָשן זיך די זון —
איז אים געוואָרן פינצטער טיף אין האַרצן.
וואָס וועט ער דאָרטן טאָן?
— וואָס קער ער זיך אָן מיט בערנאַרדאָן?
נאָר באַלד ווי ער האָט זיך דערמאָנט, וואוהין ער איז געלאַדן,
האָט ער זיך אויסגעגלייכט,
און זיך אריינגעשלייכט אין קעניגלעכן הויף.

II

— לעאָנאַרדאָ . . . לעאָנאַרדאָ . . . האָט ער געהערט
מורמלערייען אין אַלע ווינקלען —
ווי נאָר ער האָט די שוועל פון הויף באַטראָטן.
זשיראַנדעלן האָבן פרעך געלויכטן
פון טיפע בעכערס האָט אַלטער ווייַן אַרויסגעפינקלט —
און מיט באַרוישטקייט די טריט באַשווערט.
דער הערצאָג אַליין האָט אים באַגעגנט,
און מיט שטאָלץ אים געערט
פאַר די גרויסע לייט פון קעניגלעכן יחוס.
די שענסטע יונגפרויען און דאַמען
האָבן טאַנצן מיט אים זיך אָנגעבאָטן;
אפילו די שיינע פרינצעסין לוקרעציאַ
איז צו אים צוגעשטאַנען:
„דערציילט אונדז פון אייערע דערפינדונגען,
מיר ווילן הערן, ווי אַזוי אייערע שטאָלענע פייגל
וועלן זיך טראָגן אין די ספערן!"

לעאָנאַרדאָ האָט זיך פאַרנייגט.
האַלב־שעמעוודיק גענומען שטאַמלען
און שווער ווי דאָס אויפהייבן אַ שווערן שטיין —
איז אים אָנגעקומען דער אַרעמסטער געדאַנק.

נאָר אַז דער הערצאָג האָט גענומען באַרואיקן די געסט.
און ס'איז געוואָרן שטיל ווי ערב־שטורעם,
האָט ער מיט שטאָלץ אין קול דערקלערט דעם זין פון היינטיקן פעסט.
און מיט קיין איינציק וואָרט אפילו נישט דערמאָנט, פאַרבייגייענדיק,
לעאָנאַרדאָס צייכענונגען, פרעסקאָס, מאַלערייען.
ער האָט נאָר דערמאָנט לעאָנאַרדאָס פלי־מאַשין,
וואָס וועט פאַרטיליקן אַלע זיינע שונאים,
וואָס וועט ברענגען טויט און רויִן
פאַר די וואָס וועלן וואָגן אַנטקעגנשטעלן זיך דעם הערצאָג!
— ער וועט איינגעמען די גאַנצע וועלט!
— זיין וואָרט וועט זיין געבאָט!

אַ ווילדע צופרידנקייט האָט זיך צעגאָסן אויף זיין פּנים.
און ער האָט מיט שטאָלץ געווענדט זיין בליק צו לעאָנאַרדאָן,
וואָס איז געזעסן ביי זיין רעכטער זייט.
פאַרטאָן אין זיך, האָט ער נישט געזען ווי פון זיינע רייד
האָט אַ טיפער ,טיפער טרויער
אויף לעאָנאַרדאָס פּנים זיך פאַרשפּרייט.
זיין פריערדיקע פרייד איז ווי אויסגערונען. אַוועקגעפלויגן.
— מאָרד. רויב. אומקום און רויִן —
זיינען פלוצים אויסגעוואַקסן פאַר זיינע אויגן.
עס האָט די צונג געגליווערט אין זיין מויל.
און זיך אַליין האָט ער אין טיפן אַנגסט געפרעגט, מיט שטומען גרויל;
— איז דאָס דער ציל, דער זין וואָס דו האָסט זיך געשטעלט,
דיין פלי־מאַשין זאָל טויט פאַרשפּרייטן אויף דער וועלט?
און זיך אַליין, האָט ער דורך קריצעניש פון ציין,
געענטפערט, דורך שטום נאָר יאָמערדיק געוויין:
— ניין!

— איך האָב געוואָלט דעם מענטשן אויפהויבן פון שטויב אויף דר'ערד!
— ניין!
איך האָב געוואָלט דעם מענטשן געבן פליגל!
— ניין!
— איך האָב געוואָלט אין שכנות ברענגען מענטש מיט גאָט!
— אים אויסשמידן אַ קרוין פון זון און שטערן!...
— — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — —

ווען דער הערצאָג האָט פאַרענדיקט רעדן
האָט אויסגעבראָכן אַ דונער פון פרייד.
בעכערס פול מיט ווייַן האָט מען געטאָן אַ הויב:
— זאָל לעבן לאַנג דער באַליבטער הערצאָג!
— זאָל לעבן לעאָנאַרדאָ!
מ'האָט פאַר ביידע נישט געשפּאָרט
קיין חניפה און קיין לויב.

נאָר פאַרהוילן האָבן אויגן גיריקע געברענט פון קנאה.
— אַ מאָלער, אַ פּראָסטער שמירער זאָל צו אַזוינס זיך דערדינען!
אין אַ ווינקל האָט בערנאַרדאָ אין טרויער, אין טיפער שנאה —
געזונגען פאַר זיך אַליין,
אַז ער וואָלט רירן געקאָנט אַ שטיין.

ווען לעאָנאַרדאָ האָט דערפילט אויף זיך
די פאַלשע בליקן און די חניפהדיקע רייד
פון די אָנגעזעענע לייט פון קעניגלעכן יחוס,
וואָס זיינען געקומען שיכורן און הורן ווי די הינט —
און אים לודאָוויקאָס ביסל וואַרעמקייט נישט פאַרגינט;
האָט ער אויף גיך זיך אויפגעשטעלט —
און העפלעך אַלעמען באַדאַנקט.

אַ רגע איז געווען שטיל.
דאָס בלוט איז הויך געלאָפן. דאָס האַרץ האָט גיך געקלאַפּט.
דער עולם האָט זיך ווידער צוגעכאַפּט

צום טאַנצן, צום פרעסן, און זויפן דעם וויין —
און געווען צופרידן — וואָס זיי וועלן מער נישט דאַרפן הערן
די לויבגעזאַנגען צו לעאָנאַרדאָן.

ווי פון אַ ווינקל האָט זיך אַרויסגערוקט בערנאַרדאָ,
און ווידער לצווען געגומען.
און ווייטער געדענקט ער:
זיין קאָפּ אויף אַקסלען ווי אַ שווערער מילראָד.
אַ שווייס אויף שטערן ווי אין פיבער.
ווי ער שלעפּט זיך אויפן וועג אַהיים —
דורך גערטנער, דורך גאַסן, דורך געסלעך,
איבער ברוק און איבער בריק —
ביז וויט הינטער דער שטאָט;
אַז די נאַכט געווען איז טונקל און געהיים.
דער הימל — לויטער, טיף און דורכזיכטיק.
ווי אַלטער וויין איז די מילאַנער לופט געווען —
געשמאַק און קעלער־קיל.
ווי אויף דער ערד איז געפאַלן דאָס זילבער פון שטראַלן,
און די הייזער האָבן ווי אַלעמאָל געדרימלט פּאַרכטיק און שטיל.

טאַטע־מאַמע ליגן וואַך
און חלומען פון זייערע זין אויפן שלאַכט.
די קלויסטערס זיינען פול מיט בתולות
וואָס זיינען געקומען גאָט זיך אָפּגעבן.
ווי עס וואַלגערן זיך דאָ הייַנט ווי אומעטום דורך אַלע נעכט
אומגליקלעך־אַנטוישטע און ס׳נעמט נישט קיין שלאָף צו זייערע אויגן,
חלומען זיי פון גליק, ווי פון זומערפייגל — וואָס זיינען זיך צעפלויגן.
— די אייביקע שרעק פאַרן טויט. — די אייביקע לאַסט פון לעבן.

III

און נאָך געדענקט ער:
ער קומט צו צום הויז.
ווי ער עפנט פון זיין אַטעליע די טיר,
ווי זיין קאַץ שפּרינגט אים אַנטקעגן — פייל פון בויגן,

מיט גרינע פייערלעך אין די ביינאַכטיקע אויגן.
ווי ער פאַלט אַוועק אין פיבערדיקן דעליר.
ווי ס'קאַנען ניט די מידע פיס דעם נאָך־מידערן קאָפּ מער טראָגן.
קוים־קוים ער קאָן דעם אָטעם כאַפּן.
די שלייפן שלאָגן.
דאָס האַרץ נעמט האָסטיק, האַסטיקער קלאַפּן.

און מער געדענקט ער גאָרנישט.
גאָרניט.
בלויז ווי אין אַ טראַנס און דורך געוויין
האַרבע טענות אויף אַ קול — צו זיך אַליין:
— מיך וועט מען נישט פאַרבלענדן מיט אַ מלחמה וואָס דאַרף זיין הייליק!
— און אין אַן אומגערעכט־גערעכטן זיג וויל איך נישט האָבן קיין חלק?
און פיינט האָב איך די חברה וואָס איז מיטן מויל געאיבט,
און בראָקט ווערטער נאָכאַנאַנד און שיבט —
און איז פאַרשאָלטן — גאָרנישט צו זאָגן
מיט אַ ים פון רייד!
— גלייך ווי ווערטער וואָלטן נישט געליטן בושה,
און נישט געליטן פּיין,
און נישט געוואוסט פון פרייד!

— און דאָך! ווי גרינג עס גיסן זיך די גראַמען
ביי דעם לץ און הויף־נאַר!
— עס האָט פון שאַנד דאָס פּנים מיר גענומען פלאַמען
אויף דעם גורל פון ווערטער,
אויף זייער אומבאַהאָלפנקייט און צער!

— מיר קומט אַן שווער, זייער שווער,
צו באַנעמען און דערקלערן
א נייעם איינפאַל, אַ נייעם געדאַנק:
איך באַדאַרף אים לאָזן רייפן, צייטיקן און יערן —
ביז ער ווערט פאַרם, אויסדרוק,
ביז ער נערט זיך מיט מיין בלוט —
און ווערט ווי טרויבן פול מיט שיכרות פון געזאַנג!

— איך ווער נישט מיד צו פאַרן פאַרבן.
איך ווער נישט מיד צו כאַוועז ווערטער,
ביז איך קריג די פּאַסיקסטע ליניע,
דאָס שפּאַרעוודיקסטע וואָרט —
וואָס קליידט אַמבעסטן דעם ריטם און דעם גאַנג
פון מיין ערלעכן געדאַנק —
וואָס איך פאַרצייכן און וואָס איך באַמאָל!

ס'איז וואָר, איך ווייס מיין ווערט:
איך ווייס, די ווייזהייט פון מיין „טאָג־בוך" בלויז וואַלט קלעקן
נישט נאָר צו מאַכן פון די הויפּלייט דענקער,
נאָר אויך פון זייערע פערד!
און זיכער איז: — איך לייד נישט פון קיין מינדערוויכטיקייט.
איך ווייס וואוהין איך רודער,
און נאָך מער ווייס איך, וואָס איך וויל.
און מעג די שוועסטער, גלייכגילט,
מיר זיין אַן אייביקע באַגלייטערין,
און מעג דער אומעט זיין מיר — אַ געטרייער ברודער,
שיינט ווי אַ שטערן פאַר מיין איינזאַם לעבן
דער שטרענגער קאָדעקס — פון באַשאַף,
און ווי אַ ווירע גלייך —
ציט דער וועג צו מיין העלזעעריש קעניגרייך,
צו מיין אויסגעחלומט גליק.
נאָר איך האָב פיינט די פרעכע חוצפּה
וואָס קומט פון אָרעם זיין.
די חוצפּה — וואָס בלאָזט זיך אין דער פינצטער,
און איז ברוגז אויף דער שיין.

ווייל פאַרם אָן געדאַנק —
איז ווי אַ ליד מיט אַ פאַרגרייזטן אות.
געדאַנק אָן פאָרם —
איז ווי אַ פּנים אָן אַ נאָז.
ווי קאָן איך באַרוישט ווערן
פון יעדער מינדסטער דערגרייכונג, ווי פון ווייַן,
ווען איך מאַטער זיך אויסצורעכענען — דעם וועג פון שטערן,

דעם קרייז פון זון, דעם גאַנג פון ווינט !...
— — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — —

נאָר ווער ווייסט וואָס לודאָוויקאָ (מיין מעצענאַט)
טראַכט פון מיר אַצינד ?
קאָן זיין מען חוזקט איצט פון מיר,
און מען טרייבט פאַר איבם (אויף מיין חשבון) שפּאַס און שפּאָט :
— כאַ־כאַ !
און דאָס איז דער וואָס וויל פאַרמעסטן זיך מיט גאָט !
— כי־כי !
און דאָס איז דער וואָס וויל דעם מענטשן גיבן פליגל !
— ווער ווייסט, לודאָוויקאָ קאָן אַמאָל צומאַכן זיין האַנט . . .
וואו וועל איך נעמען באַרשט און פאַרב, לייוונט און וואַנט ?
— איך וואָלט געבליבן ווידער ווי אַ פיש
אויף דער טריקעניש . . .

— ס'איז וואָר,
דער קריטיקער וואַסאַרי האָט שוין לאַנג געלויבט
די געדולדיקע פּינקטלעכקייט אין מיין „ערשטער זינד“,
וואָס כ'האָב געמאָלן פאַר דעם קעניג פון פּאָרטוגאַל.
— אָבער, איז דאָס דען אַלץ ?
— וואָס וועט זיין פון מיין לאַסט פון בערג,
פון די געחלומטע הייכן, פון די טיפע תהומען,
פון מיין אומדערמידלעכער מי, פון די פאַרטראַכטע ווערק —
וואָס שלומערן נאָך אין מיר ווי פולע, שעפערישע זאָמען ?!

— און איך וועל דורכפירן מיין נדר :
איך וועל אַלע שטרויכלונגען באַזיגן !
און זאָל מיר מיין פאַרדינטער רום נישט ווערן
קיין הויקער פון גרינגע דערפאָלגן !
— זאָל מיין לעבן זיין אַן אייביק שטייגן, ווי אויף שטיגן,
אין געראַנגל מיט זיך, מיט וועלט,
דורך פרייד און דורך טרערן ! . . .

לעאָנאַרדאָ דאַווינטשי

ביז איך וועל מיט ליבשאַפט פון דערפאַרונג
באַהויכן די מיסטיק פון אַנאַטאָמיע.
ביז איך וועל מיט מאַטעמאַטיק פון מוזיק
דערגרייכן דעם סוד פון פיזיאָגנאָמיע.
ביז איך וועל מאָלן קאָליר פון לייב,
שפּיל פון ליכט און שאָטן,
כישופדיק געוועב פון הויט,
פריידיקן צאַפּל פון לעבן,
ביז לעצטן אָטעמצוג — ביז טויט! . . .

— ווייל גערעכט געווען איז מיין גוטער, אַלטער מאַעסטראָ
ווערראָקיאָ,
ווען ער פלעגט זאָגן:
„דער וואונדער איז נישט ווארהאַפטיק — די וואָר איז וואונדער!"
קאַפּריז און מזל — ווערטער צוויי — וואָס זיינען מיר דערווידער.
און דאָך — באַפאַלט אַמאָל אַ צווייפל!
— און דאָך —
און דאָך —
מ'טאָר זיך נישט באַקלאָגן!
הלוואי וואָלט נאָר פאַרבליבן צייט גענוג
צו גיין אין שפּאַן פון לעבנסיאָך!
דער זייגער טיקט די צייט.
די צייט טיקט אייביקייט.
און מאָרגן קומט פאַר מיר פאָזירן
די פרוי פון אַלע פרויען — מאָנאַ ליזאַ! . . .

— — עס ריזלט פרייד אין מיר.
אויפסניי פולסירן אין מיר פריילינגדיקע שטראָמען:
— אָ, איצט פאַרשווינדט, פאַרשווינדט צום לעצטן מאָל,
איר אַלע מיינע נאָגנדיקע צווייפלען!
זאָל מער, ביי מיר, פאַר אייך קיין אָרט נישט זיין!
— אָ, שטומע ,ווייטע אייביקייט איך גיי אַנטקעגן דיר! . . .

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

שטיל און מילד ווי אַ צירקל יונגע טויבן,
פֿליט אַן דער פרימאָרגן אויף זיידענע פליגל.
לעאָנאַרדאָ שלאָפֿט.
אַ זיסער חלום־שמייכל רוט אַרום זיינע מויל־ווינקלען.
פֿאַרחלשטע שמעטערלינגען־זון פלאַטערן אויף די שויבן.
פרימאָרגנדיקע טראָפּנסטוי מיט ליכט באַגאָסן פינקלען;
עס וואַשט זיך דאָס פּנים — די וואַכע קאַץ,
לעאָנאַרדאָס איינציקער הויזפריינט.

די זון שיינט העל, העלער אויף די בלענדנדיקע שויבן.
לעאָנאַרדאָ כאַפּט זיך אויף.
מיטן חלום פֿאַרשווינדט דער שלאָף.
דער פרימאָרגן באַגריסט אים מיט פֿליגל־פּאַך פון טויבן.
ער קוקט אַריין דעם טאָג אין די אויגן — ווי אין אַ שפּיגל:
(טאָג, טאָג וואָס ברענגסטו צוטראָגן אין דיין גאָלדענעם וויגל ?)
דער טאָג הייבט־אויף זיינע ליכטיקע וויעס —
איבער די קילע, אומענדלעכע רוימען;
די אייביקייט מעסט אַן אַ קרוין פון שטראַלן —
אויפן קאָפּ פון קלוגן, מידן נביא.

ער שליסט־צו די אויגן, נאָר ווי אין חלום
זעט ער נאָך אַלץ ווי מענטש בלענדט אין דער זון,
און טראָגט זיך אויף שטאָלענע פליגל
אַלץ נעענטער און נעענטער צו גאָט! . . .

די זון שיינט העל, העלער אויף די בלענדנדיקע שויבן.
לעאָנאַרדאָ טוט פלוצים אין פרייד אַן אויפגעשטראַלטן ציטער.
זיין פּנים צעשמייכלט זיך —
פון זיסער זעליקייט און אויפגעלויכטן גלויבן!...

קאַלעוואַלאַ

זעקסטע רונע

הערש ראָזענפעלד

דאָס איז איינע פון די פופציק רונעס אָדער לידער—מעשות, וועלכע שטעלען צוזאַמען דעם פינישן עפּאָס „קאַלעוואַלע״.

וואַינאַמאָינען איז דער עלטערער העלד, דער גרעסטער זינגער, צו וועמעס געזאַנג עס הערן זיך צו זון, לבנה און שטערן. יאָוקאַהיינען איז יונגער און ער פאַלט דורך אין זיין פאַרמעסט מיטן אלטן זינגער. דערפאַר ברענט אין אים א גרויסע שנאה צו וואַינאַמאָינענען, און ער באַשליסט אים צו שיסן.

דאָ, אין דער רונע ווערט דערציילט, ווי אזוי יאָוקאַהיינען מאַכט זיין בויגן און פּרואווט שיסן אויף זיין שונא, וועלכן ער פאַקט פאַרן רייטנדיק אויף זיין פערד איבער די בלויע כוואַליעס פונעם ים. דעם אלטן קאָן ער נית טרעפן. אָבער זיין געטרייען שטרוי־קאַלירטן אָגער דערשיסט ער. א גרויסער אדלער, א פריינט פונעם אלטן זינגער, ראַטעוועט דעם אלטן פון ברויזנדן ים.

וואַינאַמאָינען לאָזט זיך אין וועג

און דער זינגער וואַינאַמאָינען
ריכט זיך אויס אין וועג אין ווייטן,
צו דעם גרויזאַם־קאַלטן דערפל,
צו דעם פינצטערן פּאָכיאָלאַ.
נעמט זיין אַרבעס־געלבן אָגער,
נעמט זיין פערד דעם שטרוי־קאַלירטן,
און ער טוט אים אָן דאָס צוימל,
טוט איבם דאָס גאָלדן צוימל,
און ער זעצט זיך אויף זיין רוקן,
און ער הייבט אָן אָפּצופאָרן
און ער יאָגט זיך האַסטיק פאָרווערטס,
לויפט דעם וועג אַריבער אייליק
אויף זיין אַרבעס־געלן אָגער,
אויף זיין פערד דעם שטרוי־קאַלירטן.

און ער פאָרט אַדורך וואַינאָלאַ,
דורך די קאַלעוואַלאַ־זאַמדן,

און עס לויפט געשווינד זיין אָגער,
היים און הויף שוין לאַנג פאַרשוואונדן,
און ער יאָגט שוין אויף דעם וואַסער,
אויף די ברויזנדיקע כוואַליעס.
דאָך די קלויען בלייבן טרוקן,
נעצן זיך ניט איין אין וואַסער.

נאָר דער יונגער יאוקאהיינען,
אָט דער שוואַכער לאַפּלאַנד יינגלינג,
האָט געטראָגן לאַנג שוין שנאה,
לאַנג שוין האָט געברענט זיין קנאה
צו דעם אַלטן וואינאמאינען,
צום באַרימטן אַלטן זינגער.

יאָוקאַהיינענס פייער־בויגן

און ער מאַכט אַ פייער־בויגן
מיט אַ וואונדער־שיינער וועלבונג,
מאַכט אים פון דעם בעסטן אייזן,
און באַלייגט אים נאָך מיט קופּער,
און מיט ריינעם גאָלד פון אויבן,
און פאַרגעסט ניט אויך קיין זילבער.

נאָר וואו נעמט ער שטריק צום בויגן,
און דעם שנור וואו קריגט ער איצטער?
לעמפאָ גיט אים פלאַקסן־פעדים,
היסי — אָדערן פון הירשן.

ענדלעך איז דער בויגן פאַרטיק,
פאַרטיק זיינען בײדע עקן.
שיין צום קוקן איז דער בויגן,
און געמוזט אַן אוצר קאָסטן —
אויפן רוקן שטייט אַ פערדל,
אויף דעם עק יאָגט אַ זשערעבטשיק,
אויפן אויסבויג שלאָפט אַ העזל,
און אַ בערעלע — ביים דריקער.

און ער מאַכט אפּולע פֿײַלן
מיט דרײַ פֿעדערן אין יעדער,
יעדע פֿײַל פֿון דעמב געשניטן,
און דער שפּיץ פֿון סאָסנע־צווײַגלעך.
ווי ער האָט געענדיקט שניצן,
האָט ער פֿעדערן פֿאַרפֿעסטיקט,
דינע פֿעדערלעך פֿון שוואַלבן,
און די פֿליגעלעך פֿון שפּערלינג.

נאָכדעם שאַרפֿט ער אָן די שפּיצן,
און באַשמירט מיט סם די פֿײַלן,
מיט דעם שוואַרצן בלוט פֿון שלאַנגען,
מיט דעם בלוט פֿון היסיס עקדעש.

יאוקאהײַנען טשאַטעוועט

מיט די פֿײַלן אַלע פֿאַרטיק,
און מיט בויגן אָנגעצויגן,
וואַרט ער אויף דעם אַלטן וואַינאָן,
וויל דעם פֿרײַנט פֿון כוואַליעס פּאַקן,
לויערט אָפּ אַ גאַנץ פֿרימאָרגן,
און אין אָוונט און צו מיטאָג.

און ער זיצט און וואַרט אויף וואַינאָן,
און ער ווערט ניט מיד צו וואַרטן,
שטייט און קוקט אַרויס פֿון פֿענצטער,
און פֿון ווינקל בײַ די פּלויטן
שטייט און טשאַטעוועט אויף סטעזשקעס,
בײַ די מעזשעס פֿון די פֿעלדער
מיט די פֿײַלן אויף זײַן רוקן,
און אין האַנט זײַן שײנער בויגן.

און ער לויערט אַלץ אינדרויסן,
לויערט בײַ אַן אַנדער שטיבל,
אויף דעם פֿײַערדיקן לאַנד־צונג,

פון דער ווייטסטער אינדזל־בוכטע,
ביי דעם וואַסערפאַל פון פייער,
פונקט ביים הייליקן געווירבל.

ענדלעך איז דאָס דאָך געשעהען
איינמאָל מאַכט זיך אַ פרימאָרגן,
אַז ער קוקט אַזוי אויף מערב,
און ער דרייט זיך אויס אויף דרום
און דערזעט אַ פלעק אין וואַסער,
עפּעס בלוילעך אויף די כוואַליעס.
איז דאָס ניט אַ מזרח־וואַלקן,
צי די זון הייבט אָן שוין אויפגיין?

דאָס איז ניט קיין מזרח־וואַלקן,
נישט די זון הייבט אָן צו אויפגיין!
דאָס איז ער גאָר, וואַינאַמאָינען,
דער באַרימטער אַלטער זינגער,
דאָס פאַרט ער אַצינד קיין צפון,
אין דעם פינצטערן פּאָכיאָלאַ
אויף זיין אַרבעס־געלבן אָגער,
אויף זיין פערד דעם שטרוי־קאָלירטן.

טוט אַ כאַפּ גלייך יאָוקאַהיינען,
אָט דער שוואַכער לאַפּלאַנד־יינגלינג,
אין דער האַנט זיין פייער בויגן,
שטעלט אים אָן, דעם שיינעם בויגן,
אויף דעם קאָפּ פון וואַינאַמאָינען,
און ער וויל דעם אָגער שיסן.

די מאַמע לאָזט ניט שיסן

נאָך אַפריער פרעגט די מאַמע,
נאָך אַפריער פאָרשט די אַלטע:
„קעגן וועמען איז דער בויגן?
וואָס באַשלאָגסטו אים מיט אייזן?“

ענטפערט גלייך איר יאָוקאָהיינען,
ער אַליין הייבט אָן צו ריידן:
„כ׳מאַך דעם בויגן קעגן יענעם,
און באַשלאָג אים נאָך מיט אייזן,
וואַינאַמאָינענען צו טייטן,
אָט דעם פריינט פון כוואַליעס פּאַקן,
וואַינאַמאָינענען צו טרעפן,
אים, דעם אוראַלטן מכשף,
פּונקט אין האַרצן און אין לעבער,
דורך די אַקסלען דורכצושיסן״.

נאָר די מוטער לאָזט ניט שיסן,
דאָס דערלויבט אים ניט די מאַמע:
„שיס אים ניט, דעם זינגער וואַינאָן,
ריר נישט אָן דעם זון קאַלעוואַס.
פון אַ גרויסן שטאַם קומט וואַינאָ,
און ער איז מיין שוואָגערס קרוב.

אויב דו וועסט דעם זינגער שיסן,
וועסט קאַלעוואַס זון פאַרדאַרבן —
וועט די פרייד פון וועלט פאַרשווינדן,
פון דער ערד געזאַנג אַוועקגיין.
פרייד איז בעסער דאָ, אויף דער וועלט,
אויף דער ערד — געזאַנג פיל שענער,
ווי אין פינצטערן מאַנאַלאַ,
ווי אין טואָנעלאַס שטיבלעך״.

„איך וועל שיסן!״

און דער יונגער יאָוקאָהיינען
האָט פאַרקלערט זיך בלויז אַ רגע,
נאָכגעטראַכט אַ קליינע ווײַלע,
אייך האָט רייסט זיך ביי אים שיסן,
און די צווייטע שטעלט זיך קעגן,
נאָר די לוסט האָט אים באַצוואונגען.

ענדלעך הייבט ער אָן צו ריידן
און ער לאָזט אַזוי זיך הערן:
„מעג אויף אייביק איצט פאַרשווינדן
פון דער ערד געזאַנג און פריידן,
מעג אַיעדעס ליד פאַרשווינדן —
אַרט מיר ווינציק: איך וועל שיסן!"

יאוקאַהייִנעץ שיסט

און ער נעמט זיין בויגן ציען,
שטעלט זיין שטאַרקן קופער־וואָפן
אויף זיין לינקן פוס אַנידער,
אָנגעשפּאַרט אויף רעכטער קניע,
נעמט אַרויס אַ פייל פון שיידל,
מיט דריי פעדערלעך באַפעסטיקט,
נעמט די האַרטסטע און די גלייכסטע
פון די סאַמע שטאַרקסטע פיילן,
שפּאַרט זיי אָן אין מיטן בויגן
אויף דעם שנור פון פלאַקסן־פעדים.

און ער שטעלט זיין פייער־בויגן,
שטעלט אים אויף זיין רעכטן אַקסל,
שטעלט אים פעסט און גרייט צו שיסן
אויף דעם אַלטן וואַינאַמאָינען,
און ער הייבט אַזוי אָן רעדן:

טראָג זיך, טראָג, בערעזעווע־שפּיצל,
שטרעק זיך, ציִ זיך, סאָסנע־צווייגל,
און גליטשט אָפּ, איר פלאַקסן־פעדים.
וועט די האַנט צו נידעריק צילן —
זאָל די פייל זיך העכער הויבן,
אויב די האַנט וועט העכער צילן,
זאָל די פייל זיך נידעריק לאָזן.

און ער טוט אַ ריר דעם דריקער,
שיסט אַרויס די פייל די ערשטע,

קאַלעוואַלאַ

נאָר זי פליט צו נידעריק איצטער
פליט דעם זינגערס קאָפּ אַריבער,
שפּאַלט די וואָלקנדלעך אין הימל,
רייסט די כמאַרקעלעך די קליינע.
אומבאַקימערט שיסט ער וויטער,
שיסט די צווייטע פון די פיילן,
נאָר זי פליט צו נידעריק אַצינדער,
בויערט זיך אין ערד אין טיפער,
וויל דעם אונטערשיכט דערגרייכן,
וויל דעם באַרג פון זאַמד צעשפּאַלטן.
שיסט ער גלייך אַרויס די דריטע,
פליט די דריטע פייל שוין גלייכער,
און זי טרעפט אין מילץ אין בלויען
פון דעם פערד פון וואַינאַמאָינען,
טראָגט דעם אַלטן וואַינאַמאָינען,
טרעפט דעם פערד דעם שטרוי־קאָלירטן
אין דעם פלייש אַריין פון אַקסל,
פונקט אין פלייש פון לינקן אַקסל.

פאַלט אַריין איצט וואַינאַמאָינען
מיט די פינגער אין דעם וואַסער,
מיט די אָרעמס אין די כוואַליעס,
גלייך אין שוים מיט זיינע פויסטן,
פאַלט אַראָפּ פון געלבן אָגער,
פון זיין פערד דעם שטרוי־קאָלירטן.

הייבט זיך אויף אַ גרויסער שטורעם,
און דער ים הייבט אָן צו ברויזן,
טראָגט דעם אַלטן וואַינאַמאָינען,
טראָגט אַוועק אים פון די ברעגן
אויף די ברייטע וואַסער־פלאַכן,
אויף די וואַסערן די פרייע.

הערש ראָזענפעלד

יאָוקאַהײנעס פרייד

דאָ צעזינגט זיך יאָוקאַהײנען
און ער לאָזט אַזוי זיך הערן:
„וועסט שוין, אַלטער וואַינאַמאַינען,
קײנמאָל מער מיט דײַנע אויגן,
ביז לבנה וועט נאָך לײַכטן,
מער ניט זען וואַינאַלאַס טאָלן,
קאַלעוואַלאַס שיינע פעלדער".

„זאָלסט זעקס יאָר אַצינדערט שווימען,
זיבן זומערן זיך זאַמען,
זאָלסט זיך גאַנצע אַכט יאָר שאָקלען
אויף די ברייטע וואַסער־שטרעקעס,
אויף די פרייע וואַסער־שטראָמען,
ווי אַ סאָסנע שווים זעקס יאָרן,
ווי אַ דעמבע — זיבן יאָרן,
ווי אַ פיען — אַכט יאָר כסדר".

און ער גייט אַריין אין שטיבל,
און זיין מוטער נעמט אים פרעגן:
„האָסטו וואַינאַן איצט געשאָסן,
האָסט קאַלעוואַס זון געטראָפן?"

ענטפערט גלייך איר יאָוקאַהײנען,
ער אָליין הייבט אָן צו רעדן:
„איך האָב וואַינאַן איצט געשאָסן,
כ'האָב קאַלעוואַס זון געטראָפן,
אים געשיקט אין ים צו שווימען,
אויף די וואַסערן זיך וויגן,
אויף די ברויזנדיקע כוואַליעס,
אויף די טיפע שטראָמען וואָגלען,
אין דעם שוימיקן געווירבל,
מיט די פינגער פאַלט דער אַלטער
מיט די עלנבויגנס פאַלט ער,

קאַלעוואַלאַ

אויף אַ זייט ליגט ער אַצינדערט,
אום אַזוי אַדורכצושווימען
דורך די כוואַליעס דורכצורייסן."

נאָר די מוטער גיט איר ענטפער:
„שלעכט האָסטו געטאָן איצט, זונע,
וואַינאַמאָינען צו שיסן,
און קאַלוואַס זון צו טרעפן,
אים, דעם העלד, פון סואוואַנטאָלאַ,
קאַלעוואַלאַס גרעסטן זינגער."

●

פון דער פוילישער ליריק

יידיש מענדל נייגרעשל, בראַזיל

יאַן קאַספּראָוויטש

ווינט וויגט די פאַריתומטע סאָסנעס

ווינט וויגט די פאַריתומטע סאָסנעס,
אין שויבן האַקט מיר דער רעגן.
פּאַמעלעך שלעפּט מיין נשמה
זיך שטיל אויף פאַרנעפּלטע וועגן.

זי איז צו די פעלזן צעשלייפטע,
צו סטעשקעס ביים אָפּגרונט געגאַנגען,
וואו אין טונקל־ע געררישן פון סודות
די געטער מיט אונדז זיך ראַנגלען.

זי שווימט צו צעפלאָקערטע שפּיצן,
וואָס גליען אין זוניקע זוימען,
וואו ס׳טרוימט וועגן אין־סוף די בענקשאַפט
פאַרטיפט אירע אייביקע טרוימען.

דער נעפּל שטעפּט מיט אַ רעגן,
די סאָסנעס פאַריתומטע שטאַרצן...
אַ ברעג! אַ ברעג! פול מיט כשוף!
איר בענקשאַפט פון מיין האַרצן!

קאזימיעזש טעטמייער

ס׳האָט צו מיין וויג

ס׳האָט צו מיין וויג, צום טאטרא־קינד,
מיט אָדלער־פליגלען געוויכערט דער ווינט,
געבויגן סאָסנעס ביים ברעג פון תהומות,
רוישיק באַפלאַטערט מיינע חלומות.

און האָט אריינגעטריפט אין מיין ברוסט
אַ פרייד, וואָס האָט פון קיין צאַם ניט געוואוסט,
און דעם פאַרחלומט־טרויעריקן ניגון
פון סאָסנעס, וואָס זיך אין שטילקייט וויגן...

די פּאַראַדיע פון לעבן

מיר לעבן אָפט אזוי, ווי אומעטיקע הירשן,
געבוירן אין ווילדניש, וואו זיי פלעגן דאָרטן
זיך טראָגן פוסטעפּאַס אין רחבותדיקער וויטקייט,
אַצינדער, איינגעצוימטע, שמאַכטן אין א גאָרטן.

זיי קענען איצטער לויפן איבער גרינע פעלדער,
מ׳האָט ביימער זיי און וואַסער זיי געגעבן,
זיי לעבן, ווי אין ווילדניש — אויף דער ענגער נחלה —
און ס׳טויט זיי אָפּ די סומנע פּאַראַדיע פון לעבן.

לוציאַן רידעל

הינטער קראָקע — שוואַרצער וואַלד

הינטער קראָקע — שוואַרצער וואַלד.
רעגנבויגן דאָרטן שטראַלט.
אַך, זי איז געגאַנגען
מיט אַ וועג אַ לאַנגען,
אָבער גאָט האָלט אונדז אין זיין געוואַלט.

רעגנבויגנדיק צעברענט
גליט די שוואַרצע בריק און בלענדט.
איבער יענע בריקן
טראָגט מיר, יונגע גליקן,
טראָגט אַצינד מיין האַרץ צו אירע הענט.

טאַדעאוש מיטשינסקי

מ ז ל ו ת

מזלות האָבן דעם משפּט געמאַכט:
— ס'איז אייביק דער טעורע, ס'איז אייביק די נאַכט.
— דו בויער פון דער צעשטערנטער וועלט,
— דו וועסט ווי אַ ווילד־חיה וואַגלען אין פעלד.
— פון ערד באַגזלענען וועט דיך דער טויט,
— ביים פלאַם וועסטו אויסגיין פאַר קעלט ווי אַ קנויט.

און מלכותדיק ענטפערט די שטערן מיין גייסט:
פאַר אייך איז באַשערט אַ באַוועגונג, וואָס קרייזט.
מיין טעות — אַ ראיה פון פריידהייט איז. הערט!
מיין האַרץ טראָגט פאַרהוילן אין טיפקייט די ערד.
די קברים־ביימער, זיי יאָמערן באַנג,
דאָך אינם לעבנס־שיף שווימט מיין געזאַנג.
און איך, איך דער בויער פון גאָר העכסטן הויז,
איך לאַך פון מזלות, וואָס לעשן זיך אויס!

ב. גלאַזמאַן

ב. טוטשינסקי

אין דעם לאַנגן קאַמף מיט די ליידן און אַנטווישונגען אין לעבן האָבן יידן זיך אויסגעלערנט צו גיין אויף זייטיקע אומוועגן, אויס־צומיידן דירעקטע באַגעגענישן אין טראַגישן צווייקאַמף. געוויס צוליב דער אומפּראָפּאָרציאָנעלקייט פון די כוחות־פאַרהעלטנישן האָבן זיי געמוזט, סיי פיזיש, סיי גייסטיק, אָנווענדן דעם פּאַרטלען־קאַמף און ניט די פראָנט־אַטאַקע. צוליב דעם האָט זיך ביי אונדז מיט דער צייט אויסגעבילדעט אַ געוויסע אויסגעקרומטקייט פון טאַקטיק, אַ נייגונג צו דריבנע־קאָמפּליצירטע קאַמף־מעטאָדן וואָס שאַדן אויך אונדז, די אָנווענדערס.

צו דער חכמה האָט זיך צוגעחנפעט די כיטרעקייט, וועלכע האָט אַ מיאוסע טבע אַרויסצושטויסן די ערשטע פאַרבייטנדיק זי און דיק־טירנדיק אין איר נאָמען. בעת דער עלטערזיידע האָט די כיטרעקייט איבערגעלאָזט ביי דער שוועל פון זיין הויז, אין וועלכן עס האָט געהערשט נאַיווער, ריינגייסטיקער גלויבן, האָט זי היינט באַקומען אַ פרייען איינטריט אין די אינטימסטע ווינקלען פון אונדזער גייסטיקער עקזיסטענץ. אויך אין דער יידישער ליטעראַטור באַגעגנט מען אָפט דעם סוראָגאַט פון אמתער חכמה אין זיינע פילצאָליקע מאַסקן. אזוי למשל, באַגעגנט מען קינסטלער, וואָס ווערן לחלוטין ניט באַהערשט פון זייער טעמע, וועלכע זיינען איר ניט געטריי און קאָנען, אין אַ נויט, גערן בייטן דעם מעטאָד פון שרייב־טעכניק, די אינטערפּרע־טאַציע, דעם אופן פון דערציילן און דעם טעמפּ. זיי איז וויכטיק דער געווינס, דער ריוח פון דערפאָלג. קומט ניט אונטער דער האַנט אין לעבנס־אַנעקדאָט אָדער טראַגישער עפּיזאָד, וועט קומען אַ צווייטער אַרום וועלכן ס׳וועט זיך איינגיבן אַרומצוקלאַמערן און אים צוטראָגן דעם נייגעריקן לייענער...

צו אזעלכע קינסטלער ווי גלאַזמאַן פאַלן ניט אריין די מאַטע־ריאַלן פאַר קונסט־שילדערונג צופעליק, ווי שמעטערלינגען אין דער פאַנג־נעץ, הגם ס׳איז גרינג צו באַמערקן, אז ער איז אַ גרויסער עושר אין באַאָבאַכטונגען, אז ער האָט אין זיינע וואַנדערונגען גאַר פיל געזאַמלט, אַז ער פאַרמאָגט גאַר פיל רוי־שטאָף, וועלכן ער קלייבט אָפּ לויט זיין ספּעציפישן קריטעריום און דערלויבט זיך אליין ניט

צו זיין אַ דערציילער אַן אויסברענגער, וועמען ס'אַרט ניט וועגן וואָס ער דערציילט, אבי ס'איז געוועקט דער בייגיר פון צוהערער. גלאַזמאַן האַלט בכלל פון צוים, פון זעלבסטדיסציפּלין און צילבאַוואוסטקייט — קאָן ער זיך ניט פאַרגינען דעם לייכטזין פון שיין אדער אָריגינעל שילדערן צוליב דער הוילער עפישקייט. פיל האַלטן דערפאַר, אַז גלאַזמאַן איז קאַלט, אז ער באַדינט ניט דעם לייענער, נאָרט אים ניט אריין מיט קיין לעקעכלעך פון טעכנישן פאַרטל, אז ער מאַנט אויפמערקזאַמקייט און שמייכלט כמעט ניט, אז ער איז ניט קליינשטעטלדיק־יידישלעך און, אז פיל פון זיינע ווערק קאָנען אַנגיין אַלס איבערזעצונגען פון דער אוניווערסאַלער ליטעראַטור, מ'זאָל נאָר פאַרבייטן די יידישע נעמען פון די העלדן, וויל עפּעס פעלט אין זיינע ווערק דער יידישער הומאָר, דער צושמעלץ פון וויץ, דאָס פּיקאַנטע פון ספּעציפישן שאַרפזין, מיט וועלכן מ'אַפּערירט ביי אונדז ביז געשמאַקלאָזיקייט. און, אין דער אמתן, גלאַזמאַן, וועלכער טראַקטירט אַזויפיל יידישקייט־פּראָבלעמען, האָט אינגאַנצן א קורצן זכרון בנוגע דעם באַקאַנטן רעקוויזיט פון יידישער מיליע, ער וויל עקשנותדיק פאַרגעסן אַן שטעטל, אַן דער „אַלטער היים". און אין דער אויפפירונג איז ער נאַטירלעכער: די גאַנצע צוגעבונדענקייט פון די יידישע ליטעראַטן אין אַמעריקע צו זייער פאַרגאַנגענהייט אין די אייראָפּייאישע לענדער, זייער פּערמאַנענט דערמאָנען זיך אין די אַמאַליקע פאָרמען פון מאַטעריעלן און גייסטיקן יידישן לעבן זיינען אַ באַווייז, אז זיי זען ניט קיין נאַטירלעך יידיש לעבן אין אמעריקע. גלאַזמאַנס פּראָבלעמאַטיק — אפילו אין זיין לעצטן ראָמאַן: „לעבן און לענדער" — איז דורכאויס אַ יידישע, אבער א נייע, אַן אייגנאַרטיקע, גליידך ווי ער האָט זיך געלערנט יידישקייט ביי ניט־יידן, יעדנפאַלס ניט ביי קיין מאָדערנע יידן. אויך זיין קאָנזעקווענטקייט און גראַדליניקייט זיינען ניט אייגנשאַפטלעך פאַר דעם מאַניער פון פיל יידישע פּראָזאיקער, וועלכע האָבן מורא פאַר טראַגישע פינאַלן און לאָזן זייערע העלדן אָדער אויף האַלבוועג צום פּאָטאַלן באַלאַנס, אָדער זיי ראַטעווען די סיטואַציע דורך אַן אויפטו, א פּאַליאַטיוו, וועלכער דערמעגלעכט אויסצולייטערן די סיטואַציע און, ווידער כיטרע, איבערבעטן מיטן ליגן פון דער ניט געהויבענער עקזיסטענץ.

גלאַזמאַן האָט זיך ניט ליב איבערצובעטן, ניט מיט דער וועלט, וואָס איז אַזוי פאַרבן־אָרעם און פאַרקריפּלט און ניט מיט די מענטשן, וואָס גייען אין שפּאַן פון פאַרבלאָזיקייט און דעגראַדירנדיקער הכנעה.

ווי אַ פאַרחלומט קינד געדענקט ער גוט אין דער עקזיסטענץ פון אַנדערע וועלטן, וועלכע מ׳האָט אים, זעט אויס, צוגעזאָגט, צוגעזאָגט און אָפּגענאַרט. נעמט ער ניט אָן דאָס רעאַלע, ניט מחמת קאַפּריז, ניט ווייל זיינע געשמאַקן זיינען באַזירט אויף פיקציעס, נאָר ווייל ער איז טיף איבערצייגט, אַז זיינע וועלטן, די ניט אַנטוואַפּנדיקע דער־ווייל, זיינען פאַראַן, זיי זיינען נאָר פאַרהוילן, ווייל מ׳וויל ניט מאַכן קיין אָפּטע, ריזיקאַלישע עקספּעדיציעס צו זיי. גלאַזמאַן ניכטערט זיך ניט אויס, דערלויבט ניט זיינע קרעאַציעס זיך אויסצוניכטערן. קינ־דער און דערוואַקסענע לעבן ביי אים אין זכות פון דער אויסטער־לישער פּאַנאָראַמע, אין וועלכער זיי קוקן אַריין פון צייט צו צייט.

„פון גאָר ווייט, — ווי פון אַן אַנדערער, אַ ניטהיגער, א חלום־וועלט, — האָבן זיך פון יענער זייט ים־אויסגוס געזען די פייערן" („אויף אַן אינזל").

„ער פלעגט זיך דערמאָנען אָן אַזוינס, אָן אַזעלכע זאַכן, וואָס האָבן פּאַסירט מיט אים, ווייזט אויס, שוין לאַנג צוריק — אין מאָדנע טונקל־ליכטיקע וועלטן, וואָס זיינען געווען תמיד אַזוי רויט־וואַרעמ־לעך. כאָטש דידאַזיקע „זאַכן" האָבן מיט אים פּאַסירט אפשר נאָך גאָרניט לאַנג צוריק, גלייך פאַרן געבוירן ווערן." („אונטער די פיס")

„און אַז עטלעכע נעכט זיינען אַזוי פאַרלאָפן, איז אים איינגיכן שטום אַזוי קלאָר געוואָרן, אַז דער פּלאַץ וואוהין עס ציט אים, איז ניט קיין אומבאַקאַנטער. ער איז שוין דאָרטן אַמאָל געווען. ס׳האָט אים בלויז אָהין צוריקגעצויגן." („צום נייעם האַפן")

„אָרע האָט זיך דערפילט מיט אַמאָל וואונדערבאַר, ווי ער וואָלט פּלוצלונג פאַרוואָרפן געוואָרן אין א חלום־לאַנד, — אינם לאַנד פונם בלייך־ווייסן ליכט, וואו מענטשן ברענגען אויס זייערע לעבנס מיט א שטילן פלאַם." („לבנה־ליכט"...)

צוליב דעם טאַקע, אַזוי אָפּטן, ווילן צושפּאַצירן אין די פּאַנאָ־ראַמע־וועלטן, האָט גלאַזמאַן אָנגעהויבן דערציילן, זיך אַליין, צום אָנהויב, מערער, ווי אַנדערע, ווייל פון דערציילערישן פּראָצעס האָט גלאַזמאַן ניט ווינציקער הנאה, ווי דער לייענער אַליין.

פיל יידישע דערציילער זעט איר בשעת זייער שילדערונג, ווי ניט פאַרבאַהאַלטענע אָפּעראַטאָרן פון פילם. איר באַמערקט, ווי דער שרייבער מאַניפּולירט, פאַריכט, מעסט אויס, פּאַסט צו און איז צופרידן מיט דער אייגענער צופרידנקייט. גלאַזמאַנס פאַרגעניגן באַשטייט אין נהנה זיין פון דעם אַרויסגערופענעם בילד, אין פאַרכלינען זיך אין

דער מאַסע פון לעבנס־עפּיזאָדן, וועלכע ער האָט ארויסגערופן. ער דיזאַלווירט זיך אַמאָל אפילו. אין כמעט־קינדער׳ישער פאַרגעסנהייט שווימט ער אין די געדיכטעניש פון די געשאַפענע שטימונגען. צוליב דעם פרעסערישן נייגיר צום דערציילטן דורך זיך אליין האָבן גלאַזמאַנס ערשטע ווערק געליטן פון א געוויסער דאָזע לונאַטיזם, ווייל דאָס ציטערדיק־צאַרטע, קוים־באַמערקבאַרע האָט ער געזען און געהערט, פאַרגעסנדיק אין דעם פאַרטנער — דעם לייענער. און צוליב דעם, ווייל ער איז איינציייטיק קאָנסומענט און באַשאַפער, דערציילער און געניסער, קומט אויך זיין דרויסנדיקע „קילקייט״, וועלכע איז ניט עפּעס אַנדערש, ווי דיסציפּלין פון מויל און צוימענדיקער קאָנטראָל איבער קרענקלעך־רייכער זשעסטיקולאַציע.

פיל, וואָס באַמיען זיך צו דערגרייכן צום פרעמדן געהער, באַגייען די עולה פון טומלדיקייט. גלאַזמאַן מוז זיך אליין געפעלן. קודם כל מוז ער אליין פאַרכאַפּט ווערן — איז ער דעריבער באַהיט פון דער גייציקייט צו פילדערן. אין דער הינזיכט איז ער ניט אורבאַניסטיש, אַביסל אַלטמאָדיש. ער האָט צייט און איר מוזט זיך אויך פאַרשאַפן צייט, כדי אים אויסצוהערן. אין טראַמוויי און אין צוג, אין צייט פון האלב־דערוואַרטונג וועט אייך גלאַזמאַן גאָרניט מיטטיילן. אפילו א גאָר קורצע נאָוועלע דערציילט ער לאַנג, געדיכט, שטימונגספול. די בעסטע נאָוועלן זיינע זיינען גראַד די, אין וועלכע ער האָט זיך גענומען די פריווילעגיע פון ניט איילן. די פּראַכט פון דער נאָוועלע „רעזערווירט״, די אָריגינעלע לאַגישקייט פון „טאַנץ פון די נעגערס״, די אינטריגירנדיקע „שיף אויף גרויסע וואַסערן״ און דאָס צאַרטע פון „אונטער די פיס״ וואַקסן אן בהדרגה, בנעימות.

אָן קונצן, אָן דער מינדסטער דאָזע פון ביטערקייט, אָן הינטער־וועגן קומט גלאַזמאַן דירעקט און ערנסט צום אָביעקט פון שילדערונג. זיינע פאַרבן זיינען, צום אָנהויב, ניט בונט, ניט איבעריק־קונציק קאָמבינירט, דער מאַניער אביסל אַ מאַנאָטאָנער, גלייך ווי א סופליאָר זאָל אָנהויבן פאַרלייענען, אָבער די פאַרבאַרגענע האַרציקייט איז באַלד גובר דאָס טויבלעכע קוואַזי־אומפערזענלעכע, און א וויברירנדיקע וואַרעמקייט הויבט אָן הערשן איבער אייך. ביי אייניקע פאַרזיכטיקע, קונסט־געניסערס, וועלכע האַלטן זיך אין איין שרעקן, זיי זאָלן, חלילה, ניט ארייננפאַלן אין אָ נעץ פון מינדערוועדטיקע, זיטיקע מיטלען, שאפט זיך אַ געוויסער רעזערוו צו די עקזאָטישע טעמען פון גלאַז־מאַנען, צו די נייראַסטעניקער, זעלבסטמערדער, צו דער עקסטראַ־

וואַגאַנץ פון דער „משפחה פיקודא" און זייערע גייסטיקע ברידער און שוועסטער, צו די לבנה־שאָטנדיקע האלב־גייסטער, האלב־מענטשן פון זיין ערשטן שרייב־פעריאָד. ס'איז פאַראַן אפילו ביי איניקע, שוין גאָר אָפּגעהיטע, די מורא, אַז זיי פאַלן אריין אין דעם כישוף פון דרויסנדיק־פרעמדלענדערישן. אָט איז דאָך גלאַזמאַן טאקע א באמת־אמעריקאנער, וועלכער גיט אמעריקאנער פּייזאזש, טאקע אמע־ריקאנער, ניט ניו־יאָרקער, וועלכער באַקענט מיט עקזאָטישער, פאַרן איי־אַפּייער, נאַטור, סביבה, רחבות, ווילדקייט און שיינקייט פון אַן אומבאַאַקנטן קאָנטינענט. אָט דערציילט זיין באַרג, זיין אייגנאַרטיקער זונען־אונטערגאנג, זיין געוויש פון טייך און ים. איז אפשר ווערן מיר געלאָקט פון אונדזער בייגיר און ניט פון זיין קונסט?

ווארום, אויב נאָר דרויסנדיקער רייץ, איז ער אפשר אנטליענער און מיר ווערן פון אים באַווירקט נאָר ווי אַמאָל, אין דער פריער יוגנט פון אַ קאָו־בויעשן פילם?...

ס'איז טאָקע ניט צום לייקענען: גלאזמאַן באַמיט זיך צו דער־ציילן דאָס, וואָס פיל יידישע ליטעראַטן פון אמעריקע האָבן, זעט אויס, נאָך ניט געזען. ער האָט ליב די גראנדיעזקייט, דעם פאַרנעם און גרויסאַרטיקייט פון זיין לאַנד, ער פירט אריין אין פיל, פיל ווערק זיינע דעם אָטעם און אַראָמאַט פון דעם פיל מאָל אנטדעקטן און דאָך נאָך ניט אינגאנצן, פאר אונדז, אנטדעקטן קאָנטינענט — אמעריקע.

גלאַזמאַן, ניט פאַרראַטנדיק לחלוטין זיין טבע צו דערציילן פאַר אייגענער באַפרידיקונג, געדענקט אַלץ מער אין שותף פון צוהערן. די בלייכקייט, צעשווימענקייט פון זיינע פּראָבלעמען און העלדן, וואָס האָבן ווי ארומגעשפּאַצירט אויף קאַרניזן פון הויכע בנינים, איז פאַר־ביטן מיט פולבלוטיק־פליישיקן רעאַליזם, אבער פּאַראַלעל מיט דערווירקלעכקייט, דער אָנטאַפּעוודיקער, האָט ער איבערגעלאָזט זיין חלום־וועלט אין איר גאַנצער פאַרבנרייכקייט.

זיין מיטל: זכרונות!

איינער געדענקט, ווייל אים איז מער ניט איבערגעבליבן, ווייל קאַטאַסטראָפּע אָדער אימפּאָטענץ האָבן אים פאַרקריפּלט, איינער טרייסט זיך מיט זכרונות, ווייל ער האָט דוקא א שלעכטן זכרון, וואָס אָריענ־טירט זיך איצט נאָר אויף דעם פּאָזיטיוון פון דער פאַרגאַנגענהייט. קינסטלער נוצן אויס מעמואַרן אלס פילטער צום לייטערן דאָס בילד און עמאָציע.

צופיל מענעריש־רייף איז איצט גלאַזמאַן אויף צו שפּרייזן אומ־אויפהערלעך צו זיינע שפּינוועבסאַרטיקע פּאַנאָראַמען, צו אויסמיידן דאָס בלוט־פּולסירנדיקע, קאָכעדיקע און ערדישע פון לעבן. ער איז מיט דעם אבער אויך איצט ניט ווינציקער ברוגז, ווי פריער, אויך איצט נעמט ער דאָס ניט אָן, כאָטש ער ווענדעט זיך מער ניט אָפּ דערפון. פריער פלעגט ער דאָס אויסשיילן פון אלע באַצירונגען ביזן חוט השדרה. איז אים געווען שווער צו גלויבן, ווייל זיין שיינער אנטיפּאָד פון דער ווירקלעכקייט איז געווען אירעאַל. היינט דער־ציילט גלאַזמאַן וועגן ווירקלעכקייט, וועגן טאָג־טעגלעכקייט, וועגן אוואַנטורע, וועגן אַ גרויסשטאָטישן קינד, וועגן ארויפגעאַרבעטע „אַנקעל מאָזעסן", וועגן תאווהדיק־צעלאָזטע דאַמען, וועגן דזשעז־מוזיק, וועגן רעסטאָראַן און לוקסוס, אָבער ס'איז אויך אביסל אירעאַל. און אָט די ספּעציפישע קליינדאָזיקע אירעאַלקייט, דורכגעזייט דורך א פילטער פון זכרונות, ווערט זי איידל, צאַרט, ווערט זי עכט־דיכטע־רישע אירעאַלקייט, וואָס האָט מער די ווערט, אלס גרונטלעכער אמת, ווי דער אויטענטישסטער רעפּאָרט פון פאַרשונגס־קאָמיסיעס...

דערמאָנען זיך הייסט חלומען אויף דער וואָר, אמתע דיכטונג לאָזט אויך חלומען אויף דער וואָר. ב. גלאַזמאַן האָט באשלאָסן צו דיכטן מיט דער הילף פון דערמאָנונגען, פון מעמואַרן. ס'איז אים געלונגען, און פון דעם איז געבוירן א צאַרטער רעאַליזם, וואָס איז ווייט פון געפּוצטער, אומערלעכער ראָמאַנטיק. ער רעדט וועגן אומ־געהויער־באַקאַנטעס, אבער ס'ווערט ווי אומבאַמערקט אקאָמפּאַנירט דורך טרוימערישעס. און דער פאַרוואָרף אין נאַיוויטעט בנוגע גלאַז־מאַנען צערינט, ווייל ער האָט נאָר אַזאַ באגלייטונג אין טאָן, דער פאָן איז אַ לעבעדיקער, אַן אַנגעפילטער אָפּט מיט שנאה, ביטול און אגרעסיע. דעם צויבער און חן פון זיין קונסט שאפט אבער נאָר דער עכט־גלאַזמאַנישער מוזיקאַליש־עפּישער אקאָמפּאַנימענט, און לויט אים קאָן מען אויסטיילן זיין שאפונג.

דער רעסטאָראַן פון דער נאָוועלע „רעזערווירט" איז אזא באַקאַנ־טער און זיינע באזוכערס באַגעגענען מיר ביי אלע טישלעך פון אַיעדער קאַפע־רעסטאָראַן אין דער וועלט. אַ פאַרגעניגן איז ביי יעדן אין די אויגן הלמאי דער עולם הזה־ביסן ליגט אויפן טעלער, פאַר די אויגן אזא דערגרייכבארער. אויך דער איינזאַמער מאַן, דער אָפּגעלעבטער און זאַטער פון עמאָציעס, איז ניט קיין שטאַרק אומ־באַקאַנטער. מיר האָבן אים ניט אָפּט באַגעגנט אין דער קליינ־

שטעטלדיק־יידישער ליטעראַטור, אָבער אין דער מעריב־אייראָפּעאישער האָט מען אים שוין פּרעזענטירט. גלאַזמאַן נויט אבער דעם פאַרשוין צו... (כ׳האָב שיעור געזאָגט חלומען!) דערמאָנען זיך און דו, לייענער, שוין ביי די ערשטע זייטלעך, זינקסטו אויף דיין שטול, ער מעג ווי האַרט זיין, ווי אין אַ פאָטעל, ווי אין אַ לייכטן נעפּל, הערסט אויף זען קאָנקרעט דאָס ארומיקע און געניסט פון איידעלן דערציילערישן שאַמ־פּאַניער. נאַכט און שניי, ליבע, אייפערזוכט, דערוואַרטענישן פון באַ־שטעלטן טישל און מאַגנעטיזם פון דער וויזיטקאַרטע מיטן מאַגישן וואָרט אויף דעם. אַלץ איז וואָר. אַלץ איז געווען אין אַלע ציַיטן, אין אַלע אומשטענדן. דער דרייעק אָבער אַליין פון דעם זיך דער־מאָנענדיקן, פון דעם רעזערווירטן טיש און פון דעם וויאָלאָנטשעליסט, וואָס קאָן ניט שפּילן אָן דער פּיקציע, איז ווידער מאַסקירטער חלום, שפּיל אין לעבן, גרים ארום דער וואכעדיקייט, קאַמף מיט מאָנאָטאָ־נישקייט, אויפגעזאָטן בלוט, הויכע טעמפּעראַטור פון לעבן, דערפאָלג־רייכע קאָמבינאַציע פון טרוים אוןווירקלעכקייט, וואָס איז מער פון טרוים און שענער פון דער ווירקלעכקייט...

בערנאַרד קאָהען („טאַנץ פון די נעגערס״) קאָן שוין גאָרניט חלומען, זיין האַנט ציט זיך פון פּריסטער יוגנט נאָך פּרוכטן, וועלכע מ׳קאָן אויפן אָרט אָפּרייסן און אריינבייסן אין זיי די ציין. ס׳פרעסט זיך איין אין זיין רויב ניט נאָר דער צאָן, נאָר אויך דאָס אויג, דער פינגער. דער גאַנצער מהות זיינער איז ווי אַן אויפגעפּראַלט מויל פון אַ הונגעריקער שלאַנג.

ווען אָבער גלאַזמאַן נעמט צו ביי דער רויב־חיה אין מענטשלעכער געשטאַלט, דעם באָדן אונטער די פיס, די אבסאָלוטע זעלבסטזיכער־קייט, ווען ביי די פּאַסאַזשירן אויף דער שיף ווערט געבוירן די מורא: „ווער ווייס, אויב זיי וועט נאָך אויסקומען נאָך אַמאָל כאָטש זען פון דערווייטן די פייערן פון שטענדיקער, נאָכאַנאַנדיקער פריידע״, ווערט די חיה דערנענטערט צום homo sapiens. זי באַקומט אַ מעג־לעכקייט צו שאַפן פּערספּעקטיוו, צו דערמאָנען זיך אין פאַרגאַנגענהייט, צו סומירן די פאַקטן פון די זכרונות, ציען פון זיי מסקנות. און די זכרונות פון בערנאַרד קאָהען וואַקסן אויס איצט, באַקומען בלוט אויפסניי, ווי נייגעבוירענע קינדער. בערנאַרד קאָהען האָט גאָר קיינמאָל ניט געפילט, אז לעבנס־פאַקטן האָבן נאָך אַ ווערט, חוץ אלס מאַטעריאַל צו באַפרידיקן זיינע אַפּעטיטן. ער האָט ניט געגלויבט אין ווידערגעבורט פון פאַקטן, ווייל ער איז צו עולם־הזהדיק־ברוטאַל

באַשאַפן און דערצויגן געוואָרן. ער פּלעגט אַפילו גאַנצע שטיקער פון זיין לעבן קאָנען אַמאָל אַרויסשניידן. „בערנאַרד קאָהען האָט זיך בכלל אויסגעלערנט גרינג אַזוי אַרויסשניידן, פאַרשטויסן פון זיך מענטשן און זאַכן, איבערלעבונגען און דערינערונגען, פון וועלכע ער האָט מער ניט געוואָלט וויסן, וועלכע ער האָט מער ניט געוואָלט געדענקען”...

איז אָט טאַקע ניט קיין קליינע קונסט צו דערפירן אַזאַ זעלבסט־זיכערן זוכער פון עגאָאיסטישן גליק, ער זאָל זיך אַמאָל דערפילן עלנט און שולדיק, ער זאָל מיט אַמאָל נעמען איבערלעבן אַבסטראַקט זיין לעבן אין דער פאַרגאַנגענהייט און דערביי ניט ווערן סענטימענ־טאַל, ווי ס'זיינען דאָס אייניקע פאַרשפּעטיקטע בעלי תשובה פון דער יידישער ליטעראַטור.

גלאַזמאַן פאַנגט קאָהענען אין מאָמענט פון אָפּגעשטעלטער אַקטי־וויטעט, ווען ס'הערשט ניט איבער יענעם דער שד פון מאַטעריעלן ריוח, דער אָנטרייבער פון זיין גאַנצער טעטיקייט און לעבן. אין דער איינזאַמקייט, אין פיזישן ווייטיק, ווערט קאָהען ענלעכער אויף דעם מין מענטש. ער דערמאָנט זיך, ער דערמאָנט זיך און לייטערט די אויפגעשוואומענע זכרונות. ער דערמאָנט זיך און פּייניקט זיך; ער האָט אָבער הנאה פון די יסורים. ער האָט קיינמאָל ניט געהערט — צוליב זיין גראָבהויטיקייט — קיין איידלקייט און מוזיק. די לעצטע איז אויך געווען ניט מער, ווי באַהעלפערין צום אויפרייצן פון תאוה. נאָר דורך די געלייטערטע זכרונות קומען אויף ביי אים ליכטיקע פּאַראַלעלן. ער דערפילט זיין קרובהשאַפט צו הומאַניזם, איידעלן, יושרדיקן. דורך פּחד און דערשלאָגנקייט, איבער די לייכטנדיק־וואַרעמע וועגן פון דערמאָנענען זיך אין אמתער פרויען־ליבע און קינדער־ליבע, וועלכע ער באַקעמפט ערשט איצט, ווערט ער ערשט אויף דער עלטער אַן איבערגעקערטער מענטש. אין צוים, אין געיעג איז ניט געווען קיין צייט אָפּצושאַצן, זיך פאַרטראַכטן. קוים אָבער האָט אים דער קינסטלער ב. גלאַזמאַן אַרויסגעריסן פון אימפּעטיקן געלויף, אים פאַרהיפּנאָטיזירט און געגנויט אים זיך דערמאָנען, איז געבוירן געוואָרן אַ נייער, אין תוך אומגליקלעכער, פאַרקריפּלטער מאַן. טעמפּ און אכזריותדיק איז די באַשעפעניש, אָבער ב. גלאַזמאַן איז אומגעד־הויער עקשנותדיק און פול מיט אויסדויער אין זיין קאַמף מיט זיינע העלדן. אַ גאַנצע רייע ווירקזאַמע מיטלען רינגלען אַרום קאָהענען, וועלכע אַטאַקירן זיין עמפּפינדלעכקייט, ביז ער גיט נאָך. איר דאַרפט דערין

ניט גלויבן אויפן וואָרט דעם קינסטלער, איר אליין ווערט צערודערט דורך גלאַזמאַנס קונסט־מיטלען. ס׳ווירקט דער שטורמדיקער ים, דאָס געזאַנג, די עלנטקייט פון די שווארצע מוזיקאנטן, די פרייד פון דער קאַלירטער דיגערשאפט, די שיינקייט פון מולאַטין־ווייב אויפן פאָן פון אמעריקאנער זומער. פון דער זייט זיינען דאָס בייזאַכן, דעקאָ־ראַטיווע עפעקטן, אָבער אָט די עפעקטן טאָקע שאַפן דעם אינערלעכן אמת פון ווערק...

און, ווייל ב. גלאַזמאַן איז געקומען קינסטלעריש צו גליקלעכער קאָמבינאַציע פון צירן דאָס לעבן אין אומבאַמערקבאַרע חנען, ווייל ער האָט פיינט דאָס טאָג־טעגלעכע און זוכט דאָס אויסטערלישע פון די לעבנס־דערשיינונגען, האָט אים זיין וועג געמוזט ברענגען צום קינד, וואָס געדענקט נאָך פיל פון דער ערב־עקזיסטענץ און וועמען ס׳האָט נאָך דער ריטם פון וואכעדיקייט ניט אָפּגעריסן פון וויזיעס.

ראובעלע פון „אונטער די פיס" איז זייער ענלעך אויף משהלען, וואָס איז געקראָכן צום שפיץ פון מאיאק („צינזן). משהלע איז אפילו אין זיינע שפּעטערדיקע טאָטן הוילע בענקשאַפט. ראובעלע איז ניט קיין חלום־יינגעלע, הגם א פארחלומטער. ראובעלע איז וואָר, ראובעלע איז אין טויזנטער קינדער אונדזערע דערשטיקט פון אונדזער גלייכ־גילטיקייט און פאַלשער דערציאונג. אבער אויך ראובעלע דערמאָנט זיך היינט: „זיך צו דערמאָנען ניט אָן עפּעס א באַזונדערער געשעע־ניש, נאָר סתם זיך דערמאָנען, — זיך דערמאָנען אין זאכן, וואָס האָבן אַמאָל געמוזט מיט אים פאַסירן, און, וואָס געפינען זיך אָט־אָט גלייך אויף יענער זייט פון די טירעלעך פון זכרון... מ׳פּילט אזוי זיכער זייער זיין דאָרטן, ווי דורך א טונקעלער, כאָטש דינער מחיצה, נאָר זען קאָן מען זיי ניט"...

דעשיפרירנדיק גלאַזמאַנען, קומט אויס, אַז די בענקשאַפט פון אלע דורות פון דער מענטשהייט, שטאַרבט ניט, נאָר אקומילירט זיך און גייט איבער בירושה.

וואָלט מען די אוצרות פון שטרעבונג צו גוטן און שיינעם אויס־גענוצט אין אונדזערע קינדער! וואָלט מען אנטוויקלט אין זיי דאָס איינגעוואָרצלטע אין זייערע טרוימען!...

פיל שרייבער מיט געזעלשאַפטלעכער אחריות גיבן אולטרא־רעאַליסטישע בילדער אין די גרויעסטע פארבן, אנטבלויזנדיק די וואונדן פון דער וועלט. דאָס ווירקט אָפט (ווען דער קינסטלער איז באמת טאלענטירט!) גרויזאַם, אבער איינזייטיק. ס׳רופט ארויס עקל,

בייזע מחשבות, געפילן פון אומהיימלעכער נקמה און אנטיפּאַטיע צו דער וועלט. ס׳באַקומט זיך דער איינדרוק, אז דאָס לעבן איז אליין א קריפּל.

ביי גלאַזמאַנען — צוליב זיין פעאיקייט און שטרעבונג צו דעקאָרירן — ווערט איר ניט אָפּגעשטויסן פון לעבן, נאָר פון די שמוציקע, אומווירדיקע צוגאָבן צום לעבן. דאָס לעבן און די ווירק־לעכקייט זיינען וואונדערבאר, דעם מענטשנס געפילן קאָנען זיין נאָבעלע, דערהויבענע, אויסגעאיידלטע; די נאַטור, די קלאַנגען פון מוזיק, די ליבע, די חרטה, די שטרעבונג און אויפשוואונג צום שיינעם עקזיסטירן באמת. די אמתע גוטע וועלט עקזיסטירט, זי איז ווי אָפּגעטיילט ביי גלאַזמאַנען מיט א דינער מחיצה און געפינט זיך ניט, ווי ביי מערערע, אונטער די הרי חושך. גלאַזמאַן אליין האָט דאָס גליק זייער אָפט צו זיין איןביידע וועלטן און ביידע אריינברענגען אין זיינע ווערק...

ווי חוזקדיק ס׳איז זיין „שיף אויף גרויסע וואַסערן!״ וויפיל גיפט ס׳איז פאַרבאָרגן אין זיין כאַראַקטעריסטיק פון די פּאַסאַזשירן! אבער ס׳איז שווער צו אורטיילן, וואָס איז פאר גלאזמאנען וויכטיקער גע־ווען: די קללה איבער פרוי באלדעמאראס זנות אדער די נאַאיווע און וואונדערבארע פיגור פון נחל־ניקאָלא; די מענאזשערי־אויסשטעלונג פון די איבערגעזעטיקטע, צי דער עקסטאַז פון דער „טוריסטן אפטיי־לונג״. ס׳איז שווער צו אקצעפּטירן, אז גלאַזמאַן האָט געגעבן די פּוסטקייט און גלייבנסלאָזיקייט, אידעאללאָזיקייט פון די ערשטע, כדי נאָר צו באלויכטן די צווייטע. אָבער אויך קאַפּויר קאָן מען ניט אורטיילן. דער אפּאטעאָז פון עפּילאָג איז ניט קיין אויסגערעכנטער ליכט־עפעקט צוליב דער הוילער באטאָנונג פון פינצטערן. ס׳איז גיכער גלייכבאַרעכטיקטע עקזיסטענץ פאר ביידע וועלטן, איינע פון וועלכע איז גלאזמאנען אומגעהויער אנטיפּאַטיש. מיט אזא שרייבער איז אָנ־גענעם מיטצומאכן זיין וועג, ער בארויבט ביי דיר ניט קיין גלויבן אין דער עקזיסטענץ פון וואונדערבאר־ווערטפולן אין לעבן. און, ווען ער טראָגט אונטער שאַרזש און קרומען שפּיגל, ווען ער דעמאַסקירט באמת העסלעכעס, גיט ער, אזוי, דרך אגב, א נעם א זייטיקן אבער אזא קלאַנגפולן, אייגנאַרטיקן אַקאָרד, און רופט ביי אייך ארויס בענק־שאַפט.

אָט מאכט ער א קליינעם און לייכטן וויוויסעקציע־שניט איבער דער פּסיכיק פון יידישן זשורנאַליסט עוזיאל גאָלד, וואָס שעמט זיך

ניט און שעמט זיך יאָ מיט זיין באַשעפטיקונג. און אָט גלאנצט אויף אין דעם זעלבן גאָלדן בענקשאַפט, וואָס נויט, מ׳זאָל אים, כאָטש טיילווייז מוחל זיין: „די נאכט ארום האָט עוזיאל גאָלדן שטארק דערמאָנט אָן איינער אן ענלעכער לבנה־נאכט אין דער דרומדיקער שטאָט טשארלסטאָן — אַ נאַכט, אַ סאַמעטענע און ווירציקע... אַ נאַכט פון ליבע און שטילן לבנה־ליכט אויפן דערבייאיקן ווי אויסגע־כישופטן האפן־וואַסער”. ניקאָלא איז פונקט אזויפיל אנטיפּאַטיש וויפיל סימפּאטיש, שעפעריש און ווארצלאָז, באגאבט און אנארכיש, קלוג און נאַריש. דעם פּאַטש, וועלכן ער שענקט מרס. באלדעמערא, מעג ער קעגנזייטיק באקומען אויף אייגענער באק. אבער דעם קינסט־לער ב. גלאזמאן גלוסט זיך אזוי שטארק צו אנטדעקן א שטריך, א פּאַרטיידיקנדיקן אין ניקאלאן: „ס׳איז דאָ אָן א שיעור נייס ביי אים אין דער פּאַנטאַזיע. אים דוכט זיך: ער איז דער אייגנטימער פון א רייכער קוילן־מינע — ער איז אליין די רייכע קוילן־מינע... וויפיל ער זאָל דאָרט ניט גראָבן אין דער טונקל פון זיין הארץ און פּאַנטאַזיע, בלייבן נאָך דאָרטן אלץ פּאַרבאָרגן אין דער מחיהדיקער פינצטערניש אומגעהויערע פלאַסטן פון שוואַרצער און שווייגנדיק־בלישטשענדיקער קויל”...

אָט וויזט אונדז גלאַזמאַן די פאלשע סענטימענטאלע טרערן פון די שיף־קינא־באַזוכערס און מיט אייניקע שורות ווייטער שיינט אויף די שיינקייט פון ים אונטער זון־שטראלן: „דער אָקעאן איז איצט אי רויט, אי פּורפּורדיק, ווי ריזיק... עס האָט איצט א קאָליר, פאר וועלכן ס׳איז דוכט זיך גאָר קיין נאָמען ניטאָ אין דער מענטשלעכער שפּראַך. עוזיאל גאָלדן, א שטייגער, האָט זיך אויסגעדוכט: דאָס וואַסער פון אָקעאַן אין אָט די מינוטן האָט דעם קאָליר פון א ריזיקן טויזנט־מייליקן שטח פון פרישן פסחדיקן בוריקעס־ראָסל”.

ס׳קאָרטשען זיך ביי גלאַזמאַנען די קלעזמער פון דזשעז־אָרקעס־טער, זיי רייצן תאוות, מאכן ווילדע העויות, באַדינען נידריקע געשמאקן, טרייבן אונטער צום ריטם פון הולטייסטווע. אבער איינעם מוז דאָך, כאָטש אויף א מינוט ארויסרייסן גלאַזמאַן און וויזן אין זיין קינסט־לעריש־מענטשלעכן געשטאלט — דעם וויאָלאָנטשעליסט באראנגוטשי: „זיינע אויגן זיינען געווען די גאנצע צייט דבקותדיק פארמאכט, זיין פּנים האָט זיך ווייטיקדיק געקנייטשט און געקאָרטשעט, פּונקט ווי ער וואָלט ממש געהאט פיזישע ווייטיקן פון די טיפע אָנשטרענגונגען ארויס־צוציען פון דער ניט־נאָכגיביקער בייגיקער טשעלע צווישן זיינע קני

די תפילהדיקע, די פרומע און פאַרדבקותט־איבערגעגעבענע טענער פון „אווע מאַריע״.

דער דאָזיקער באַראַנגוטשי וועט מיט אַ ווײַלע שפּעטער ווערן אַ פּאַיאַץ־קלעזמער. אין דעם מאָמענט איז ער געגליכן צו זײַן קאָלעגע פון „רעזערווירט״, וואָס שפּילט פאַר דער וויזיט־קאַרטע, פאַר אויס־געחלומטע געסט, פאַר די איידל־פילנדיקע, וואָס פעלן אין קאַפע. דער קינסטלער אין פּענטעס געפינט כּאָטש אַ פרייע רגע, ווען ער חלומט זײַן אייגענעם שײנקייטס־טרוים.

אַן אַנדער וואָלט גאָר געזען דאָס גהינום פון דער הייך־אָפּטיילונג, ביי גלאַזמאַנען וועלן זיי „קריגן דעם אָנבליק פון האַלב לעגענדאַרישע באַשעפענישן, פון פאַרזינדיקטע געטער, וועלכע זײַנען פאַרמשפּט גע־וואָרן אויף אייביקער תפיסה אין פייערדיקן בויך פון דער שיף״.

און ווען דער גאַנצער טור פון דער „שיף אויף גרויסע וואַסערן״ האָט געדאַרפט און דאַרף אויסזען אַזוי אומנוצלעך, אַזוי ציללאָז, ווען ס׳בלייבט אַזאַ מידקייט און זויערקייט נאָך די לוקסוס יום־טובים און אוממאָראַלע צעלאָזנקייט, לאָזט גלאַזמאַן אַרויס די „טוריסטן אָפּטיילונג״ מיט אירע וויזיעס. ווי גאָר אַמאָל, ענלעך צו ראַובעלען פון „אונטער די פּיס״ פרייען זיך יונגע און עלטערע מענטשן פון אַ פאַרפראַזאַישטן קאָנטינענט מיט זייער אָנקום צו פרעמדע ברעגן. גלאַזמאַן רופט זיי מער ניט אָן: „חלום־ייִנגלעך״, אָבער זיי, זיי זײַנען דאָך דאָס די, וואָס דערזען די ערשטע פייערן פון די אייראָפּעאישע ברעגן און האָבן דאָס געפיל: „דאָס זײַנען די אייגוואווינער פון דער „אַלטער וועלט״, אין ענגלאַנד און אין פראַנקרייך אַרויסגעגאַנגען דאָרט איצט באַגריסן זיי... דאָס האָבן יענע פונדערווייטנס אָנגעצונדן ריזיקע פלאַקערס אויף די ברעגן פון ים, כּדי צו באַלייכטן זיי דעם וועג אויפן פינצטערן וואַסער״. און ווי אַמאָל, משהלע, אויפן לייכט־טורם האָט זיך צעשריִען אין ווינט אַרײַן, צעשריִען און געפּייפט דרייסט און העזהדיק, אַזוי שרייען אין כאָר ביי גלאַזמאַנען די פאַרחלומטע טוריסטן, וועלכע האָבן נאָך קיין איין לאַנד, חוץ אַמעריקע, אין זייער לעבן ניט געזען:

"Vive L'Angleterre
"Vive La France!"

דאָס איז קינסטלערישע און אידעאָלאָגישע קאָנסעקווענטקייט פון גלאַזמאַנען, וועלכע באַגלייט אים פון אָנהויב ביז צו דער הויכער אַנטוויקלונג פון זײַן קינסטלערישער טעטיקייט. ער ווערט רייכער,

איבערקלייבערישער אין מיטלען, זיינע טעמען ווערן רעאלער, זיין ציל — קאָנקרעטער. ער בלייבט געטריי צו דער וועלט פון שיינקייט, וועלכע מ'דאַרף, מ'מוז אָן אויפהער אנטדעקן, דערציילן וועגן איר, ארויסשיילן זי פון דער געמיינהייטס־שאָלעכץ, אין וועלכן דאָס קליינ־לעך־טאָג־טעגלעכע דעקט זי צו. ער ווערט ניט מיד צו דערציילן און ווערט אויך ניט מיר צו הערן גלאַזמאַנס אזוי ווייטע און אזוי נאָנטע לעבנס־שילדערונג.

די וועלט פון דער יידישער ליטעראַטור — כ'מיין די דרויסנדיקע וועלט! — איז דאָך אזא באגרעניצטע, קליינשטחדיקע, אזא ענלעכע אין פאַרשידענע וועלט־טיילן. ביי גלאַזמאַנען ווערט זי ברייט אריינ־געפירט. א נייע, א גדלותדיקע, א פרעמדע, אבער א מאַיעסטעטישע. און ס'איז אנגענעם צו קאָנסטאַטירן, אז ס'ווערט אזא אייגנטום דער־אָבערט אין דער יידישער קונסט, ס'איז אפילו מאָדנע אומפאַרשטענד־לעך די קילע אויפנאמע פון אזא אריינפירן וועלט־פייזאזש צו וועלכער גלאזמאן האָט, אומבארעכטיקט, זוכה געווען. אבער אויך זיין רואיקע, אבער ניט געלאסענע; דיסציפלינירטע, אבער ווייט ניט קאלטע, מאניער פון דערציילן איז ניט געווען אזוי צום הארצן דעם יידישן לייענער, דעם געוואוינטן צו פסיכאָלאָגישע דריידלעך, אָפּנויגונגען, ווילנדער מאַניער פון דערציילן, דרויסנדיקער דינאמיק אָן אינערלעכן טעמפּעראמענט.

ב. גלאזמאן איז פאר פיל יידישע לייענער צופיל אייראָפּייער, (ניט אמעריקאנער אפילו) צופיל אויסגערעכנט אויף גוטע מאַניערן אין דער קונסט, צופיל קענער פון גוטער, אבער ניט אגרעסיווער שרייב־טעכניק. ער קומט ניט באזיגן פובליקום, נעמען אין געפענ־געניש, ער קומט שענקען שעהען פון גייסטיקער דערהויבונג און אויסלייטערונג, שעהען פון פאַרטיפונג ארום סובלימירטע פאַקטן. ווער ס'עקשנט זיך ניט קעגן אים, לעבט ווירקלעך איבער א גאנצע גאַמע פון פאַשידנארטיקע געפילן, ווייל גלאזמאן איז זייער אָפּט מענעריש־קרעפטיק און צאַרט, בייז און פאַרחלומט, פול מיט שנאה און מיט ליבע.

ער טאָר נאָר ניט ווערן אביעקטיוו, זיך אליין אויסשליסן פון דער שילדערונג, גיבן די עפּאָכע, דאָס קעגנזעצלעכע, די ראנגלענישן און פארלאָזן דעם געמיטלעכן טאָן. אלס ראָמאַניסט („לעבנס און לענדער"), האָט גלאזמאַן געדענקט, איז אומניצלעך אָנצוואווענדן די־זעלבע שרייב־מעטאָדן, ווי אלס נאָוועליסט. ער איז געוואָרן פּאָפּו־

לערער, יידישלעכער, אבער פיל ווינציקער אָריגינעל. ס׳פעלן דאָ די פרייד פון די אולטרא־רעאַליסטן, דער רייץ און צויבער פון דעם לייכט־עקסטראַוואַגאַנטן, וועלכער איז אייגנשאַפטלעך פאַר גלאזמאנען. פעלט דערפאר די באזונדערע פאַרב און היץ. ס׳איז דאָ פארלאָרן די פילקאַנטיקייט, די געדובלירטע וועלט, כאָטש ס׳זיינען דאָך אזוי בולט צוויי וועלטן דירעקט צוזאַמענגעשטעלט. מעגלעך, אז דאָס קומט דערפון, וואָס גלאזמאן, אלס נאָוועליסט, רעזאַלווירט קיינמאָל, ביז צום סוף, קיין פּראָבלעמען, וואָס ער ווייס קיינמאָל וואו ס׳איז דער העכסטער שטאַפּל, צו וועלכן ער שטרעבט. אין „לעבנס און לענדער" איז ניטאָ קיין מינדסטער נעפּל, ס׳איז דאָרט דערפאר אויך אין א היפשער מאָס ניטאָ אויך ב. גלאַזמאַן...

ס׳איז אָבער ניט דאָ דאָס אָרט צו זוכן די שטרויכלונגען פון קינסטלער, ווייל דער טעות דערווייזט, ביי כאַראַקטערפולע שעפערס, נאָך בולטער די ווערט פון דעם ריכטיקן גאנג, אין די נאָרמאַלע טע־טיקייטס־ראַמען...

און די נאָרמאַלע מעלות פון ב. גלאזמאן, וועלכע האָבן אים גע־שטעלט אין די ערשטע רייען פון די יידישע פּראָזאאיקער, זיינען: די רייכקייט און בונטקייט פון זיין שטאָף, סיי ווען ס׳האנדלט זיך וועגן רעאל־פאַקטן, סיי ווען ער באהאנדלט נשמה־אויסשטראַלונג; די קאָנ־סעקווענטקייט פון זיין באַשיינען דאָס אויסטערלישע און אנטדעקן דאָס צארטע און געהויבענע; די ליבע צום טרוימענדיקן און שעפערישן מענטש, די עקשנות און געטריישאפט צו זיין קונסט.

און נאָך אַ זאַך: ער געהער, ווי ס׳שיינט, צו די גאָר ווינציקע אין דער יידישער ליטעראַטור, וועלכע גלויבן גאָר ערנסט, אז צום אָנהויב איז געווען דאָס ווארט און אז צו זיין נאָר א קינסטלער איז גרינגער ווי צו זיין אַן אָפּהיטער און גלויביקער כהן פון וואָרט.

גלאַזמאַן גלויבט אין דער לייטערנדיקער און נאָבעלער שליחות פון זיין וואָרט.

אלכסנדר האַרקאַווי ווי אַ רעדאַקטאָר

(צו דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור
און פרעסע אין אמעריקע)

אליהו שולמאַן

I

אין דער יידישער ליטעראַטור איז אלכסנדר האַרקאַווי (1863־1939) באַקאַנט דער עיקר ווי אַ פילאָלאָג. אַ. האַרקאַווי האָט אָבער אויך געהאַט גרויסע פאַרדינסטן ווי אַ רעדאַקטאָר פון צייטשריפטן וואָס זיינען אַרויס אין לעצטן צענדליק פון 19טן יאָרהונדערט.

אין 1887 אלס העברעאישער לערער אין מאָנטרעאָל, האָט האַר־קאַווי ארויסגעגעבן איין נומער פון א ליטאָגראַפירטער צייטונג „די צייט" — אָט די שריפט איז געווען די ערשטע יידישע צייטונג אין קאַנאַדע. דריי יאָר שפּעטער, זייענדיק אין באַלטימאָר, האָט האַר־קאַווי ארויסגעגעבן אַכט נומערן פון א וואָכנבלאַט „דער יידישער פּראָגרעס". דאָס איז געווען אַ ראַדיקאַלע צייטונג. די קאָנסער־וואַטיווע, באַלטימאָרער יידן האָבן זיך באַצויגן קעגנעריש צו דעם בלאַט, דער דרוקער האָט זיך אָפּגעזאָגט זי ווייטער צו דרוקן — און די צייטונג איז ליקווידירט געוואָרן.*)

(אינם „יידישן פּראָגרעס" איז, אגב, געלייגט געוואָרן דער פונ־דאַמענט פאַרן מאָדערנעם יידישן אויסלייג.)

די אַלע שוועריקייטן האָבן א. האַרקאַווין ניט אַנטמוטיקט. עטלעכע יאָר שפּעטער האָט ער באַנייט זיין רעדאַקטאָרישע און ארויסגעבע־רישע טעטיקייטן. אין משך פון די יאָרן תרנ"ה־תר"ס האָט ער אַרויסגעגעבן פינף „פאָלקס קאַלענדאַרן", וואָס אַנטהאַלטן וויכטיקע אינפאָרמאַציע, פּאָפּולער וויסנשאַפטלעכע ארטיקלען, פּאָליטישע אי־בערבליקן, לידער און דערציילונגען. די קאַלענדאַרן זיינען געווען פּראָגרעסיווע זאַמלונגען וואָס האָבן אין יענער תקופה אריינגעבראַכט

---

*) זלמן רייזען: לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור, פּרעסע און פילאָלאָגיע, ערשטער באַנד, ווילנע 1926.

אַ פרייען שטראָם וויסן און פראָגרעס און אומפּאַרטייאישן ראַדיקאַליזם אין דער רויער אַמעריקאַנער יידישער סביבה.

דער ערשטער פאָלקס קאַלענדאַר איז טיטולירט געווען: דער אמעריקאַנישער פאָלקס קאַלענדאַר — אַ יאָרבוך פיר אונטערהאַלטונג 80 זייטן × 18 זייטן אַנאָנסן.

דער ערשטער „פאָלקס קאַלענדאַר", וואָס האָט אויסגעהאַלטן צוויי אויפלאַגעס איז אויסגעפילט געוואָרן כמעט אינגאַנצן פון רעדאקטאר אַליין. בלויז צוויי אַרטיקלען זייגען אונטערגעצייכנט פון אַנדערע מחברים; אַ פּאָליטישער איבערזיכט פון ב. פייגענבוים, און אן ארטיקל וועגן ציין־דאָקטוירים פון דר. ט. סעגאַל.

דער ערשטער נומער פון „פאָלקס קאַלענדאַר" עפנט זיך אויף מיט אַ קאַלענדאר פאַרן יאָר תרנ״ה. דערנאָך קומט א קורצע יידישע כראָניק און אן אלגעמיינע כראָניק. צווישן די וויכטיקע ענינים פון דער יידישער כראָניק ווערן באצייכנט די גרינדונג פון דער יידישער מלוכה, די פאַרניכטונג פון דער יידישער מלוכה, פאַרשיידענע גזירות אויף יידן און געבורטן און יאָרצייטן פון יידישע געלערנטע, פילאָזאָפן און דיכטער. אין דער אלגעמיינער כראָניק ווערן באצייכנט די דאַטן פון אַלע פראַנצויזישע רעוואָלוציעס, די אנטשטייאונגען פון די רע־פאָרם באוועגונגען אין קריסטענטום, וויכטיקע אנטדעקונגען און דערפינדונגען און רעוואָלוציאָנערע ארויסטרעטונגען אין רוסלאַנד. די כראָניק ווערט נאָכגעפאָלגט מיט א קורצער סקיצע וועגן דער געשיכטע פון רוימישן קאַלענדאר. דאן קומען קליינע אַרטיקלען וועגן דער אַנטדעקונג פון אַמעריקע, די געשיכטע פון אמעריקע, די אַמעריקאַנער פּרעזידענטן, אַ סקיץ וועגן די ערשטע יידן אין אַמע־ריקע, אַ קורצע אָפּהאַנדלונג ווי אזוי צו לערנען זיך ענגליש. אין דער אָפּטיילונג „לעבנס באשרייבונגען" קומען קורצע ביאָגראַפישע נאָטיצן וועגן „גוטענבערג דעם דרוקער", „אנדזשעלא דעם מאלער", אוריאל אקאסטא, דזשיארדאנא ברונא, „גאלילעא דער מאַטעמאַטיקער" און פירשט ביסמארק. ווי מיר זען, האָט הארקאווי אינפאָרמירט דעם יידישן לייענער פון יענער צייט וועגן דעם לעבן פון וויכטיקע פּער־זאָנען וואָס האָבן געשפּילט א ראָליע אין קאַמף פאר פּראָגרעס און פרייהייט. ביסמארק ווערט אָבער באצייכנט ווי אַן אכזר און שווינד־לער.

די אַלע מאַטעריאַלן גיבן בלויז אינפאָרמאַציע, באַלערונג. זיי זיינען געשריבן פשוט און פּאָפּולער.

די וויכטיקסטע אָפּהאַנדלונג אָבער אין דעם נומער איז האַר־קאַוויס ארבעט „איז יודיש דייטש א שפּראַך?" פאַר יענער צייט איז אָן ספק די ארבעט געווען אַן אויסערגעוויינלעך וויכטיקע און נויטיקע. אַלע יידישע פּאַרטייען און זייערע פירער האָבן זיך דעמאָלט באַצויגן מיט ביטול צו יידיש. סיי די אָרטאָדאָקסן, סיי די חובבי ציון און ראַדיקאַלן האָבן געהאַט די ביטול באַציאונג.

א. האַרקאַווי איז דאָ ארויסגעטראָטן ווי א פּאַרטיידיקער פון יידיש און ער האָט צענויפגעקליבן דאָס גאנצע פּעקל טענות פון די קעגנער פון יידיש, וואָס האָבן געהאַלטן אַז יידיש איז ניט קיין שפּראַך, און ער ווייזט זיי אָן מיט וויסנשאַפטלעכע ראַיות אַז יידיש איז א לשון גלייך ווי אַלע אנדערע לשונות.

אָט די זאַמלונג האָט ביי דעם עולם אויסגענומען און אויסגע־האַלטן צוויי אויפלאַגעס. אין אַ יאָר אַרום איז ארויס אַ נייע זאַמלונג וואָס האָט געהאַט א נייעם צוגאָב צום נאָמען: דער יודיש אמעריקאנישער פאָלקס קאַלענדאַר, תרנ"ו, 1895־1896.

ווי דער ערשטער „קאַלענדאַר" באַשטייט אויך דער צווייטער פון אַכציק זייטן טעקסט און אַכצן זייטן רעקלאַמעס. דער אינהאַלט איז אָבער דאָ א רייכערער און א פאַרשיידנאַרטיקער. האַרקאַווי האָט פאַר דער צווייטער זאַמלונג צוגעצויגן נאָך מיטארבעטער וואָס האָבן אריינ־געבראַכט נייע טעמעס. אויך דער צווייטער „קאַלענדאַר" עפנט זיך מיט אַ לוח און מיט א יידישער און אלגעמיינער כראָניק.

די ערשטע אפּטיילונג „פּאָליטיק", אנטהאַלט אַ גרעסערע אָפּ־האַנדלונג וועגן די פּאָליטישע געשעענישן פון יאָר פון ב. פייגענבוים. וועגן יידן ווערט דערמאָנט בלויז פארבייגייענדיק, אַז ניקאָליי דער 2טער האָט אָנגעהויבן אונטערדריקן יידן נאָך מער ווי זיין פאָטער, אלעקסאנדער דער 3טער.

זייער אינטערעסאנט איז דאָס אַנאָנימע ארטיקל וועגן פּאָליטישע פּאַרטייען אין אמעריקע. דער מחבר פאַרזיכערט, אַז הגם די דעמאָ־קראַטישע און רעפּובליקאַנישע פּאַרטייען באַטראַכטן זיך אַלס קעג־נערישע פּאַרטייען — איז אָבער צווישן זיי קיין אמתער אונטערשייד ניטאָ.

דער רעדאַקטאָר לערנט מיט זיינע לייענער אַ קאַפּיטל געאָ־גראַפיע, און ש. שאַפּירא, א סטודענט פון ניו־יאָרקער אוניווערזיטעט, דערציילט זיינע לייענער וועגן נייע מיטלען צו היילן דיפטעריע. דער רעדאַקטאָר ווייזט אָן אויף די ענלעכקייטן צווישן ענגליש און יידיש.

אינטערעסאַנט איז די אָפּטיילונג „ליטעראַטור און קונסט". ד. מ. הערמאַלין באַשרייבט די ענגלישע און יידישע פּרעסע פון יענער צייט. אָפּשטעלנדיק זיך אויף דער לאַגע פון דער יידישער פּרעסע אין אַמעריקע, ווייזט ער אָן אויף דער שרעקלעכער עם הארצות פון די דעמאָלטיקע יידישע זשורנאַליסטן. ריידנדיק וועגן דער צוקונפט פון דער יידישער פּרעסע אין אמעריקע, האָלט ער אַז די יידישע פּרעסע קאָן נאָך עקזיסטירן „אַ מענטשנס לעבנסאַלטער". הערמאַלין האָט געהאַלטן, אַז אויב די יידישע פּרעסע וועט קריגן גוטע, אינטעליגענטע זשורנאַליסטן און גוטע קאָרעספּאָנדענטן, וועט זי זיך קאָנען אַנטוויקלען. און הגם אַ יידישע צייטונג וועט קיינמאָל זיך ניט קאָנען פאַרגלייכן מיט אַן ערשט־קלאַסיקער ניט־יידישער צייטונג — וועט זי זיך אָבער קאָנען פאַרגלייכן מיט אַ דריט־קלאַסיקער אַמעריקאַנער צייטונג.

י. יאַפּע באַשרייבט דעם צושטאַנד פון יידישן טעאַטער אין אַמעריקע. ער האָלט אַז דאָס איז ניט קיין טעאַטער, עס זיינען ניטאָ קיין דראַמאַטורגן, ניט קיין אַקטיאָרן און ניט קיין זינגער. דאָס יידישע טעאַטער, איז לויט זיין מיינונג, אַ שונד פּלאַץ פאַרן „גראָבן פּעבל" און „אומוויסנדן אָפּערייטאָר".

ב. גאָרין איז אין דער זאַמלונג פאַרטראָטן מיט אַ נאַטוראַליסטישער דערציילונג פון דעם אימיגראַנטישן לעבן אין ניו־יאָרק. מ. זייפערט שליסט די זאַמלונג מיט אַ קאָלעקציע אַנעקדאָטן.

דער דריטער נומער פון דעם „יידיש־אמעריקאנישער פאָלקס קאַלענדאַר", תרנ"ז, 1896־1897, באַשטייט שוין פון 115 זייטן טעקסט און 18 זייטן מודעות. דער רעדאַקטאָר האָט ווידער צוגעצויגן נייע מיטאַרבעטער, ווי דעם מלומד א. ב. דובזעוויץ (1843־1899), מאָריס ווינטשעווסקי און דעם דיכטער י. יאנאטהאנזאָן.

דער דריטער „קאַלענדאַר" עפנט זיך אויף מיט אַ דערקלערונג, אַז דער יאָרבוך רופט זיך „קאַלענדאַר" בלויז דערפאַר וואָס ער ענטהאַלט אַ לוח, אַ כראָניק און סטאַטיסטישע טאַבעלן, אָבער זיין אויפגאַבע איז צו ברענגען דעם יידישן לייענער „ליטעראַרישע אַרטיקלען פאַר באַלערונג און אונטערהאַלטונג". דער רעדאַקטאָר קאָנסטאַטירט מיט צופרידנקייט, אַז דער „קאַלענדאַר" ווערט פון יאָר צו יאָר בעסער אין קוואַליטעט. נאָך דעם לוח מיט דער אמעריקאנער כראָניק און די סטאַטיסטישע און היסטאָרישע טאַבעלן וועגן די פאַראייניקטע שטאַטן, גיט ב. פייגענבוים זיין יערלעכן פּאָליטישן איבערזיכט.

אזוי ווי אין קובא זיינען דעמאָלט פאָרגעקומען רעוואָלוציאָנערע אַרויסטרעטונגען קעגן דער שפּאַנישער קאָלאָניאַלער רעגירונג, אַרויסטרעטונגען וואָס האָבן געפירט צו דער שפּאַניש־אַמעריקאַנישער מלחמה, האָט דער רעדאַקטאָר אָנגעשריבן אַ גרעסערן אַרטיקל וועגן קובא און דעם פרייהייטס קאַמף פון די קובאַנער. דער רעדאַקטאָר האָט אויך געגעבן נאָך עטלעכע אַרטיקלען וועגן די וויסנשאַפטן.

ד. מ. הערמאַלין האָט אין דעם נומער אַן עסיי וועגן „אידייען און וואַרהייטן". הערמאַלינס הויפּט „פילאָזאָפיע" קומט צום סוף וואו ער שרייבט: „מענטשהייט! דיין ציל איז נאָך ניט ערגרייכט — דו וועסט נאָך מוזן זייער פיל ליידן און דולדן ביז אַנשטאָט אידייען, זאָלסטו אַנערקענען — וואַרהייטן!"

א. ב. דובזעוויץ שרייבט אַן אינפאָרמאַטיוון אַרטיקל וועגן דער השכלה אין רוסלאַנד. ער שטעלט זיך אָפּ אויף די אויפטואונגען פון די ראַבינער שולן אין רוסלאַנד.

ב. גאָרין אין זיין אַרטיקל „די זשאַרגאָנישע ליטעראַטור אין אַמעריקע" שטעלט זיך אָפּ נאָר אויף די פּאַרוויילונג ראָמאַנען פון יענער צייט און ער באַהאַנדלט זיי מיט חוזק. דערזעלבער גאָרין איז אויך פאָרטראַטן מיט זיינער אַ רעאַליסטישער דערציילונג „די שטודירנדע שנאָררין", און מאָריס ווינטשעווסקי האָט געגעבן זיינע אַפאָריזמען אין יידיש און העברעאיש. י. יאַנאַטהאַנזאָן איז פאָרטראַטן מיט אַ ליד „דער לעבנס טרוים". דער נומער שליסט זיך מיט אינפאָרמאַציע וועגן אַמעריקאַנער לעגאַלע אינסטיטוציעס און מיט אַ הומאָריסטישער אָפּטיילונג.

דער פערטער יאָרגאַנג פון „דעם יידיש־אַמעריקאַנישער פאָלקס קאַלענדאַר", תרנ"ח, 138 זייטן $\times$ 27 ז. מודעות (1897־1898), פאַרמאָגט דעם זעלבן כאַראַקטער ווי די ערשטע דריי יאָרגענג. דאָ זיינען פאַראַן פּאָפּולער וויסנשאַפטלעכע אַרטיקלען, אַן אַמעריקאַנישע כראָניק און אינפאָרמאַציע וועגן אַמעריקאַנישע אינסטיטוציעס. אין נומער איז אויך פּובליקירט אַ. האַרקאַוויס יידישע איבערזעצונג פון דער קאָנסטיטוציע פון די פאַראייניקטע שטאַטן.

דאָס וויכטיקסטע אַרטיקל אין דעם פערטן יאָרגאַנג איז „די שפּאַלטונג פון דער יידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין אַמעריקע", געשריבן פון „אַן אַלטן סאָציאַליסט". אין יענעם יאָר האָט אַ גרויסע גרופּע פון יידישע סאָציאַליסטן פאַרלאָזן די סאָציאַליסטישע לייבאָר פּאַרטיי (ס. ל. פּ.). זיי האָבן פאַרלאָזן די טעגלעכע „אָוונט בלאַט"

און די וועכנטלעכע „ארבעטער צייטונג" — און געגרינדעט דעם „פאָר־ווערטס". אין דעם ארטיקל ווערן איבערגעגעבן די סיבות פון דער שפּאַלטונג מיט אַ גלענצנדע כאַראַקטעריסטיק פון די פירער פון דער יידישער ארבעטער באַוועגונג און דער „מאַסע". דאָס ארטיקל איז געשריבן אין א פּערזענלעכן טאָן, עס איז בייסיק און שאַרף. אָבער טראָץ דעם סוביעקטיוון צוגאַנג איז דאָס ארטיקל פון אויסערגעוויינלעכן אינטערעס פאר דעם היסטאָריקער פון דער יידישער אר־בעטער באַוועגונג אין אמעריקע.

דער פינפטער און לעצטער יאָרגאַנג פון „דעם יידיש־אַמעריקאַ־נער פאָלקס־קאַלענדאַר", תר"ס, 1899־1900 (97 זייטן × 64 זייטן מודעות), טראָגט אַן ענלעכן כאַראַקטער ווי די ערשטע פיר — דהַגם עטלעכע נייע שרייבער האָבן ארייַנגעבראַכט אַ נייעם און ווירדיקן טאָן אין דעם יאָרבוך.

דער יערלעכער פּאָליטישער איבערזיכט איז דאָס מאָל געשריבן געוואָרן פון אַ נייעם מיטארבעטער, מאַקס בעער — שפּעטער באַקאַנט געוואָרן אלס מאַרקסיסטישער היסטאָריקער. בעערס איבערזיכט איז געשריבן רעאַליסטיש, קלאָר און קרעפטיק. אויסער דעם שפּאַניש־אַמעריקאַנער קריג באַהאַנדלט ער דעם כאַראַקטער פון ציוניזם, דעם דרייפוס פּראָצעס, דער אויסדרוק פון אַנטיסעמיטיזם אין פראַנקרייך.

דר. מ. פישבערג, דער שפּעטער באַרימט־געוואָרענער אַנטראָפּאָ־לאָג, האָט אָנגעשריבן אַ לענגערן אַרטיקל מיט טאַבעלעס, וואו ער פאַרגלייכט דעם געזונט צושטאַנד פון די יידן מיט דעם געזונט צושטאַנד פון אנדערע פעלקער. לעאָן קאָברין האָט געגעבן א רע־פּאָרטאַזש „קרבנות פון פייער".

אינטערעסאַנט איז אין דעם נומער די פאָטאָגראַפיע פון דער ערשטער זייט פון „די יידישע צייטונג", ליטאָגראַפירט, אין ניו־יאָרק אין 1873. („די יידישע צייטונג" איז געגרינדעט געוואָרן אין 1870, און איז געווען די ערשטע יידישע צייטשריפט אין אַמע־ריקע.)

אַ קולטור היסטאָרישן ווערט האָט ב. גאָרינס רעצענזיע וועגן לעאָ ווינערס ענגליש בוך „געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור אין 19טן יאָרהונדערט". ב. גאָרין האָט געהאַלטן אז ווינער האָט זיין אַרבעט געשריבן צו שנעל, אז ער האָט צו גרינג גענומען זיין אויפגאַבע. טשיקאַווע איז גאָרינס מיינונג, אז פרוג איז א גרעסערער דיכטער פון מאָריס ראָזענפעלדן און י. ל. פּרצן.

אין „יאָרבוך״ איז אויך פֿאַראַן אַ נאָטיץ וועגן מ. ראָזענפֿעלדס דיכטונג אויף פֿראַנצויזיש.

אין דעם זעלבן יאָר, ווען עס איז ארויס דער לעצטער יאָרבוך „פֿאָלקס־קאַלענדאר״ איז אויך ארויס אלכסנדר האַרקאַוויס „דער 20טער יאָרהונדערט, ליטעראַרישע אויסגאַבע פֿאַר 1900״. 70 זייטן × 30 זייטן מודעות). דער פֿאַרלעגער פֿון דער זאַמלונג איז געווען האַרקאַווי אליין.

דאָס הויפּט אַרטיקל, אַן איבערבליק וועגן דעם 19טן יאָרהונדערט, האָט געגעבן מאַקס בעער. דער מחבר האָט אויסגערעכנט די הויפּט דערגרייכונגען פֿון דעם פֿאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט. ער באַהאַנדלט דעם פּראָגרעס פֿון דער וויסנשאַפֿט, די וויכטיקע אַנטדעקונגען און דעם וואוקס פֿון דער מאַשינען פּראָדוקציע.

מ. בעער רעדט אויך ארום די לאַגע פֿון יידישן פֿאָלק. ער באַהאַנדלט די גלייכבארעכטיקונג פֿון די יידן און די השכלה באַוועגונג. פֿאַר דעם וויכטיקסטן פֿאָרשטייער פֿון דער השכלה באַטראַכט ער דעם „העגעליאַנער״ נחמן קראָכמאַל (1783־1840).

צו די אינטערעסאַנטערע זאַכן אין דער זאַמלונג דאַרף מען צו־רעכענען די ביאָגראַפֿיע פֿון היינריך היינע, געשריבן פֿון דעם יונג־פֿאָרשטאָרבענעם דיכטער נחום באַבאַד, ד. מ. הערמאַלינס אַרטיקל וועגן „די יידן אין רומעניען״, א. האַרקאַוויס טעכנישע רעצענזיע וועגן לעאָ ווינערס ענגלישער איבערזעצונג פֿון מאָריס ראָזענפֿעלדס לידער און דוד פּינסקיס איבערזעצונג פֿון היינריך היינעס „דער ויכוח״. פֿאַר דער געשיכטע פֿון דער יידישער פּרעסע אין אַמעריקע איז וויכטיק און אינטערעסאַנט י. גוידאָס (ב. גאָרין) אָפּהאַנדלונג „די יידישע פּרעסע אין אַמעריקע״. עס איז אַן אינפֿאָרמאַטיווע אַרבעט פֿון אַ מיטצייטלער וועגן די דערגרייכונגען, פֿעלערן און דעם כאַראַקטער פֿון דער יידישער פּרעסע אין אַמעריקע ביים אָנהויב פֿון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

פֿון דעם אינהאַלט קאָן מען זען אַז די זעקס זאַמלונגען זיינען געווען פּראָגרעסיוו, סאָציאַליסטיש און אומפּאַרטייאיש. ווי אַזעלכע האָבן זיי זיך אויסגעטיילט פֿון די דעמאָלטדיקע יידישע צייטשריפֿטן, וועלכע זיינען געווען שטאַרק פּאַרטייאיש און אומטאָלעראַנט צו קעגנער. א. האַרקאַווין האָט זיך איינגעגעבן אויפֿצובויען אַ פֿרייע, אומפּאַרטייאישע טריבונע, וואָס האָט אריינגעבראַכט אַ פֿרישן גייסט אין דער יידישער סביבה.

אויב מען זאָל משפּטן די זאַמלונגען מיט היינטיקע סטאַנדאַרדן וועלן זיי אויסקוקן מאָגער, פּרימיטיוו. מען דאַרף אָבער די זאַמלונגען באַטראַכטן ווי פּראָדוקטן פון זייער צייט, און זייער סביבה — אלס אַזעלכע האָבן זיי אַ גרויסן ווערט.

אַט די פאָלקס־קאַלענדאַרן האָבן געהויבן דאָס חשיבות פון יידיש און פון דער יידישער ליטעראַטור. אין אַ סביבה וואו די הויפּט־אידיאָלאָגיע איז געווען וואולגאַרע אסימילאַציע און קליינשטעלדיקער קאָסמאָפּאָליטיזם — האָט אַ. האַרקאַווי געשריבן אַרטיקלען וועגן דעם נאַציאָנאַלן און פילאָלאָגישן ווערט פון יידיש. זיינע מיטאַרבעטער האָבן געשריבן ערנסטע אָפּהאַנדלונגען וועגן ליטעראַטור, פּרעסע און טעאַטער — און האָבן אַרויסגעשטעלט גרעסערע פאָדערונגען צו די שרייבער, זשורנאַליסטן און אַקטיאָרן.

II

שוין אויפן שוועל פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, 1897־1898, זיינען אַרויס אין ניו־יאָרק צען נומערן פון אַ סאָלידן, ליטעראַטור־געזעלשאַפטלעכן און וויסנשאַפטלעכן זשורנאַל, אונטערן נאָמען „דער נייער גייסט״. דער איניציאַטאָר און רעדאַקטאָר איז געווען אלכסנדר האַרקאַווי, דער אַרויסגעבער — זיגמונד קאַנטראָוויץ.

„דער נייער גייסט״ האָט מיט זיך סימבאָליזירט דעם פּאָרטשריט וואָס דאָס יידישע וואָרט אין אַמעריקע האָט דורכגעמאַכט אין משך פון איבער אַ פערטל יאָרהונדערט. אַזאַ זשורנאַל איז מעגלעך געווען דעמאָלט, ווייל עטלעכע ערנסטע אָרגאַנען, ווי „די פרייהייט״, „די אַר־בעטער צייטונג״ און „די צוקונפט״ און האַרקאַוויס אייגענע פאָלקס־קאַלענדאַרן, האָבן צוגעגרייט דעם באָדן. „דער נייער גייסט״ האָט שוין געהאַט אַ צאָל וויכטיקע מיטאַרבעטער וואָס האָבן זיך געלערנט שרייבן פריער אין דעם לאָנדאָנער „אַרבעטער פריינד״ און שפּעטער אין די ערשט דערמאָנטע אַמעריקאַנער יידישע פּאַרטיי־אָרגאַנען. אַ. האַרקאַווי האָט שוין אין אַמעריקע געהאַט יידישע שרייבער, וועלכע האָבן אים צוגעשטעלט דעם מאַטעריאַל, וואָס האָט אים אינטערעסירט. די יידישע פּרעסע, ניט וועלנדיק, האָט שוין אויך געהאַט צוגעגרייט אַ צאָל אינטעליגענטע לייענער, וואָס האָבן אויפגענומען און אָפּגעשאַצט אַזאַ זשורנאַל. דער טיראַזש פון זשורנאַל איז געווען צווישן טויזנט און דרייצן הונדערט עקזעמפּלאַרן. דער רעדאַקטאָר האָט געקראָגן

באַצאָלט ארום אַכט אָדער צען דאָלער א וואָך און די מיטארבעטער פלעגן קריגן צווישן דריי און פינף דאָלער פאַר אַן אַרטיקל. דער זשורנאַל איז באַשטאַנען פון 64 זייטן, גרויסן פאָרמאַט, שיין געדרוקט; דער פרייז פון א נומער איז געווען צען סענט. די הכנסה איז געווען צו קליין צו דעקן די הוצאות — און נאָך צען נומערן איז דער זשור־נאַל ליקווידירט געוואָרן.

אלקסנדר הארקאַווי האָט שווער געארבעט ביים זשורנאַל. ער האָט געדאַרפט דעם מאַטעריאַל צענויפקלייבן, קאָרעגירן, באַאַרבעטן און צוגרייטן די ארטיקלען צום דרוק, דערצו נאָך אליין געשריבן. דאָס האָט ביי אים צוגענומען זיין גאַנצע צייט, און אזוי ווי קיין פרנסה פון זשורנאַל האָט ער ניט געקאָנט האָבן — האָט ער נאָכן זעקסטן נומער איבערגעגעבן די רעדאַקציע צום שטענדיקן מיטארבעטער, ב. גאָרין, וואָס האָט אָנגעהאלטן כמעט דעם זעלבן כאַראַקטער פון זשור־נאַל. ב. גאָרין איז אבער געווען מער פאַראינטערעסירט אין ליטע־ראַטור הגם א. האַרקאַווי איז אויך געווען פאַראינטערעסירט אין בעלעטריסטיק.

„דער נייער גייסט" איז געווען אן אומפּאַרטייאישער אָרגאַן. צוליב דעם אליין איז ער שוין געווען אנדערש ווי די חודש־זשורנאַלן וואָס זיינען ארויסגעגעבן געוואָרן פון פּארטייען. שרייבער האָבן דאָ געהאַט מער פרייהייט, חוץ דעם איז פיל מער אָרט אָפּגעגעבן געוואָרן דער שיינער ליטעראַטור, ווי למשל, אין דער „צוקונפט" אָדער שפּעטער אין דער „נייער צייט".

„דער נייער גייסט" איז געווען מער אָפּגעהיט מיט דער שפּראַך ווי די אנדערע צייטשריפטן פון יענער תקופה. דער יידיש איז געווען אַ בעסערער און א ריינערער — הגם אויך אין דעם זשורנאַל זיינען געווען פיל דייטשמעריזמען. א. האַרקאַווי האָט געוואָלט איינפירן א נאָך ריינערן יידיש אין זיין זשורנאַל — ער האָט דאָס אבער ניט געקאָנט טאָן מחמת ער האָט זיך געמוזט צופּאַסן צו די אומשטענדן פון יענער עפּאָכע. צוליב דעם וואָס די איבעריקע יידישע צייטשריפטן האָבן איינגעפירט א דייטשמערישע אָרטאָגראַפיע, האָט האַרקאַווי גע־מוזט אָנהאַלטן אן ענלעכן אויסלייג, הגם ער האָט שוין דעמאָלט געוואָלט דעם אויסלייג פאַראייננפאַכן.

„דער נייער גייסט" איז געווען אַ ראַדיקאַלער, פּראָגרעסיווער זשורנאַל. די ריכטונג איז געווען א סאָציאַליסטישע — הגם אויך קריטיקער פון סאָציאַליזם האָבן דאָרט געפונען אָרט אויסצודריקן

זייער צווייפל אין דעם וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם. די הויפּט אויפ־גאַבע פון זשורנאַל איז אָבער געווען אויפקלערונג, וויסנשאַפט און בילדונג.

די פּראָגראַם פון זשורנאַל איז אָפּגעדרוקט אויפן ערשטן אָרט אין ערשטן נומער פון „דער נייער גייסט" — און דאָ גיבן מיר אים*) (אָרטאָגראַפיע מאָדערניזירט).

„דער נייער גייסט"

דערקלערונג פון דער רעדאַקציע

פילע, פילע יידן אין אמעריקע האָבן צו פאַרדאַנקען זייער גייסטיקע אַנטוויקלונג נאָר די פּאַרטגעשריטענע צייטשריפטן וועלכע ווערן אַרויסגעגעבן אין דער יידישער שפּראַך: אָבער די עקזיסטירנדע פּאָרגעשריטענע יידישע צייטשריפטן זיינען גראַדע פּאַרטייאישע אָרגאַ־נען און גיבן דאָס פאָלק אין געוויסע הינזיכטן אַ איינזייטיקע דערציאונג. אונדזער אידעאַל איז אימער געווען אַ צייטשריפט אַ פרייע — פריי פון די ראַמען פון פּאַרטיי; אַ צייטשריפט וועלכע זאָל אומפּאַרטייאיש געבן אַלץ וואָס קאָן נאָר בילדן און ערהויבן דעם גייסט. מיר ווילן ניט אַרונטערמאַכן אונטערן האַנט די טעטיקייט פון אונדזערע פּאָרגעשריטענע פּאַרטייאישע אָרגאַנען, מיר אָנערקענען זייער גרויסן ווערט, און ווען מיר זאָגן וואָס אונדזער אידעאַל איז, איז דאָס נאָר אין דעם זין, דאָס מיר ווילן זיין זייערע העלפער, זייערע דינער, אָבער ניט די העכערע פון זיי. דאָס קינד פון אונדזער אידייע ליגט איצט פאַר אייך, זיין נאָמען איז „דער נייער גייסט".

„דער נייער גייסט" וועט גיין אויף אַ גאַנץ ראַדיקאַלן פרייען וועג, אָן שום מורא פאַר קיין אַנגענומענער מיינונג אָדער געזעלשאַפטלעכער איינריכטונג וועלכע איז קעגן גערעכטיקייט און וואַרהייט. מיר האַלטן פאַר גערעכטיק, צום ביישפּיל, אַזעלכע איינריכטונגען אין אונדזער געזעלשאַפטלעכן לעבן, וועלכע שטעלן אַלעמען גלייך. אַלזאָ ניט אַזעלכע געזעלשאַפטלעכע איינריכטונגען וועלכע באַשאַפן קלאַסן, הע־כערע און נידעריקערע. מיר אָנערקענען פאַר וואַרהייטן די אַלע זאַכן אין וועלכן מען קאָן דעם פאַרשטאַנד ברענגען צו איבערצייגונג, וועל־

*) נומער איינס, אָקטאָבער 1897, ניו־יאָרק.

כע בארוען אויף נאַטירלעכע געזעצע און לאָגיק, ווי די פּאָזיטיווע וויסנשאַפטן און באַוויזינע געשיכטע, אבער ניט אזעלכע זאַכן ווי רעליגיע און אנדערע פארבאָרגענע לערן, וועלכע האבן קיין שייכות ניט מיט לאָגיק און איבערצייגונג, קעגן אזעלכע לערן וועט זיין אונדזער פליכט, אים אינטערעסע פון אויפקלערונג, אויפטרעטן אין קאַמף.

ביי אל אונדזער ערנסטקייט קאָנען מיר זיך ניט מאַכן ניט ווימנדיק, דאָס מענטשן ווילן זיך ניט אימער אָפּגעבן מיט לערנען און דאָס זיי ווילן זיך מאנכמאָל גייסטיק אמוזירן. צו דערפילן דיזן גערעכטן פאַרלאַנג וועט „דער נייער גייסט" אָפּגעבן א שיינעם אָרט פאר בעלעטריסטישע ליטעראַטור. מיר קאָנען אָבער פאַרזיכערן דאָס דיזע וועט זיין פון דעם געוויילטסטן סאָרט און וועט מוזן ענטהאלטן פאָר־געשריטענע געדאנקען. אויך ווילן מיר ניט פארבייגיין די וויכטיקע באגעבנהייטן אין פראגן פון דער צייט, וועלכע פאָדערן זיך געוויינלעך פון אן אויסגאבע וואָס טראָגט דעם נאָמען מאָנאַטשריפט.

דער „נייער גייסט" וועט ענטהאלטן:

1. פאַרשיידענע וויסנשאַפטלעכע ארטיקלען;
2. צייטפראַגן, איבערהויפּט פּאָליטישע;
3. בעלעטריסטיק — נאָוועלן, סקיצן, ראָמאַנען;
4. קריטיק איבער ליטעראַטור און קונסט;
5. פּאָלעמיק איבער וויכטיקע פראגן;
6. לעבנס באשרייבונגען פון וויכטיקע פערזאָנען;
7. די וויכטיקע נייס פון מאָנאַט;
8. שאַך אויפגאַבן.
9. הומאָר, וויץ, סאַטירע.

פאַר דיזע אלע אָפּטיילונגען וועלן מיר אָננעמען אַרטיקלען פון יעדן שרייבער, ווען זיי וועלן נאָר זיין ניי, גוט געשריבן און וויכטיק אין אינהאלט...

ווי מיר זעען איז דאָ די פּראָגראַם קלאָר דערקלערט, אָבער האָרקאַווי איז געווען אזוי באַאיינפלוסט פון די יידישע ראַדיקאַלן, אז מיט קיין איינציק וואָרט ווערט ניט דערמאָנט, אז דער זשורנאַל איז א יידישער אָרגאַן, אז ער איז באַשטימט פאר יידן. במילא ווערט מיט קיין איין וואָרט אין דער פּראָגראַם ניט דערמאָנט די יידישע פראַגע, אדער די אינטערעסן פון די יידישע מאַסן.

מאָריס ראָזנפעלד, וואָס האָט געשריבן געגראַמטע באַגריסונגען, אויף באַשטעלונג, צו כמעט אלע זשורנאַלן פון יענער צייט, האָט אויך

דעם „נייעם גייסט" געווידמעט א ליד וואָס איז פארעפנטלעכט אין ערשטן נומער. מיר גיבן דאָ צוויי סטראָפן פון דעם ליד:

דער נייער גייסט

עס שפּילט אַ נייער כּליזמר, ברידער,
אַ נייעם שטייגער, נייע טענער!
עס קלינגט אַן ערנסט אין די לידער
„מיר וואַקסן אויס, מיר ווערן מענער!"
ניט אייביק קאָן דער שכל שווייגן
די צייט — ניט אימער אידעס שענקען
מיר הויבן אָן זיך איבערצייגן —
מיר הויבן אָן ענדלעך צו דענקען.

מיר זיינען לאַנג גענוג געזעסן
אין טיפן חושך, ווי פאַרברעכער —
אָ, לאָז אונדז יענע צייט פאַרגעסן!
און גיב אונדז ליכט, און שטעל אונדז העכער...
צינד אָן די וויסנשאַפטס מנורה,
מאַך ליכטיק אלע אירע צווייגן —
און מאַך אונדז קלאָר אין יענער תורה
וואָס קאָן איר גרויסקייט איבערצייגן...

דער רעדאקטאר האָט געהאַלטן זיין צוזאָג, אז ער וועט דורכן זשורנאל פאַרשפּרייטן בילדונג. אין זשורנאַל פארנעמט די וויסנשאפט אַ חשובן אָרט. עס מוז אָבער געזאָגט ווערן, אַז קיין אָריגינעלע וויסנ־שאפטלעכע ארבעטן זיינען אין זשורנאל ניט פארעפנטלעכט געוואָרן. די מחברים זיינען ניט געווען קיין וויסנשאַפטסלייט נאָר פּשוטע פּאָ־פּוליאריזאַטאָרן און קאָמפּיליאַטאָרן. זיי האָבן גענומען פּאַרטיקע פּאָפּולער וויסנשאפטלעכע ארבעטן און זיי נאָך מער פּאָפּוליאַריזירט און צוגע־פּאַסט צום יידישן לייענער פון יענער תקופה. די הויפּט באַארבעטער און אויסטייטשער פון דער וויסנשאפטלעכער ליטעראטור זיינען אין זשורנאל געווען בנימין פייגנבוים, ל. בודיאנאָוו, מאָריס פישבערג, איסר גינזבורג, וו. עדליך, יואל ענטין, פיליפּ קראַנץ, משה קאַץ — אַלץ נעמען וואָס מיר האָבן באַגעגנט אין דער פּרעסע פון יענער צייט.

די מחברים האָבן אין דעם זשורנאַל געשריבן אויף ענלעכע טעמעס, אין אַ כמעט ענלעכן סטיל ווי זיי האָבן געשריבן אין דער „צוקונפט", אין דער „אַרבעטער צייטונג" און אין דער „נייער צייט". אָבער אין „נייעם גייסט" האָבן זיי געקאָנט שרייבן פרייער און אויספירלעכער.

ל. בודיאַנאָוו איז געווען אַן אָפּטער מיטאַרבעטער, ער האָט באַאַרבעט און פּאָפּוליאַריזירט קולטור היסטאָרישע אַרבעטן. איסר גינזבורג האָט איבערגעזעצט און באַאַרבעט העגרי טאָמאַס, באַקלס ווערק. ער האָלט זיך נאָענט צום מחבר, אָבער זיינע אַרטיקלען זיינען מער באַאַרבע־טונגען ווי איבערזעצונגען. כאַראַקטעריסטיש איז זיין פאָלגנדע באַ־מערקונג: „איך האָב דאָ גענומען אַן אַנדער ביישפּיל, ניט באַקלס, וויל דיזעס שיינט מיר צו זיין לייכטער און פאַרשטענדלעכער." (זייט 194).

די אַנשטייאונג פון גלויבן, ווערט באַהאַנדלט אין זשורנאַל פיל מאָל. דער הויפּט טעאָרעטיקער איז בנימין פייגענבוים, וועלכער איז שוין דעמאָלט געווען באַקאַנט מיט זיינע מאמרים וועגן אָט דעם ענין. ב. פייגענבוים איז ניט געווען קיין אָריגינעלער דענקער — און ער גיט אויך בלויז פּאָפּולאַריזאַציעס. ער פּאַסט אָבער צו זיינע אַרטיקלען צום יידישן עולם. ער ציטירט אַ סך פון תנ"ך. ווען פייגענבוים באַהאַנדלט דעם אויפשטייג פון מאָנאָטעאיזם זעט ער אין דעם סאָ־ציאַלע סיבות (זייט 17, 74, 75). אויך יעקב מילך גיט זיך אָפּ מיט דער אַנטשטייאונג פון רעליגיע. ער גיט איבער דעם תמצית פון ספּענסערס טעאָריעס. (195־197).

אפילו אלכסנדר האַרקאַווי ברענגט אריין אַ סאָציאָלאָגישן טאָן אין זיינעם אַן אַרטיקל וועגן שפּראַך. אין זיין אַרטיקל „די ראָלע פון שפּראַך אין פעלקער בונד", ווייזט ער אָן די געזעלשאַפטלעכע סיבות פאַרן אָפּשטאַם פון ווערטער און באַגריפן. (ז. 19־20). מ. באַראַנאָוו האָט פּאָפּוליאַריזירט פּסיכאָלאָגיע. דער אַרטיקל איז פאַר יענער צייט געווען גוט און קלאָר געשריבן. (ז. 21־24).

אָבער ניט בלויז האָט מען מיטן עולם געלערנט פּסיכאָלאָגיע, נאָר דער רעדאַקטאָר אַליין האָט געגעבן אַ לעקציע וועגן לאָגיק — כדי דער לייענער זאָל בעסער קאָנען באַנעמען זאַכן. האַרקאַוויס אַר־בעט איז, פאַרשטייט זיך, ניט קיין אָריגינעלע — נאָר אַ באַאַרבעטונג — און באַאַרבעט געוואָרן איז זי לויט דעם רמבם, מענדעלסאָן און מיל. (ז. 65־69).

אָבער האַרקאַווי שטעלט זיך ניט צופרידן מיט בלויז געבן אַן אַרטיקל וועגן לאָגיק, ער וויל אויך באַקענען זיינע לייענער מיט דעם מהות פון פילאָזאָפיע, און ער פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל פון י. בער־צינסקי „וואָס איז פילאָזאָפיע? איר באַדייטונג און איינטיילונג". (ז. 217־218). דער אַרטיקל איז קורץ אָבער קאָנצענטרירט און קאָמ־פּאַקט.

יואל ענטין, וואָס האָט געשפּילט אַ ראָליע ווי אַן אָנפירער פון דראַמאַטישע פאַראיינען און האָט אַזוי אַרום צוגעגרייט דעם באָדן פאַר אַ בעסערן יידישן טעאַטער אין אַמעריקע, האָט אין דעם זשורנאַל פאַרעפנטלעכט עטלעכע אַרטיקלען וועגן דעם מהות פון דער דראַמע. די אַרטיקלען זיינען געווען געווידמעט דער „פרייער יידישער פאָלקס־בינע". די אַרטיקלען זיינען ניט געווען קיין אָריגינעלע, נאָר, ווי די מערסטע אַרבעטן אין זשורנאַל, — באַאַרבעטונגען. י. ענטין האָט זיינע אַרטיקלען אַנטנומען פון גוסטאַוו פרייטאַג (238־241, 289־292, 349־351).

וויליאַם עדלין האָט געשריבן אויף געשיכטלעכע טעמעס, ווי וועגן די ערשטע סאָציאַלע רעוואָלוציאָן"—וועגן דעם אויפשטאַנד אין ענגלאַנד אין פערצנטן יאָרהונדערט (ז. 81־84) און וועגן דער „ציוויליזאַציאָן פון אַלטערטום און מיטלאַלטער" (ז. 268־270). „אַ קולטור היסטאָ־רישע דערציילונג אויס דעם 16טן יאָרהונדערט" וועגן „דער קעניג פון איין נאַכט", האָט דערציילט ס. ווינער. (ז. 396־402). אויך ל. בודיאַנאָוו, דער פּראָדוקטיווסטער מיטאַרבעטער, האָט געגעבן אַ געשיכטלעכן אַרטיקל „די ערשטע רעוואָלוציאָן אין רוים" (ז. 438־440).

מען האָט דעם עולם געלערנט וועגן „די פיזיאָלאָגיע פון שלאָף" (דר. מ. קאָהן, 442־448), וועגן „שלאָף ביי חיות" (פון ג. קראַקאָווער, אויס דעם דייטשן, ז. 559־562) און וועגן „עלעקטריציטעט אין הויז" (איבערזעצט פון מ. זייפערט. ז. 25־30). דאָס זיינען אַלץ עלעמענטאַרע אַרטיקלען, אָבער וויסנדיק דעם ניוואָ פון די לייענער פון יענער צייט, מוז מען צוגעבן אַז די אַרטיקלען זיינען געווען נויטיק און וויכטיק. די פּאָפּולער־וויסנשעפטלעכע אַרטיקלען האָבן צוגעגרייט דעם לייענער פאַר ערנסטער וויסנשאַפטלעכער ליטעראַטור און האָבן געהאָלפן שאַפן דעם באָדן פאַר דעם אויפקום פון אַן אָריגינעלער יידישער פּאָפּולער־וויסנשאַפטלעכער ליטעראַטור.

אין „נייעם גייסט" זיינען פּובליקירט געוואָרן עטלעכע לייכטע אַרטיקלען — ווי די באַשרייבונג פון די גאָלד־זוכער אין אַלאַסקאַ (ז.

178־183), וועגן דעם „שקלאַפן־צוג אין דער וויסטע" (ז. 123־124), הגם אויך אין אָט די פּאָפּולערע אַרטיקלען איז אונטערשטראָכן גע־וואָרן דער סאָציאַלער מאָמענט הפּנים כּדי אַריינצוברענגען אַ לייכ־טערן טאָן אין זשורנאַל, האָט מען אויך איינגעפירט אַ הומאָריסטישע אָפּטיילונג, וואָס מען האָט אָנגעהאַלטן אין פיר נומערן. עס איז אויך געווען אַן אָפּטיילונג פאַר שאָך. מער ווערטפול, פאַרשטענדלעך, זיינען די אַרטיקלען וואָס האָבן פאַרמאָגט עפּעס אייגענס, אָריגינעלקייט. צו אָט דער קאַטעגאָריע דאַרף מען צורעכענען דר. מאָריס פישבערגס קריטיק אויף דעם מאַרקסיסטישן סאָציאַליזם און די ענטפערס וואָס זיינען געגעבן געוואָרן פון ל. בודיאַנאָוו (ז. 383), דר. קאַספּע (476) און ה. פעשעס (530). אין יענער צייט האָט זיך אָן צווייפל געפאָדערט אַ סך מוט פאַר אַ יידישן ראַדיקאַל ארויסצוקומען און אָפּלייקענען דעם וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם.

צוליב דעם שפּאַניש־אַמעריקאַנער קריג אין יענער צייט איז אין דעם „נייער גייסט" געדרוקט געוואָרן פיל אַרטיקלען וועגן מלחמה בכלל און וועגן דער שפּאַניש־אַמעריקאַנישער מלחמה בפרט. די סיבות פון דער מלחמה זיינען אין „נייעם גייסט" דערקלערט געוואָרן אַלס עקאָנאָמישע אין די אינטערעסן פון אַמעריקאַנער צוקער מאָנאָפּאָל. אין צייט פון מלחמה פּאַטריאָטיזם, ווען אַפילו יידישע ראַדיקאַלן האָבן געשטיצט אַמעריקע אין איר קאַמף קעגן שפּאַניע, האָט זיך געפאָדערט אַ סך מוט פאַר אַ קליינעם זשורנאַל אַרויסצוטרעטן מיט אַזעלכע דערקלערונגען. מיר האָבן באַמערקט, אַז אין פּראָגראַם אַר־טיקל ווערט ניט באַרירט די יידישע פראַגע — אָבער אין אַלגעמיין ווערט די יידישע פראַגע יאָ באַהאַנדלט פון אַ סך שרייבער. דער ציוניזם איז דעמאָלט נאָר וואָס אויפגעקומען, עס הויבט זיך אָן אַ גרויסע ציוניסטישע באַוועגונג און עס איז ניט מער ווי נאַטירלעך אַז דער זשורנאַל זאָל זיך אָפּגעבן מיט אָט דער נייער פּאָליטישער און נאַציאָנאַלער באַוועגונג. בכלל איז דער זשורנאַל געווען אַנטי־ציוניסטיש. מען האָט דאָרטן טאַקע אָפּגעדרוקט מאַקס נאָרדויס רעדע אויף דעם ציוניסטישן קאָנגרעס, אָבער די מיטאַרבעטער האָבן גע־צווייפלט צו דער ציוניזם וועט לייזן די יידן פראַגע. די מיטאַרבעטער זיינען געווען זיכער אַז די יידן פראַגע וועט געלייזט ווערן דורך אַנדערע וועגן — דורכן סאָציאַליזם. לעאָן זאָלאָטקאָף דערקלערט, אַז ניט די אַסימילאַציע, ניט השכּלה קאָנען לייזן די יידן פראַגע. ער איז אַפילו ניט זיכער אויב דער סאָציאַליזם, וואָס וועט לייזן די פּראָבלעם

פון קלאַסנקאַמף וועט אויך לייזן דעם ראַסנקאַמף — און דעם יידנהאַס. דער ציוניזם קאָן לייזן די יידנפראַגע — אָבער ניט אינגאַנצן — ווייל דער ציוניזם האָט אויך זיינע שוואַכע זייטן (306־308). ניט קיין אַנדערער ווי דער קאָנסערוואַטיווער פּרץ ווערניק האָט געגעבן אַ שאַרפע קריטיק אויף דעם פּאָליטישן ציוניזם (483־486). ווערניק שרייבט, אַז אין דער איצטיקער ציוויליזאַציע ליידן ניט נאָר יידן — נאָר אַלע ליידן און יידן בתוכם.

די גלענצנדסטע אַרטיקלען איבער דער יידנפראַגע האָט אָבער געגעבן פיליפּ קראַנץ. קראַנץ לייקנט דאָרט, אַז דער אַנטיסעמיטיזם איז אַ רעזולטאַט פון דעם וואָס יידן זיינען עקספּלואַטאַטאָרן. די קריסטלעכע מאַסע רעבעלירט קעגן אירע אונטערדריקער און אַט דער רעוואָלט נעמט אָן די פאָרמע פון אַנטיסעמיטיזם (ז. 79) אַנטיסעמיטיזם פאַרשטאַרקט זיך ווען עס קומט אויף אַן אייגענע בורזשואַזיע, וואָס וויל פּטור ווערן פון דער יידישער קאָנקורענץ (ז. 81).

„דער נייער גייסט" איז געווען ניט נאָר אַ פּאָליטישער און וויסנ־שאַפטלעכער זשורנאַל — ער איז אויך געווען אַ ליטעראַרישער זשור־נאַל — און פיל פּלאַץ איז אין זשורנאַל אָפּגעגעבן געוואָרן פאַר ליטע־ראַטור און קריטיק. אַלכסנדר האַרקאַווי האָט פאַר זיין זשורנאַל מאָביליזירט די בעסטע כחות פון דער יידישער ליטעראַטור אין יענער צייט. אַלע וויכטיקע פּראָזאַאיקער, דיכטער און קריטיקער האָבן גע־פונען פּלאַץ אין דעם זשורנאַל. די הויפּט פּראָזאַאיקער אין זשורנאַל זיינען געווען לעאָן קאָברין, ב. גאָרין, יעקב גאָרדין, ז. לעווין, ז. קאָרנ־בליט. לעאָן קאָברין האָט אין זשורנאַל געדרוקט זיינע וויכטיקסטע דערציילונגען פון יענער תקופה אויך אַזוי לעווין, קאָרנבליט און גאָרין. חוץ אַט די שרייבער, האָט אויך משה קאַץ געשריבן לירישע פעליעטאָנען (ז. 102־232).

חוץ די אָריגינעלע ווערק פון יידישע שרייבער האָט „דער נייער גייסט" געדרוקט איבערזעצונגען פון וויכטיקע ניט־יידישע שרייבער. אַזוי זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן דערציילונגען פון א. טשעכאָוו, מאַפּאַסאַן, מ. פּרעוואָ, ע. זאָלאַ און אַנדערע. אין זשורנאַל האָט זיך געדרוקט „די קאַמעליען דראַמע" פון דיומאַ. די איבערזעצער זיינען: יאַפע, ב. פייגענבוים און ב. גאָרין. צו די ווערטפולסטע אַרבעטן דאַרף גערעכנט ווערן י. באַוושאָווערס איבערזעצונג פון וו. שעקספּיר „שיי־לאָק, אָדער דער קויפמאַן פון ווענעדיג". הגם די איבערזעצונג לייענט זיך שווער, פאַרמאָגט אַ סך דייטשמעריזם איז זי אָבער פאַר יענער

צייט געווען א דערגרייכונג. בלויז די ערשטע דריי אַקטן פון דער דראַמע זיינען אין זשורנאַל פאַרעפנטלעכט געוואָרן.

„דער נייער גייסט" האָט געדרוקט לידער פון די וויכטיקע פּאָעטן פון יענער צייט מאָריס ראָזענפעלד, י. באָוושאָווער, און די קלענערע ווי נ. מ. באבאד, מ. ראב, ש. י. פּרענאָוויץ און ל. וואלקאף.

די לעצטע צוויי נומערן פון זשורנאַל עפענען זיך אויף מיט לידער פון י. ל. פּרץ. („אויסגעשטערנטע פונקען זילבער" (ז. 493). „זאָל איך גלויבן?" (454). אין „נייעם גייסט" זיינען אויך פאַרעפנטלעכט צוויי לידער פון אברהם רייזען. די לידער האָבן אָט די באמערקונג: „דיזעס געדיכט ווי אויך דאָס צווייטע „אמאָל און יעצט" קומען פון דער פעדער פון א יידישן סאָלדאַט אין רוסלאַנד. זיינער א פריינט ה. קלעבאנאָוו, וועלכער געפינט זיך איצט אין נויארק האָט זיי אונדז איבערגעגעבן צו פאַרעפנטלעכן". (ז. 348) מיר גיבן דאָ צוויי סטראָפן פון דעם ליד „אויף קאַראַול" (אויף וואך).

אוּן וועֶרט דער הימל פינצטער, שוואַרץ
באַדעקט מיט וואָלקנס פוּל —
אָ, דאַן באַדוּיער מיך, מיין פריינט:
איך שטיי אויף קאַראָול!

אוּן שטוּרעמט דאָרט דער ווינט ביי אייך
אוּן רייסט מיט גוואַלד די טיר
אוּן פייפט, אוּן קנאַקט, אוּן יאָמערט ווילד,
אָ, דאַן באַדוּיער מיך:
דאַן פּלאַצן דעמבעס אויך אין וואַלד
אוּן טירע פאַלן פיל —
איך איינער שטיי נאַר אוּמבאַוועגט:
איך שטיי אויף קאַראַוּל!

אַ וויכטיקן אָרט אין דעם „נייעם גייסט" האָט פאַרנומען ליטעראַטור קריטיק. מען האָט דאָרטן געשריבן וועגן ביכער, וועגן שרייבער און וועגן ריכטונגען אין דער ליטעראַטור. שוין אין ערשטן נומער זיינע זפּאַראַן אַנאָנימע איבערזיכטן וועגן ביכער. די „רעצענזענטן" זיינען ערנסט און פאַכמעניש געשריבן. דער רעצענזענט, באַנטיק, (אַ. הארקאַווי אַליין) קריטיקירט די ענג־נאַציאָנאַליסטישע אידייען וואָס זיינען אויסגעדריקט געוואָרן אין דער אמעריקאַנער העברעאישער ליטעראַטור פון יענער צייט. ער איז קעגן דעם אתה

בחרתנו גייסט, קעגן פאַנאַטיזם, פאַר פרייער פאָרשונג און פאַר ביבל קריטיק. ער גיט א פּאַכמעניִשע רעצענזיע וועגן אזא בוך ווי ד. מ. הערמאלינס „ישוע הנוצרי״, ער פאַדערט א גוטע ליטעראַרישע שפּראַך, וואָס איז זייער וויכטיק פאַר דער ליטעראַטור. (50־53).

משה קאַץ האָט בייגעטראָגן א גרעסערע, ערנסטע אָפּהאַנדלונג וועגן דעם ערשטן נומער פון זשורנאל „די נייע צייט״, וואָס איז דעמאָלט ארויס. (543־548 און 602־607). ב. גאָרין שרייבט אן אָפּ־האַנדלונג צו פאַרטיידיקן דעם נאַטוראַליזם (ז. 552).

די ווערטפולסטע ליטעראַרישע אָפּהאַנדלונגען זיינען דאָרטן געשריבן וועגן מ. ראָזענפעלדן, זיין שאַפונג ווערט אַנאַליזירט פון א מאַרקסיסטישן שטאַנדפּונקט. צענדליקער יאָרן איידער עס האָט זיך אנטוויקלט א ברייטע דיסקוסיע וועגן דעם מאַרקסיסטישן צוגאַנג צו ליטעראַטור, זיינען די יידישע מאַרקסיסטן ל. בודיאַנאָוו און יעקב מילך צוגעטראָטן צו ליטעראַטור פון א מאַרקסיסטישן שטאַנדפּונקט.

עס איז אמת אז נישט נאָר אין „נייעם גייסט״ האָט מען אָנגעפירט דעבאַטעס וועגן דעם סאָציאָלאָגישן צוגאַנג צו קונסט. שוין אין „דער ארבעטער צייטונג״ (פעברואַר 1897) איז אָנגעגאַנגען אזא דיסקוסיע צווישן ב. גאָרינען און ל. בודיאַנאָוון. דער לעצטער האָט געפּרואווט אָנווענדן דעם מאַרקסיסטישן צוגאַנג צו אַנטאָן טשעכאָוון. אויך אין דער „נייער צייט״ האָט מען פּרובירט אָנווענדן דעם מאַרקסיסטישן צוגאַנג צו די ווערק פון גערהאַרט הויפּטמאַן (נומער 4, אויגוסט 1898). אין דעם „נייעם גייסט״ האָט זיך די דעבאַטע, ווי געזאָגט, געפירט ארום מ. ראָזענפעלד. ל. בודיאַנאָוו האָט פאַרזיכערט, אז מ. ראָזענ־פעלד איז אַן ארבעטער־פּאָעט, ווייל ער דריקט אויס די געפילן פון ארבעטער. אבער זיין מוח פאַרפירט אים א סך מאָל, ער פאַלט אריין אין טעותים, ער לאָזט זיך באַהערשן פון אנדערע געפילן — און אזוי ווערט ער פון א דיכטער א גראַמען פלעכטער. ל. קאָברין האָט גע־האַלטן, אז יעדער נאָציע דריקט אויס אירע אידייען אויף איר אופן און מ. ראָזענפעלד דריקט אויס זיינע געפילן און זיינע אידייען אלס א יידישער ארבעטער דיכטער. מ. ראָזענפעלד באַזינגט נישט די ליידן פון סתם ארבעטער, נאָר פון יידישן ארבעטער.*)

ווען א ניו־יאָרקער קאָרעספּאָנדענט פון דעם פּעטערבורגער

---

*) אויספירלעך וועגן דער דעבאַטע האָבן מיר געשריבן אין אונדזער אַספּיראַנטור ארבעט „אויפשטייג פון דער יידישער ליטעראַטור אין אמעריקע 1881־1900״ (אין מאַנוסקריפּט).

„המליץ" האָט פאַרלוימדעט די אמעריקאנער יידישע ליטעראַטור — איז דער רעדאקטאר פון זשורנאַל אליין ארויסגעטראָטן מיט א פאַר־טיידיקונג פון יידיש אין דער יידישער ליטעראַטור אין אמעריקע. ער האָט אָנגעוויזן אויף איר ליטעראַרישן און נאַציאָנאַלן ווערט. (ז. 252־255).(**)

„דער נייער גייסט" איז גאַנץ ווארים אויפגענומען געוואָרן פון דעם אינטעליגענטן עולם און פון דער פרעסע. צום זשורנאַל זיינען אָנגעקומען פיל באַגריסונגען פון לייענער און אָרגאַניזאציעס. (זע למשל זייט 298).

„דער נייער גייסט" האָט געהאַט א קורצע עקזיסטענץ, אָבער ער האָט דעמאָלט געשפּילט א וויכטיקע ראָלע דורך מאָביליזירן די וויכטיקסטע יידישע שרייבער, דורך זיינע פּאָפּולער וויסנשאַפטלעכע אַרטיקלען, דורך געבן גוטע ליטעראַטור און ערנסטע ליטעראַטור־קריטיק. קיין נייע שרייבער האָט דער זשורנאַל ניט ארויסגעבראַכט, און קיין נייע אידייען האָט ער ניט געפּריידיקט, ער האָט אָבער געשאַפן א פרייע פּלאַטפאָרמע פאַר ליטעראַטור און וויסנשאַפט, און האָט גע־האָלפן צעאַקערן דעם באָדן פאַר דעם אויפקום פון א יידישער ליטע־ראַטור און וויסנשאַפט אין אמעריקע.

„דער נייער גייסט" איז ארויס צען יאָר נאָכדעם ווי אין איראָפּע זיינען ארויס שלום עליכמס „יידישע פאָלקס ביבליאָטעק" און פּרצס זאַמלביכער. אָבער דער איינפלוס פון דער איראָפּעאיש־יידישער ליטעראַטור פילט זיך נאָך ניט אין דעם „נייעם גייסט". די סאָציאַ־לאָגישע שטודיעז, די פּאָליטישע און די פּאָפּולער וויסנשאַפטלעכע אַרטיקלען פון „נייעם גייסט" זיינען געשטאַנען אויף א גאַנץ הויכער ניוואָ, דאַגעגן די שיינע ליטעראַטור פון זשורנאַל איז געווען פון א נידעריקערער קוואַליטעט ווי די שיינע ליטעראַטור אין שלום עליכמס און פּרצס זאַמלביכער. אין איראָפּע זיינען געווען קלאַסיקער, גרויסע שרייבער — און דאָ נאָך־נישט. אָבער דאָס איז געוויס ניט די שולד פון „נייעם גייסט". דער רעדאקטאר אלכסנדר הארקאַווי האָט געגעבן דאָס בעסטע וואָס עס איז געווען — און ער האָט אָן צווייפל א שטויס געטאָן פאָראויס די אנטוויקלונג פון יידיש, יידישער ליטעראַטור און וויסנשאַפט אין דער נייער היים.

**) אויספירלעך וועגן דעם ענין האָב איך געשריבן אין „דער יידישער פּאַרוויילונגס ראָמאַן אין אמעריקע", אין יאָרבוך פון ייוואָ, אמאַפּטייל באַנד 1, נ. י., 1938, זייטן 238־257.

דריטע אָפּטיילונג

אברהם רעגעלסאָן
יעקב שטאָל
אל גוריה
בעריש ווײַנשטיין
ש. איזבאַן
ב. דעמבלין

אַ בינטל נעמען פון דער נײַער ארץ־ישׂראל פּאָעזיע

אברהם רעגעלסאָן

ווער עס קומט זיך באַזעצן אין ארץ־ישׂראל, סײַ אַ שרײַבער, סײַ אַ ניט־שרײַבער, מוז זיך איבערלעבן איבערבויען. מען קאָן דאָך ניט דערוואַרטן, אַז אַ „תינוק שנולד" זאָל גלײַך נעמען שרײַבן אַ פּאָעזיע וואָס געהערט צו דעם לאַנד. עס מוז נעמען אַ היפּשע צײַט ביז מען ווערט אײַנגעוואָרצלט, ביז די גאַנצע נשמה ווערט דורכגעווייקט מיט די אָרטיקע דערפֿאַרונגען, מיט דער אַרומיקער לאַנדשאַפֿט. גרינג איז צו מאָלן אַן ארץ־ישׂראל לאַנדשאַפֿט מיט קאָליר־קאָמבינאַציעס און מיט אַ טעכניק אימפּאָרטירט פֿון חוץ־לארץ, שווער איז, אָבער, אויסצואַרבעטן אַ פֿאַרב און אַ ריטם צוגעפּאַסט צו דער נײַער היים.

דערפֿאַר איז אַזוי גרויס דער נס פֿון יהודה קרני, וועלכער האָט אוועקגעוואָרפֿן זײַן גלאַטע פּאָעזיע פֿון דער אדעסער תקופה און באַשאַפֿן אַ שטיינערדיקע, שטעכיקע פּערז־קונסט, ענלעך אויף די רויע שטיינער אַרום ירושלים און אויף די קאַקטוס־פּלייטן אַרום די ווײַנגערטנער אין שרון; דאָך וואַקסן אַרויס קאָליר־רײַכע בלומען פֿון צווישן די שטיינער און דערנער.

אַחוץ דעם וואָס קרני האָט אויפגעכאַפּט די ווידערשפּרוכן פון נייעם ארץ־ישראל — אַלטע חורבות מיט נייע לעבנס־פאָרמען, ווייכע קאָרן־ערד אין מדבר, בלויער ים און רויטער זאַמד, שניי פון חרמון און ברענענדער כאַמסין, — האָט ער נאָך צווי פּאָעטישע שטריכן: ער איז פאַרליבט אין לאַנד ביז כלות־הנפש, ביז אַ באַגער זיך פולשטענדיק מקריב צו זיין, גוף און נשמה צוזאַמען.

קרני לאָזט זיינע פערזן אויסגעפורעמט ווערן פון זיינע אינערלעכע געפילן, ער מאַכט זיי ניט, ווי אַנדערע, פאַר אן אויסערלעכער אָרנאַמענ־טאַציע, אַ מין צאַצקעווען זיך מיט פראַזן.

איך האָב אָנגעהויבן מיט קרנין, ווייל ווי אַן עכטער ארץ־ישראל פּאָעט, דוכט זיך מיר, איז ער אַן ערשטלינג און אַ וועגן־ברעכער.

פון דעם ערשטן דור קלאַסיקער, ביאליק, טשערניכאָווסקי, שניאור און כהן, האָבן אַלע אָנגערירט ארץ־ישראל, ניט נאָר אַלס אַ חלום נאָר אויך אַלס אַ ממשות. דאָך האָט קיינער פון זיי ניט אַרויסגע־צוואונגען דאָס אייגנאַרטיקע אין לאַנד, אחוץ טשערניכאָווסקי, און דאָס אויך, ניט אין אַ דירעקטער באַשרייבונג, נאָר אין אַ ליד פון בענקעניש נאָכדעם ווי ער האָט אָנגעקוקט ארץ־ישראל און דערנאָך געמוזט פאַרלאָזן דאָס לאַנד. אין קאַלטן גלות דערמאָנט זיך טשערניכאָווסקי אַז דאָרטן, אין ארץ־ישראל, בליען איצט די כלניות, — די בלוט־רויטע אַנעמאָנע־בעכערס, — זיי זיינען אויף יעדן בערגל און אין יעדן שפּאַלט, און קיינער האָט ניט גענומען די מי אויסרייסן אַ בלימל, אריינלייגן עס אין אַ קאָנווערט און צושיקן צו אים. די אָראַנזש־בליטן גיבן זייער דופט, דער איילבערטבוים, ווי אַ זילבער־נער פּריסטער, רויכערט ווייררוך צו די הימלען, און קיינער ניט, ניט אַ געליבטע, ניט אַן עסקן וועלכער האָט מיט אים צוזאַמען געחלומט דעם חלום פון ציון, ניט אַ פאַך־ברודער, אַ שרייבער, האָט אים געהאַט אין זכרון, אָפּרייסן פאַר זיינטוועגן אַן אָראַנזש־בלימל אָדער אַן אייל־בערט־צווייגל.

פון דעם צווייטן דור קלאַסיקער האָבן זיך פיין אריינגעלעבט אין לאַנד יעקב פיכמאַן און דוד שמעונוביץ. פיכמאַן פאַרנעמט דאָס איידלסטע, דאָס אינטימסטע, דאָס צניעותדיקסטע: ירושלים אין אָוונט־שיין, אַ באַרג־שטעגל אין לבנה־נעפּל, די בלייכקייט פון זילבער־זאַמדן ביים ים, דער אומעט פון איינזאַמע פעלזן. שמעונוביץ, ווידער, מיט אַ שטאַרקן זשורנאַליסטישן חוש, גיט איבער דאָס לעבן פון חלוצים און חלוצות אין ברייטע אידיליעס. מיט גראַמען און אָן

גראַמען, — ער האָט אַ פלינקע האַנט צום פערז און אַ גרויסע מאַלערישע קראַפט. העלדנטאַטן פון היטער און ארבעטער אין די אומרוען וואָס ערשט נעכטן זיינען זיי געשטאַנען ווי נייס אין צייטונג, ווערן פון אים גלייך אויסגעטאַקט אין שטייפע באַלאַדן. אייניקע פון די באַלאַדן זיינע, וועלן צוליב זייער פשטות און אוממיטלבארקייט, אייביק געשעצט ווערן אין דער העברעאישער ליטעראַטור.

אברהם ברוידעס באַזינגט דעם צער און די פרייד פון פשוטן מענטשן, וואָס לעבט אין אַ ווינקל, צאַלט דירה־געלט, האָט מורא וואָס זיין זון שפילט זיך צופיל אין סאָלדאַטן, ליידט פון שווערער חיונה און צייטווייליקער ארבעטסלאָזיקייט און פראַוועט אַמאָל אַ שטילן יום־טוב. מיט זיין איינפאַכקייט אין סטיל און שפראַך, שטעלט מיט זיך ברוידעס פאָר עפּעס אוניווערסאַלס.

אַנדערע פון אינגערן דור זיינען ש. שלום, מיט אַ הויך פון מיסטיציזם און א וואָגיקן גראַם: זרובבל, וועלכער ארבעט אין עמק און האָט אַן אויג פאַר חיות, פויגלען און די פאָרמעס פון וואָלקנס; שמשון מעלצער, וועלכער שמידט אויס חסידישע לעגענדעס אין קליינגענדיקע באַלאַדע־פאָרמען.

צוויי „ווילדע מענטשן" זיינען אביגדור המאירי און אורי צבי גרינבערג.

אביגדור המאירי שרייבט מיט א מאָדנעם אימפעט. וואָס זיין טעמע זאָל ניט זיין, אַ הונט, צי להבדיל משיח, אָדער גאָר אַ קללה אויפן דור, קומט ביי אים אלץ ארויס מיט אַן אומגעלומפּערטער, רויער קרעפטיקייט. זיינע גראַמען זיינען ווי א מיליטערישער מאַרש צום קאַמף, אדער ווי א פייקל פון קאַניבאַלן ביי עפּעס אַן אויסטערלישער צערעמאָניע.

אורי צבי גרינבערג שפּרינגט האַסטיק אַן גראַמען, אַזוי ווי ער וואָלט וועלן איינשלינגען דאָס גאַנצע לאַנד און גלייך ברענגען די גאולה. אַזעלכע גבורה־לידער וואָלטן אפשר היינט געזונגען אַ יפתח הגלעדי, אַ דבורה הנביאה, אָדער איינער פון דודס גיבורים.

פון דעם פּאַטריאַטישן זשאַנר, בלייבט יצחק למדנס פּאָרבלוטיקטער, אָנגעווייטאָגטער „מסדה" אַ קערנדיק ווערק, וואָס ניט אַנדערע, ניט דער מחבר, קענען ווידער אַמאָל דערגרייכן.

אברהם שלאָנסקי איז דער אָנפירער און רבי פון מאָדערניסטישן חדר. ער האָט אריינגעבראַכט אַ בויגזאַמקייט און א גייקייט אין דעם העברעאישן פערז, און געפירט צו אַ באַרייכערונג און אויסברייטערונג

אין די כלים פון געזאַנג. דאָס איז זיין גרויסער פאַרדינסט. די צרה איז וואָס שלאָנסקי אליין ווערט אַמאָל פאַרכאַפּט פון שלאָנסקיזם, און, ווי איינער פון זיינע תלמידים, הויבט ער אָן נאָכאַמען זיינע אייגענע פראַזן, איבערחזרן זיינע אייגענע אימאַזשן. זיין רעטונג איז — נייע טעמעס (און ארץ־ישראל איז פול מיט נייע טעמעס אויף שריט און טריט) וועלכע טרייבן אים ארויס פון זיין אייגענער פיל־גענוצטער פראַזעאָלאָגיע.

שלאָנסקיס בעסטער תלמיד און טאַלאַנטפולער חבר איז נתן אַלטערמאַן. אַלטערמאַן איז אַ מייסטער אויף טעאַטער־קופּלעטן און קאַבאַרעט־לידער, וואָס העברעאיש האָט ביז אַהער ניט געהאַט. אין זיינע ערנסטע לידער איז דאָ א פוטוריסטישער עלעמענט פון צעמישן די פינף חושים, אויסטייטשן געפילן ווי קאָלירן און געאָמעטריע, באַהעפטן אַ מין־בשאינו־מינו אין אַ גראַם. צווישן זיינע בעסטע גע־גראַמטע אַרבעטן זיינען הומאָריסטישע אַנאָנסן געשריבן פאַר געשעפט־הייזער.

און דאָ קומען מיר צום עזרת־נשים אין דער היינטיקער ארץ־ישראל דיכטונג.

דעם אויבן־אָן צווישן די פרויען פאַרנעמט אָן שום ספק די פאַר־שטאָרבענע רחל. אויסגייענדיק א קראַנקע אין תל־אביב, לעכצנדיק נאָך כנרת וואו זי האָט געאַרבעט אין פעלד און זיך געשיפט אין בלויען וואַסער, האָט זי, וואונדערלעכער פון אַנדערע, באַשריבן דאָס חלוצישע לעבן ווי אַ שטיק נשמה־אייגנס. אירע קאָמפּאַקטע, געשלי־פענע פערזן דערמאָנען אָן די באַדייטונגפולע שורות פון דער אמערי־קאַנערין, עמילי דיקינסאָן. דאָס ארויסגיין אין שטאָל ביינאַכט צו זען, וואָס מאַכט א קו, דאָס אויפוואַכן אינדערפרי מיט געזאַנג, דאָס זייען אויף א שטיינערנעם באָדן און דער פריידיקער שניט — דאָס זיינען אירע טעמעס. און אַרום אַלץ הויכט דער נאָענטער אָטעם פון טויט.

רחל איז פאַרהייליקט ביי די ארץ־ישראל אַרבעטער. זיי האָבן לעבן איר קבר, וואָס קוקט אַרויס איבער דעם ים־כנרת, פאַרפלאַנצט אַ טייטל־גאָרטן. די ערשטע ביימער פאַר דעם גאָרטן זיינען געגעבן געוואָרן אלס מתנה פון א יידישן זקן אין איראַק (בבל). דער גאָרטן האָט זיך שוין צעוואַקסן, און ער ברענגט צוריק אין לאַנד איינעם פון די אַמאָליקע געבענשטע פרוכטן.

א חברטע רחלס — צו לאַנגע יאָרן! — איז יוכבד בת־מרים, אַ שוואַרץ־חנעוודיקע גלות־טאָכטער. בת־מרימס לידער זיינען פאַר־וואָלקנטע, ניט־קלאָרע בענקעגישן, אין וועלכע עס בלאָנקען ארום, ווי אין אַ חלום, אַ בוים, אַ הויז, אַ טייך, אַ מענטשלעך פּנים.

לאה גאָלדבערג, וועלכע איז אַ גאַר נישקשהדיקע פּראָזאַאיקערן, איז אין פּאָעזיע שלאָנסקיס תּלמידה. ס'איז אַ שאָד וואָס איר אייגענער אומצווייפלהאַפטער טאַלענט ווערט דערשטיקט אין קאָפּע־רויך פון שלאָנסקיס פראַזן־קונסט. אַנשטאָט זוכן דעם קערן פון ליד, האָרעוועט זי אויף דער שאָלעכץ. קוים מיט צרות זוכט זי אויס א געקוועטשטן משל, אַ ניי־מאָדנעם אַסאָנאַנס, כדי צו שרייבן ווי דער רבי האָט געבאָטן. ווען לאה גאָלדבערג פאַרגעסט אָן איר רבין און לאָזט זיך גיין אליין שפּינט זי אויס אַ שפּילעוודיק־שמייכלענדיקן מזמור.

אסתר ראַאַב האָט אַ באַלאַסט פון קלאַסיש־אייראָפּעאישער קולטור. זי לייענט זיך זייער אַנגענעם. פון ארץ־ישראל האָט זי נאָר גענומען אַ נאַטירלעכקייט פון לשון. זי זינגט פון גאָט „פּאַן" און פון ליבע, גאָר ווי אין די גוטע צייטן.

אַלע קינדער פון ארץ־ישראל קענען אַנדע פינקערפעלד, וואָס באַלעבט פאַר זיי, אין לייכטע גראַמען, אַ נאָדל־פאָדים, אַ בערעלע, אַ קראָקאָדיל, א ליימענע קוקלע. פאַר גרויסע האָט אנדע פינקער־פעלד געשריבן יאַפּאַנעזיש־סטיליזירטע ווידויים, און עכאָס פון ביב־לישע מאָטיוון.

אַ צווייטע קינדער־זינגערין איז רבקה דווידית (דאַווידיט), אַ מין טייער פייגעלע וואָס טרילערט אין א שטייגל.

אלישבע איז א גרטע, געקומען פון דער וויטן, פון מאָסקווע. איר טאַטע איז געווען אַ רוס און איר מאַמע אַן אירלענדעריך, און זי האָט זיך באַהעפט אָן יידישן שטאַם, און גענומען שרייבן העברעאישע לידער.

אלישבאס לידער זיינען אמת־ווייבלעכע, אזוי ווי טיכעלעך קוים־באַשפּריצט מיט אַן איידעלן פּאַרפיום. איצט וואוינט זי, אַן אלמנה מיט קינדער, אין תל־אביב. ארץ־ישראל בילדער שיינען ארויס פון אירע לעצטע לידער ווי פון שפּיגעלעך מיט גאָלדענע ראַמען: שטיל, אַ שאָטן, קוים א שעפּטש. זי האָט אויך געשריבן ראָמאַנען פון רוסישן לעבן.

נאָך איין נאָמען וויל איך דערמאָנען, די באַגאַבטע תּימנער דיכטערן שרה לוי. (כאָטש זי קען אויך זינגען אין פשוטן זין, דאַרף

מען זי ניט צענויפמישן מיט דער זינגערן, וואָס האָט אַן ענלעכן נאָמען).

שרה לוי איז געפילפול, מיט אַ ליבע פּאַר מענטשן און חיות, און שרייבט לידער און מעשות וועלכע זיינען א גלייכער עמאַציאַנעלער אויסגוס, אַן קינסטלערישע מחיצות. דער ספרדישער ראָמאַנען־שרייבער בורלא האָט דאָס דאַזיקע תימנער מיידל גענומען אונטער זיין שוץ, און עס איז צום האָפן אז אונטער זיין הדרכה וועט זי אויפטאָן אזוינס וואָס וועט פאַרהערלעכן איר „שבט״.

איך האָב געענדיקט אויסלייגן מיין בינטל נעמען פון איצטיקער ארץ־ישראל פּאָעזיע. טוט דאָס בינטל אַ שאָקל — און עס וועלן זיך פאַרשפרייטן ריחות וואָס די דופטן וועלן אייך פאַרשיכורן און ווערן א באַגער צו געניסן דעם מקור.

●

אַ שיף אינמיטן ים

יעקב שטאָל, תל־אביב

צוועלף הונדערט העלדזער —
פיר און צוואַנציק הונדערט הענט,
און אַ שוואַרצער קוימען דורכגעברענט.
עס שלאָגט מיט זון און שוים פון איר אָפן מויל,
זי איז נאַקעט, שוואַרץ און הויל,
אַ ווינט רייסט אירע אַנקער־אויגן,
זי איז זינקענדיק אין זאַמד געבויגן.

אויף דער שוואַרצער אייזערנער וואַנט
איז א מעשהלע אויפגעשריבן,
ווי „טיגער־היל״ איז אינמיטן־ים פאַרבליבן,
און ווי עס איז טונקל אויפן ים געוואָרן
און שטאַרע קללות האָבן נאַכגעיאָגט די נעכט, —
שפּאָט איז געפאַלן אויף ביינער־קנעכט.

אַ שיף אין מיטן ים

שטורעמס האָבן די שיף צום טיפן גרונד געטריבן
און אַלעמענס קולות אַריינגעשניטן אין זאַמד,
שטערן אויף אַלע וועגן האָבן פינצטערניש געשריבן
פאַר דער שיף — צווישן ים און לאַנד —
לויפנדיקע וואָלקנס האָבן איר אין שרעק געקנעטן,
און פיש האָבן פאַר איר דעם טויט געבעטן.

און נאָכגעיאָגט מיט בייזע אויגן־רינגען,
און אויפגעמאַכט מיילער — ביינער איינצושלינגען,
שליאַם און שטיקער זאַלץ האָט אָנגעפלייצט
מיט שפּיז ארום שוואַרצן זשאַווער — אָנגערייצט,
און ס'האָבן וואַסער־פייגל פון אויבן געפּיקט;
זיך געוואונדערט ווי זי איז נאָך ניט דערשטיקט
און שווימט פאַרביי שטעט, און אויפגעמאַכטע טויערן,
און שרייט א הייזעריקע צו אַלע מענטשן.

זיינען מענטשן ארויס פון אַלע טירן
אויסצוהערן דאָס מעשה־לע, דאָס שיינע,
און יעדער איינער האָט זיך אליין דערקענט
זעענדיק א שיף מיט אויסגעשטרעקטע הענט.
נאָר ס'האָט קיינער ניט געוואָלט אנטקעגן קומען...
איז טיגער־היל אַזוי פון לאַנד צו לאַנד געשווימען...

איצט איז טיגער־היל שטיל,
ווייסע פייגל פליען ארום,
אונטער זייערע פעדערן איז שטום;
און וואונדערן זיך ווי אַזוי איז דאָס געשען —
ווי אַזוי וועלן דורות גיין פאַרביי און זען —
און לייענען דאָס מעשהלע וואָס איז אויפגעשריבן,
ווי טיגער־היל איז צווישן ים און לאַנד פאַרבליבן.

פייגל וועקן איר מיט ווייסע פרייד,
נאָר טיגער־היל גליווערט איינגעגראָבן, טויט,
פון שוים און זאַלץ, פון שליאַם און ווינט,

יעקב שטאָל

פון די וואַסערן וואָס זיינען אויפגעגאַנגען בלינד,
פון שרייען לאָזט אריין — פאַרטיליגטע,
אַנטלאָפענע, איינגעשרומפּענע פון נויט,
יידן — יידישקייט, בייך און הויט.

דאָס מעשהלע דערציילט פאַר דורות צו געדענקען,
ווי אַ שיף אינמיטן־ים הויבט אָן טרינקען,
און מענטשן פאַרן פאַרביי און זעען ווי זי פאַלט
און הערן אין דעם פינצטערניש — געוואַלד! —
נאָר זיי איילן זיך און דאַרפן גיכער שווימען
קענען זיי אינמיטן ים א שיפל ניט האָבן אין זינען.

איצט איז טיגער־היל איינגעזונקען — שטאַר,
איר לעצטער שניט איינגעשטילט האָט דעם צער
פון הונדערטער קולות — איינגעשניטן אין זאַמד
צווישן ים און לאַנד.

לידער

אַל גוריה

מיין דור

שוין זילבערצייט ביי דיר היינט,
ס'איז זילבער — דיין הלבשה,
און ס'איז דיין טאָג אָן אייגנס
און ביזט צו אַלץ געגרייט;
נאָר ווער עס הערט דיין וואָרט היינט —
דאָס וואָרט פון פען און ליפּן —
הערט נאָך דעם רויש און אָנזאָג
פון אַלץ נאָך אויפקום־צייט.

לידער

דער הײַנט איז שווער! —
דיר איז ער קלאָר, באַגרײַפלעך;
פֿאַר דיר — אַן אָפּן ספֿר,
פֿאַר דיר — אײן מעשׂים רײַך.
דו קאָנסט זײַן ווי דערהערן,
דאָס גרויסע וואָרט זײַנס טראָגן,
און טראָגן ס'קול פֿון צײַטן,
פֿון ווײַטקײַטן, פֿון הויך.

הערסט ווער, ווי דו, דאָס זינגען
פֿון רינגען אינעם וואַסער?
ווײסט ווער, ווי דו, די בענקשאַפֿט
פֿון רויך, וואָס ציט פֿון דאַך? —
פֿאַר וועמען שטײען מיראַזשן,
פֿון אַלץ וואָס לײַדט און בלוטיקט? —
זײ שטײען פֿאַר דיר — ווײל דו ביזט
דער שומר אויף דער וואַך...

זײַן, ענדציל, קאַמף, אויפֿשטײַאונג,
טעג, נעכט, אָפּגרונטן, וועלטן —
דורך דיר איז אַלץ אײן וואונדער,
און דו — צו אַלץ ביזט גרײט;
און גרײט גײט נאָך אַיעדער —
ווער ס'קאָן דאָס אַלץ אויפֿנעמען;
ווער ס'ווײסט דעם זכות, ווער ס'גרויסט זיך
מיט דיר און מיט דײַן צײַט...

כ'האָב זײ געזען

איך האָב זײ געזען קומען,
איך האָב זײ געזען קומען,
זײ זײַנען געשטאַנען, געטוליעט צו אַ וואַנט,
דערשראָקענע, טרויעריקע — ווי בײ עפּעס געכאַפּטע,
און אַוועק דערווײַטערט פֿון זײער הײם...
די ערד אונטער זײערע פֿיס האָט זיך אונטערגעגעבן ווי לײם —
ווי בײ אַן אָפּגרונטס־ראַנד.

אל גוריה

כ׳האָב קיינמאָל ניט געזען אַזאַ שווייגן,
האָב קיינמאָל ניט געזען אַזאַ שווייגן,
און אַזאַ קוקן צום הימל — ווי געמאָסטן זיין ווייט;
ווי פון דער הויך אַן אָפּרוף דערוואַרט, אַ באַשייד...
מען איז געשטאַנען אין די טירן און געגאַפט צו זיי ארויס,
דערנאָך איז יעדער אוועק גאָט לויבן אין אייגן הויז,
און איבערגעלאָזט ז י י אינדרויסן — פאַרן טויט.

איך האָב זיי געזען אויף צומאָרגנס,
איך האָב זיי געזען צומאָרגנס
דאָס גרעסטע מופת וואָס ס׳קאָן נאָר באַשערט זיין צו זען:
זיי זיינען געלעגן ביים וואַנט, און די שרעק און דער טרויער —
ווי ניט געווען,
און דער הימל האָט שטיל געגידערט איבער זיי,
פון די פענצטער האָבן אויגן געזען עפּעס וואָס איז ניי,
און געגאַפט, און ניט געקאָנט פאַרשטיין...

ד י ש י ף

אַן אייביקער פּאַסאַזשיר! די שיף שווימט, שווימט צו אַ ברעג —
האָב אליין פאַר מיר אָנגעצייכנט אָט דעם וועג: —
ערגעץ אויפגעזאַמלט זיינען וואַרטנדיקע אויסלייז־טעג,
יעדער טאָג — מיט אַן אַנדער צוזאָג,
מיט אַן אַנדער געגרייט פאַרמעג — — —
טראָג זיך, שיף! — אַלצאיינס וועט זיין אַ וועלכער ברעג...

בלוי דער הימל און ס׳צינדן זיך ליכטלעך אין ווייט —
דאָס האַרץ יובלט: עס איז דיין צייט!
די עקשנותקייט האָט אנטשיידט —
דער שטענדיקער גייער—ניט ער שטעלט זיך אָפּ, ניט ער דערגייט—
גייט איצט נענטער צו א ציל און צו א פרייד!

נעכטן איז דער טאָג געווען קערנדיק — ביזן פאַרגיין;
אַז ער איז פאַרביי מיר,בין איך פאַרבליבן — ניט אַליין! —
ווי ס׳פאַרבלייבט דער טאָג, דער פאַרגאַנגענער אין זיין ניט־זיין:
ס׳זיינען געבליבן דאָס ציל און די אור־שיינקייט פון — ז י י ן.

הײנטיקער טאָג האָט גוטע בשורות אָנצוזאָגן.
איצט איז ער אַלץ סומנע, אָבער טאָג װעט ניט אַװעק
ביז ס׳װעט ניט אױפגײן אַ פרײד פאַר מענטש און װעלט;
פרײד פאַרבאָרגענע פון אַלע צײטנס שיכט,
האָט נאָר װאָס מיט אַ קוים־באַמערקטן ליכט
יעדן טונקעלן קגײטש פון לעבן צוגעהעלט.

פרײד — פאַרנעמלעכע — אין יעדנס קער און ריר;
פאַר יעדנס טריט לױפט זי פאָרױס װי אַ שײן,
איך בלױז — צי דערפאַר װאָס כ׳בין איצט קעגן זיך אַלײן —
דאַרף ערשט זוכן דעם װעג צו איר...

מױערן הױבן זיך ביז די הימלען הױך,
צו די אָונט־הימלען צוגעהעפט פון רױך;
אונטן גײט די שיף און זוכט צו געפינען דעם ברעג
פון די ערגעץ װאַרטנדיקע אױסלײז־טעג...

די גאַס איז פול מיט מעטעאָרן

די גאַס איז פול מיט מעטעאָרן,
און איך אײנער צװישן זײ,
און װי זײ — מיט דעם ברען אין זיך אַלײן,
און מיט אַ פלאַם צעהעלטן אין מיר פאַרשטיקט.
נאָר איך בין אױך — אַ לאָמפּ, װאָס מ׳האָט ניט אין צײט
געװנוצט, און איצט רױכערט ער אין דער אײביקײט אַרײן
מיט פאַרצערנדיקער פינצטערניש — װאָס שטיקט.

די גאַס איז פול מיט מעטעאָרן,
נאָר אַ סך פון זײ העגנען צװישן אָפּגרונט און זון —
אַזױ לײכט, אַזױ דורכזיכטיק — װי אַ הױך.
און דערפאַר איז זײ אַזױ לײכט צו קענען
תמיד אַזױ זון־ליכטיק ברענען,
און אױך די זון זײן — װען מען װערט ניט אױך.

אַל גוריה

וואויל איז דעם וואָס מיט דער זון איז זיין לעבן! —
אָנגעזאַמלטע תאוות פונעם זיין זיינען שווער? —
קאָן די זון אים איבער זיי אַריבערהייבן —
און אים מאכן צו פלאַמען נאָך מער.

ווער פון זיי וואָלט מיך מיטגענומען צו זיין זון־באַריר —
כדי צו פאַרשטומען אין מיר די בענקשאפט, ווי קייטן?
און דאָס אייביק זוכן דעם אין סוף פון צייטן —
ווער פון זיי וואָלט פאַרשטומט אין מיר?

ווער וועט קומען מיט זיין דורכזיכטיקן פלאַקער,
מיט דעם אזוי תמיד העלן און תמיד קלאָרן? —
כ'שטיי א שאַרפער, אַן איינגערייפטער, ווי אַן אַקער.
ס'וואַרטן מיט מיר וואונטשן; ס'בענקען יאָרן;
ס'וואַרט אַ וועלט,
אויפצוגיין צעד־העלט;
ס'וואַרטן שטאַמען —
ניט־באַרירטע פלאַמען,
ס'וואַרט איך —
צו געפינען זיך...

דאָס געזאַנג פון יהודה

פון דער פּאָעמע „ביים באָרטן פון ים"

בעריש ווײַנשטיין

יהודה דער ייד פון אַלטן פוילישן קראָקע,
געבויגן איז ער פון שטענדיקער קדושה
און לערנט אַלע גמרות אויף אויסנווייניק,

דאָס געזאַנג פון יהודה

אַזאַ טיפער גראָ בליקט פון זיינע גרויסע אויגן
און דערציילט פון אייביק אומעטיקע שטעט.
גרוי פאַרקלערט איז זיין היימיש־ווייכע באָרד,
ווען ער שרייבט מיט יראה זיינע שירים
פאַרשפאַרט אין אַ ניו־יאָרקער קלויז.

אויף זיין שויב, רויטע שקיעה, ראָזעווער ניו־יאָרק;
די אַלטקייט מיט איר שטויב אויף די פענצטער
ווערט אויך אַזוי שאַרלעך —
ער שטייט מיט דער מידקייט פון ספרים קעגן מעריב
און עס ווערט פון אים אָפגעשלאָגענער מילדער בראָנדז.
ער בייסט זיין לאַנגווייל אין דער באָרד אַריין —
און בלויע אָדערן קנייטשן זיין שטערן.
פרום קלאַפּן זיינע געל פאַרחלבטע פינגער
איבער טאָוולען פון א ירושה־ספר.

אָנגענומען מיט נאַכט איז זיין חסידיש געזיכט.
די אויגן פילן ניט מער דעם צאַפּל פון קנויטן
און ניט דעם מעטאַלענעם שוויס פון הענגלייכטער.
אַלע יאָרצייט־ליכט שאָטענען אָפּ אויף אים
מיט פאַרצערטן רויך און פלאַם —
און טריפן אויס די מעת־לעתן אויף זיינע קליידער.

אַזאַ שווערע פייכטקייט אויף געשיילטע טונקעלע ווענט.
אין אַזאַ טרויער ריכט ער אָפּ די גרויסע שטאָט,
און פאַרוועלקט זיינע ווייסע טעג אין אַזאַ רו.
מיט זיין באָרד דערמאָנט ער אין ירמיה —
און אויף זיין אָרעם אָנגעלענט, קוקט שטאַר זיין פּנים
צום ארון־קודש ארויף,
ווי עס וואָלטן די לייבן צו אים אַראָפּגערעדט:
פּרואוו דיך יהודה — טראָגסט אין זיך דאָס ליכט פון אַ נביא.

* * *

יהודהס שירים, אַ גרויסער גאָט!
אָט איז דאָס געזאַנג פון דער היימישער ערד:
און ער האָט אין טלית פאַר יונים געטאַנצט

ביזן לעצטן שינד אונטער א פויערישער בײַטש.
פֿאַרשניטן האָט דאָס געווײן אין זײַן באָרד געצאַפּלט
און וואונדיק איז אין אים דער ייִד געוואָרן.
איצט שרײַבט ער דעם קידוש השם פֿון זײַן דור. —
און ער זעט זיך שפּאַנען דורך אָסיען איבער גריבער;

איבער שטײנער דורך האָסטיק־ווינטיקע נעכט.
אַזאַ בלודנע אימה ווײַעט פֿון דערפֿער אַרויס
און בלאָזט אָן אויף אים דעם האַרבסט פֿון שליאַכן.
מיט טלית און תפֿילין אויפֿן רוקן פֿאַרוואָרפֿן,
ברעכט ער מיטן גאַנג דעם האַרטן חשון־וועג.
אַלע שענסטע ייִדן זײַנען, ווי ער, אַזוי געגאַנגען
און צו שדי ניט געקאָנט גענענען.

אָן אײַנגעשנײַטער יהודה אונטער לאַסט געבויגן,
טראָגט ער זײַן האָב־און־גוטס — דורך ווײַסער באַכט.
דאָס ווײַב, די קינדער גײען אין ווינט נאָך אים
און אײַנגעזילבערט אין פֿראָסט ווערן זײערע טריט,
און פֿון אַ זאַווײ צעפּאַלן זײערע שיך און קלײדער,
און זײערע אויגן גיסן אויס מיט קעלט און מיט טרערן.
די פֿאַרשנײַטע ווײטן האָבן וועלף אין זיך,
און יהודהס בלוט האָט דעם געוואַי.

* * *

יהודה. —
טרויעריק איז ניו־יאָרק, ווי קראָקע.
דיזעלבע קלויז, דיזעלבע אומעטיקע טישן.
אָ, אַ סך „לעבנס" לײענט ער פֿון זײַנע כּתבֿ־ייִדן אַרויס:
און עס לויפֿט דער פּשוטער ר' שלמה לײבל טיטשינער
פֿון ווילדע פּויערישע הענט צו אַ קבֿרות אוועק
און גראָבט זיך נאָך באַשערמונג אין דער ערד אײַן
כּדי צו קאָנען שטאַרבן מיטן שם אויף די ליפּן.

אינם געזאַנג פֿון זײַנע שירים:
איז הירשקע דער שוסטער אויסגעצערטער.

ער קלאַפּט מיטן האַמער איבער דער קאָוואַדלע
און זינגט האַסטיק דאָס געזאַנג פון דער „פרייע פאַנע".

אַט איז הירשקע אין שלעפּ פון קייטן
מיט נאַכגעלאָזטע שווערע, האַרטע הענט —
און אַט שטייט ער מיט ליפּן אַן גראַטעס געלענט,
מיט צעצויגענעם, צעקנעפּלטן האַלדז
גרייט פאַרן קנופּ, וואָס פאַרשנײַדט ביז בלאָ.

הירשקעס צעל — ריח פון זעק און שטרוי.
ער האַלט זײַנע צײַן אין גראַטעס פאַרביסן
און רעדט שוסטעריש מילד צו דער וועלט אַרויס.
ער מאָלט מיטן פינגער די תליה אויף דער שויב
און דעם געבראָכענעם גוף זײַנעם — פאַרן שטריק —
אַ געמעל אַזאַ פון זײַנע פאַרגליווערטע פינגער,
ווי ער וואָלט אויף אַן אמת שוין געהאַנגען.

יהודה —
אויף די שלאַכטפעלדער פון אַלטן עסטרײַך.
ער האָט אונטער פײַער מיט יידן וידוי געזאָגט.
אָפן און צעריסן זײַנען קברים פאַר אים געשטאַנען
און עס האָבן הענט מיט אײַנגעפרוירענע תפילין געשטאַרצט,
פערדישע טריט איבער פּנימער, איבער בײַכער,
זײַנען ווי אויף פלאַכער ערד געלאָפן.

אַ גרויס איז דער רחמים פון זײַנע שירים.

אין ניו־יאָרקס פרעמדע טעג זוכט ער גאָט.
א טונקעלער — ביי די ברייטע ברעגן פון ים,
ציט ער דורך אייביקע שטאָטישע פאַרנאַכטן
מיט בינטלעך אויף די אָרעמס אָנגעהאַנגען
און בייגעריק, לערנט ער ספרים פון זיך אַרויס.
דאַר און פאַרקלערט קוקט ער אויף די וואַסערן,
ווי דער נזיר יוחנן ביים ירדן.

אין די תמוז טעג גייט ער נאָך אביסל קיל־קייט אַרום
און בלייבט אין מידקייט ביי די האָפּנס ביינאַכט.
דאָס געשריי פון שיפן איז רויכיק און וואַרעם —
און אָפן איז זיין מויל פון הייסן ווינט.
ער וויל דאָס שוימיקע שלאָגן פון ים אריינעמען
כדי צו דערשפּירן דעם באַשאַף פון בראַשית.

אַזאַ לערע שטילקייט ווייעט אַרום די באָרטנס.
יהודה מיט דער חכמה פון גרויסע ספרים,
גייט אום פאַרטיפט מיט אַלע שטאָטישע טעג אויף זיך
און וואַנדערט אזוי אַלע נעכט אַרום.
פון אַזאַ עלנט ווערט אין אים גרינגער דער גלויבן
און שטאַרקער פילט ער דעם רוח־הקודש.
אָ, ווי ער וויל דאָס איצט גאָטס חסד,
דאָס געזאַנג זיינס פון קידוש־השם
זאָל קאָנען ווערן די תפילה פאַר דער וועלט.

●

א. מ. פוקס

פֿון ש. איזבאַן

אַלס סטיל־זוכער און בויער פון אַ נייעם נוסח איז א. מ. פוקס אַ חד־במינו. ער איז איינער פון די קרעפטיקסטע פאָרשטייער אין דער נייער יידישער פּראָזע, צווישן די וואָס האָבן זיך באַוויזן נאָך דער לעצטער וועלט־מלחמה. מיט זיין אייגנאַרטיקייט האָט ער פאַר־שטעלט ניט איינעם פון די באַאַגבטע פּראָזאַאיקער, וואָס זיינען גע־וואַקסן מיט אים אויף איין געאָגראַפישן שטח, אין איין צייט, אין איין דור.

פוקס איז געקומען אין דער ליטעראַטור בעת דעם אזוי־גערו־פענעם „רענעסאַנס״, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן נאָך דער מלחמה אין ניינצן הונדערט אַכצן. אויף די מיליטערישע שלאַכטפעלדער האָט

מען אווקגעשטעלט די פאַן פון וואָפנשטילשטאַנד, אבער אויף די פעלדער פון דער יידישער ליטעראַטור האָבן זיך אָנגעהויבן פיבער־האַפטע צוגרייטונגען פאַר נייע אָפענסיוועס. די אַנקומענדיקע ליטע־ראַרישע גוואַרדיעס האָבן דערקלערט מלחמה דעם עלטערן דור שריי־בער. עקספּערימענטאַלע פּרוואוון האָבן געזאָלט פאַרנעמען דאָס אָרט פון גלאַטע, אויסגעטראָטענע דרכים אין דער ליטעראַטור. די אולטראַ־מאָדערניסטן — אַ פּראָדוקט פון דער צערודערטער צייט — האָבן גענומען פאַרנייגן דעם טראַדיציאָנעלן שטייגער און פאַרלייקענען דעם קלאַסישן נוסח.

קאָמפּסלוסטיקע ריכטונגען און קריגערישע שטרעמונגען האָבן זיך גרופּירט. די לוסט צו קריגערישקייט, צו אידייאישע מלחמות ביי אַט די גרופּירונגען איז געווען אזוי גרויס, אַז מען האָט אָפּט פאַרגעסן אָן אינהאַלט און מען האָט געלייגט דעם טראָפּ בלויז אויף דער פאָרם. געהייסן האָט אַט די באַוועגונג אין דער ליטעראַטור, אַ באַנייאונגס־באַוועגונג. און אָנגעגאַנגען איז זי אויףביידע זייטן אָקעאַן. יעדע ליטעראַרישע אויסגאַבע איז געקומען מיט אַ פּראָגראַמאַטישן איינשטעל, יעדער זשורנאַל האָט געהאַט זיין אייגענעם אַני־מאַמין. און כּאַטש ספּעציעל האָט זיך דאָס אָנגעזען אין דער פּאָעזיע, האָבן זיך אויך שפּורן פון יענע „שטורם־ווינטן", געלאָזט מערקן אין דער נייער פּראָזע. עס זיינען דעמאָלט דערשינען, חוץ מייסטערהאַפטע היסטאָרישע ראָמאַנען, דערציילונגען פון פאַרגאַנגענע תּקופות, אויך פרישע, אַק־טועלע, בעלעטריסטישע מלחמה־שילדערונגען, צייט־ביכער פון הויכן קינסטלערישן ווערט. אָבער אונטער דעם דעקטוך פון די אַלגעמיינע ריכטונגען און פּראָגראַמען, איז אין דעם גאָרטן פון דער יידישער ליטעראַטור אויך אָנגעוואַקסן אַ סך קראָפּיווע, וואָס האָט געוואָרט אויף אַ גערטנער מיט אַ שער...

אין אַזאַ כאַאָטישער צייט האָט זיך באַוויזן א. מ. פוקס. בהדרגה, מיט קינסטלערישע מכשירים, מיט געשליפענעם געצייג, האָט ער געטעשעט און פּאָלירט די שטיקער בראָנז, וואָס זיינען געווען אין זיין באַזיץ, ביז עס זיינען ארויסגעקומען שאַרפע, קאָנטיקע מיניאַטור־סקולפּטורן.

הגם א. מ. פוקס איז געקומען אין דער צעטומלטער נאָך־מלחמה־צייט, אַ צייט ווען ס'איז געווען אין דער יידישער ליטעראַטור־שאַפונג דער אָפּשלוס פון איין תּקופה און דער אָנהייב פון א נייער, איז ער פונדעסטוועגן ניט געוואָרן, ניט קיין פאַרשטייער און ניט קיין מיט־

לויפער פון ריכטונגען. אליין, ביחידות איז ער געגאַנגען אויפן ליטע־ראַטור טראַקט. ווייט פון טומל, אַוועק פון רעש, באַלאָדנט מיט קינסט־לערישע אינסטרומענטן און מיט אָנגעשאַרפטע חושים, האָט ער זיך געשטעלטביים תהום פון לעבן, פון דאָרט ארויסגעפירט זיינע פער־סאַנאַזשן — און עס איז ארויס די פוקסישע, פולבלוטיגע גאַוועלע.

***

ניט בלויז איז א. מ. פוקס אידייאיש ניט געווען נאָענט צו די פאַרשיידענע ריכטונגען, נאָר אויך געגראַפיש איז ער געווען ווייט פון זיי. זיין וואוין־אָרט — ווין, די שטאָט פון די אַמאָליקע האַבס־בורגס, די מעטראָפּאָליע פון וואַלס, און ליד און וויין. אויב מען האָט אויף דער שיינער, פריצישער שטאָט אָנגעהאנגען א שם פון גע־מיטלעכקייט, האָט אָט דער שם פולקום זיך באַשטעטיקט אין דער אויפפאַסונג פון א. מ. פוקסעס טעגלעכער פירונג. עס האָט זיך באַשטעטיקט אין זיין יעדן שריט און גאַנג וואָס ער האָט געמאַכט אין פאַרלויף פון מעת־לעת. אָבער ניט דאָס ווינעריש נעגאַטיווע, דאָס שוים־אַרטיקע, דאָס שפּילעוודיק־לייכטזיניקע פון דער ווינער אויבערפלעכלעכקייט, נאָר דאָס שווערמוטיקע און גורלפולע פון דער עסטרייכישער גייסטיקייט האָט זיך אויף אים אָפּגעזעצט. פּעטער אַלטענבערג און פעליקס סאַלטען, זיי זיינען געווען די נעמען, וואָס האָבן פאַר אים פּרעזענטירט די ליטעראַרישע אַריסטאָקראַטיע.

א. מ. פוקס האָט ליב געהאַט זיין ווין, דאָס „רויטע ווין", וואָס איז געווען א שיינדל און אן אידעאַל פאַר דער גאַנצער אייראָפּעאישער דעמאָקראַטיע. ווי א לאַנג־יאָריקער ווינער תושב האָט ער ניט נאָר רעספּעקטירט די לאַנד־קולטור, נאָר געוואָרן איר ענטוזיאַסטישער באַוואונדערער. אָבער ניט בלויז קולטור, אויך דער שטאַטלעכער רעזשים איז אים געווען צום הארצן. ער האָט זיך צוגעקוקט צו די אַלע גלגולים פון דער גרויסער, אויפגעבלאָזענער אימפּעריע. ער האָט נאָך באַוויזן צו זען דעם לעצטן האַבסבורגער יורש און דעם אלטן אימפּעראַטאָר פראַנץ יאָזעף אויפן טראָן. ער האָט בייגעוואוינט די צעפאַלונג פון דער עסטרייך־אונגאַרישער אימפּעריע און לסוף די פרייע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, וואָס האָט זיך שוין באַלד נאָכן געבורט געצאַפּלט אין די נעגל פון די אינעווייניקסטע און דרויסנדיקע הענקערס. און פוקס, ווי א פרייהייט־געניסער, האָט זיך געשראָקן פאַרן גורל פון זיין עסטרייך. אבער אָט די שרעק איז ער טיילמאָל בייגעקומען

מיט דער איינגערעדטער זיכערקייט, אז דער גייסט און די דיסציפלין פון זיינע מיטוואוינער וועט זי באוואָרענען.

ער האָט איבערגענומען די דייטשע פעדאַנטישקייט און דעם דייטשן סיסטעם. אַלץ מוז שטימען לויטן זייגער. אויסגערעכנטקייט אין די אַרבעטס־שעהן. גענאַסטנקייט אין די טואונגען. אַזויפיל און אַזויפיל צייט ווערט אָפּגעגעבן פאַר לייענען די וועלט־פּרעסע. אַזויפיל און אַזויפיל פאַר שרייבן דעם המשך פון דער נייער אָנגעהויבענער דערציילונג. א. מ. פוקס קען אַפילו מיט דייטשער פּינקטלעכקייט און גענויקייט פאָראויסזאָגן, וויפיל שורות און זאַצן ס׳וועט אים געלינגען היינט צוצוגעבן אויפן דריטן זייטל פון זיין פרישער נאָוועלע. צופיל פעדאַנט איז ער זיך איינצורעדן, אַז ער וועט היינט אויספילן גאַנצע זייטן. און מיט דערזעלבער גענויקייט וועט ער אויסרעכענען וועלכע אַרטיקלען און פּאָליטישע רעוויוען אין דער דייטשער פּרעסע ער דאַרף היינט דורכקוקן, ווייל ביי פוקסן זיינען פאַראַן צוויי צורהס פון זיין געשטאַלט. פוקס דער זשורנאַליסט און פוקס דער בעלעטריסט. די ערשטע פונקציע איז עבודת חול, וואָכעדיקע טואונג, אויפצוהאַלטן די חיי־שעה, דאָס אַלטעגלעכע. דאָס צווייטע איז שוין אַ מיסיע, א שליחות, דאָס אומקאָמפּראָמיסלעכע ראַנגלעניש פון א קינסטלער, דאָס האַמערן און פורעמען, דאָס האַקן אויף אַ פעלז אַרויסצושלאָגן די פייער־שפּריצן פונעם שעפערישן וואָרט.

און א. מ. פוקס איז געווען כלו ווינער, ניט בלויז לויט זיין גייסטיקן באַנעם, ניט בלויז צוליבן פּאָזיטיוון איינפלוס פון דעם ראַפינירטן עסטרייכישן קלאַסיציזם, נאָר אויך לויט זיין אויסערלעכן לבוש. אין יענע יאָרן, ווען איך האָב אים געזען, האָט ער געטראָגן אַ טונקעלן געפּרעסטן אנצוג פון א פּאַרעלטערטן שניט. אַרום דעם שטייפן קראַגן — אַ דיקער שניפּס, דריי מאָל געוויקלט אין סטיל פון מאַריאַ־טערעזעס צייטן. בלויז דער ברייט־ראַנדיקער שוואַרצער קאַפּעליוש איז — „עטנאָגראַפיש״ — געווען אַ ווידערשפּרוך. ס׳האָט דערמאָנט דעם הוט פון א שפּאַנישן טרובאַדור. און די היים פון א. מ. פוקס איז געווען אין ווין, אויף דער סעמפער־שטראַסע, א שטילע, אָפּגעלעגענע גאַס אין א שטרענג־קריסטלעכן קוואַרטאַל. דאָס הויז — נאָך שטילער און אָפּגעשלאָסענער, ווי ס׳וואָלט געווען באַוואוינט פון אָפּגעקומענע אדליייט און פּאַרטריבענע מיוחסים, קרובים פון געפאַלע־נעם מלכות. דער טיפּישער ווינער הויז־באַזאָרגער דערשנאַפּט שוין דעם פרעמדן, וואָס וויל אויפזוכן דאָס טיר־גלעקל פון א. מ. פוקס און ער גייט

איך אַקעגן: „אָה, צום הער שריפטשטעלער? יאָוואָהל!" און אַז מען עפנט די טיר פון דער אַנגעוויזענער וואוינונג, ווערט מען ארומ־גענומען פון דער מנוחה, פון דער רו, מיט וועלכער דער קינסטלער האָט זיך ארומגעצוימט, כדי מיט מער קאָנצענטרירטקייט און געהע־ריקער דיסטאַנץ צו קענען ארויסטויכן די וויטע, היימישע געשטאַלטן, די מאָדעלן פאר זיינע שאפונגען.

***

אין אַנבליק פון פוקסעס פאַרשוינען און העלדן, האָב איך זיך תמיד פאָרגעשטעלט זייער שילדערער, אַז ער מוז זיין אַ טונקעלער, האַריק־באַוואַקסן ווי נמרוד. אויב ס'איז דאָ אַ שמץ פון פאַרדאַכט, אַז דער שרייבער מוז ארויסוואַקסן פון דער סביבה פון זיינע העלדן, איז אַט דער פאַרדאַכט ביי מיר געוואָרן אַלץ גרעסער, וואָס מער כ'האָב זיך אַנגעלייענט מיט זיין אונטערוועלט־געפילדער. נאָכן זען אים פנים אל פנים, איז די אַנטוישונג געווען אַן איבעררעאשנדיקע. זיין טונקל קאָנטיק פנים, ספק שפאַניש, ספק מעקסיקאַניש — אָבער בשום אופן ניט יידיש — שלאָגט דאָך מיט סעמיטישער מילדקייט. ביי דער ערשטער באַגעגעניש, האָב איך פוקסן וועגן דער דאָזיקער פאַראַנונג מיינער ניט דערציילט. ער אַליין, פוקס, האָט אָבער יאָ געוואוסט אַז מען זעט אויף אים בלויז האַריקייט, באַוואַקסענקייט. ניט פאַר קיין פיזישן נמרוד האַלט מען אים. אָבער אין דער ליטעראַטור האַלט מען אים אין איין פאַרוואָרפן, אַז ער איז געקומען ווי דער שילדערער פון דזשאַנגל־טיפּן, פון וואַלד־פרימיטיוו, פון נאַקעטע מענטשן, וואָס טראָגן נאָך שטיקער פעל אויף זייערע לייבער, הגם זיי האָבן זיך פאר אים אַנטפּלעקט אינעם אזוי שפּעטן צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

ביי יענער באַגעגעניש איז א. מ. פוקס געווען פאַרביטערט אויף דער קריטיק, וואָס זוכט אין אים בלויז גרוילקייט און מרה־שחורה־דיקייט, בעת ער פאָרעט זיך גאָר אזוי דעליקאַט ארום די רויע, חיהשע אינסטינקטן פון זיינע אונטערוועלט־פאַרשוינען. ער האָט זיך געערגערט וואָס אויטאָריטעטן אין דער יידישער קריטיק, האָבן אים אויפגענומען מיט אומצוטרוי. עמעץ זאָל האָבן געשריבן אין אַן אָפּהאַנדלונג, אז ער, פוקס, זעט צופיל אכזריות אינעם מענטש, און מען האָט אים געעצהט ער זאָל באַפרייען זיין טאַלאַנט פון דער בייזקייט, פון די פאַרדאַכטן צום בעל־חי, ער זאָל זיך אויסטאָן פון זיין פעל, ער זאָל זיך ארומ־וואַשן, ארומשערן. „פאר וועמען האלט מען מיך? פאר א קוימען־

קערער?" — האָט ער אויסגערופן. און אז ס'האָט שוין געהאלטן ביים ארויסשטעלן טענות, האָט ער גענומען אויסרעכענען א צעטל מיט מיספאַרשטייען און אומגערעכטיקייטן, וואָס מען באַגייט קעגן אים ביים אָפּשאַצן זיינע ווערק. אָט דערמאָנט ער אַ כאַראַקטעריס־טישן צוזאַמענשטרעף צווישן אים און איינעם פון די היינטצייטיקע גרעסטע יידישע שרייבער. ס'איז געווען אינעם יאָר 1928, אויף איינעם פון די פּען־קאָנגרעסן, וואָס איז דאַן פאָרגעקומען אין ווין. דער דער־מאָנטער יידישער שרייבער, וואָס האָט אַ וועלט־נאָמען, איז געווען איינער פון דער יידישער דעלעגאַציע אויף יענעם קאָנגרעס. א. מ. פוקס און זיינע קאָלעגן האָבן געטאָן אַלץ מקרב צו זיין די יידישע דעלעגאַציע, איינצושטעלן קאָנטאַקט צווישן זיי און דער ווינער, דייטשער ליטעראַרישער סביבה. אָבער דער באַרימטער יידישער שרייבער, וואָס טראָגט זיין וועלט־נאָמען ווי א קרוין, האָט אין געאייל אפילו ניט געפונען פאַר נויטיק — אזוי יעדנפאַלס האָט זיך פוקסן אויסגעוויזן — נאָכצופרעגן זיך אויף די געציילטע יידישע שרייבער, וואָס געפינען זיך אויף דעם אינזל ווין. (אינזל — ניט אין געאָגראַ־פישן זין!) דער באַרימטער שרייבער איז געווען זייער פרי אין זאַל, פאַרן אָנפאַנג פון דער ערשטער קאָנגרעס־זיצונג און ער האָט געהאלטן אין איין ארומזוכן ניט קיין אַנדערע ווי „גויישע" קאַרפּן־קעפּ:

— טאָמאס מאַן איז נאָך אַלץ ניטאָ?

— און וואו איז פּאַול וואַלערי?

— און עמיל לודוויקן זעט מען אויך ניט?

א. מ. פוקס, וועלכער האָט נאָך ביז דעמאָלט זיך ניט געהאָט געטראָפן מיט דעם באַרימטן יידישן שרייבער פנים אל פנים, האָט געהאַלטן פאַר נויטיק זיך פאָרצושטעלן. ער איז אונטערגעקומען און אָנגערופן זיין נאָמען.

— אָ, דאָס זענט איר פוקס? — איז געקומען אַן ענטפער — איר ווייסט, כ'קען דאָך אייך ניט לייענען... איר שרייבט צו פעט, צו געדיכט... ליטעראַטור איז פונקט אזוי ווי טיי... קען מען דען טרינקען ריינעם עסענץ? ניין! מען גיסט אריין אביסל עסענץ אין גלאָז מען מישט צו ביז פיל ריינע וואסער און ס'באַקומט א טעם, אבער אַז איר גיסט בלויז עסענץ!...

פוקסן איז אפנים ניט געפעלן געוואָרן דער פאַרגלייך. ער האָט ניט אָנגענומען אזא אומקינסטלערישן „מעטאַפאָר" און ער האָט אויפן אָרט זיך גענומען ווערן:

— וואָס דאַרפט איר פאַרגלייכן ליטעראַטור צו טיי? פאַרגלייכט עס מיט ווייַן, מיט אַלטן אויסגעשטאַנענעם ווייַן. וואָס שטאַרקער דער ווייַן, אַלץ גערדיכטער, אַלץ געשמאַקער און מחיהדיקער איז ער צום געניסן...

שטאַרקער ווייַן און עכטער עסענץ — אָט אַזאַ אַראָמאַט דאַרף זיך טראָגן — לויט פוקסן — פון יעדער ליטעראַרישער שאַפונג. ער האַלט ניט פון קאַרגן דאָס חלקל עסענץ אין זיין פּראָזע. אַפּרייניגן זי פון פסולת — דאָס יאָ. אָבער צופיל פאַלירן כדי פאַרפלאַכן די שפּראַך פאַר דער הנאה פונעם דורכשניטלעכן לייענער — פון דעם היט זיך פוקס. דערפאַר אַזאַ באַלאַדעגקייט אין זיין אופן דערציילן. ער איז פון די גאַר ווייניקע אין דער היינטיקער יידישער פּראָזע, כ'וואָלט געזאָגט — אַ יחיד במינו, וואָס באַצירט און באַשווערט דעם זאַץ מיט אַזויפיל מעטאַפאָרן, אַז דער אייגנטלעכער ציל, דאָס ארויס־געבראַכטע בילד ווערט טיילמאָל פאַרטרונקען אין א שלל פון פאַרבן און קאַלירפולע אָרנאַמענטן.

***

א. מ. פוקס געהערט צום צווישן־דור אין דער נייער ליטעראַטור. פאַר אים איז געווען די פּרץ־נאָכפאָלגערשאַפט. הינטער אים דער נאָכ־וואוקס פון די צוואַנציקער יאָרן אינעם איצטיקן יאָרהונדערט. אָט די צווישן־דורותדיקייט, די אַליינקייט זעט זיך בולט ארויס אין זיין ביז־איצטיקן שאַפן.

אַליין אויפן טראַקט און אייגנאַרטיק אין אָפּקלייב פון זיין מאַטעריאַל. זיינע מאָדעלן — ברוטאַלע פאַרשוינען און געשילדערט מיט א ברוטאַלן נוסח. די שפּראַך איז נאַקעט און גרויליגדיק, פּונקט ווי די מעשים פון זיינע העלדן זיינען נאַקעט און גרויליגדיק. ער גיט אונדז דאָס שפּלות פון לעבן אין פאַרשיידענע איבערוואַנדלונגען. ער פירט ארויס זיינע מענטשן פון די אונטערשטע שיכטן. ער שלעפּט זיי פון די נישעס, פון הינטער די בריקן, פון חורבות און ער הייסט זיי האַנדלען מיט זייערע רויע, גראָבע אינסטינקטן. האַבנדיק אלס פּערסאָנאַזשן די ווינער אַלפאָנסן, זונות, זעלבסטמערדער, בעלי־מומים און אויך שטע־טלדיקע גנבים און מאַרוויכער — קומען די העלדן ביי א. מ. פוקס ארויס שיער ניט דעמאָנישע פיגורן.

די אַרענע, וואו אָט די פאַרשוינען באַוועגן זיך אין זייער ערדישער חיי־שעה זיינען די ווינער מאַרק־פּלעצער, דאַרפישע שליאַכן און שטע־

טלדיקע הויפן. דער מענטשלעכער אָפּפאַל פאַראַדירט מיט דער פאַרלאָרענקייט און מיט דעם פּאַטאַליזם, וואָס באַגלייט אים. און פוקס, ווי אַן אכזריותדיקער סטאַאיקער לאָזט זיינע העלדן „טאָן זייערע טוואונגען און האַנדלען זייערע האַנדלונגען". ניט נאָר, ער לאָזט זיי טאָן, נאָר ער איז אויך מקפּיד אויף זייערע תנועות. ער איז פּעדאַנ־טיש צו יעדן בויג און קנייטש זייערן. פוקס קאָמענטירט ניט. ס׳זיינען געגנוג א פּאָר גראַוויאור־שניטן, עטלעכע שאַרפע פען־צייכנס אריינצו־לאָזן פאַרב אין לעבן אין די אטראַפּירטע, פאַרגליווערט־געוואָרענע פערסאָנאַזשן.

פאַראַן ביי א. מ. פוקסן א לענגערע דערציילונג „דער טויט פון א פערד" — איז דאָס א מייסטערהאַפטע קאָמפּאַזיציע איבער די יסורים פון א פאַרהאָרעוועטער שלעפּ־חיה. שאַרפע, פסיכאָלאָגישע שילדע־רונגען וועגן א פאַריאָכט פערד, פון דער ערשטער רגע פון זיין פיזישער געפאַלנקייט ביז צו זיין גסיסה. די דאָזיקע דערציילונג געהערט צו די פּערל פון פוקסעס שאַפן. ער האָט דאָ דערגרייכט שלמות, פולקומענ־קייט.

שפּיציק און שאַרף איז געשילדערט דער דורכמאַרש פונעם נאַכט־גנב סאָליאַר. („ביינאַכט"). פונקט אזוי קאָנטיק ווערן ארויסגעשטעלט די העלדן פון „צוויי זייגערס," „צווישן בוימער", „בייטאָג", „אין שטוב". די אָפּגעשונדענע מענטשן זיינע שטייען הינטער די בריקן, ארום די קאַנאַלן, ביי אָפּגעקראָכענע שלעסער.

און אין זיינע אידילישע באשרייבונגען פון דער עסטרייכישער ערד, האָט פוקס מיט אַ כיון אויסגעמיטן צו געבן די טיראָלער לאַנדשאַפטן און די מענטשן מיט דער גרינער פּאַווע־פעדער...

קאָנפליקטן, קעגנזאַצן און צוזאַמענשטויסן — אויף אלץ וואַרפט פוקס דעם רעפלעקטאָר פון אידילישקייט, און שלוה. ער איז אַן אויסגעשפּראָכענער און אָפּגעהיטענער רעאַליסט, א באַגייסטערטער נאָכגייער פון די נאַטוראַליסטן. און ווי זאָרגפעלטיק ער טוט זיין אַרבעט, זאָגן עדות די געדיכטע פּלאַסטישע בילדער וואָס ער לייגט אָן שיכט אויף שיכט.

איינמאָל, זייענדיק צו גאַסט, איז מיר אויסגעקומען צו זען ביי פוקסן א שווערן כתב־יד פון הונדערטער זייטן, דאָס זיינען געווען פראַגמענטן פון זיין ווערק „יידן" איבער וועלכן ער האָט שוין דע־מאָלט געהאַט געאַרבעט יאָרן. די לאַנגע בלעטער ווי גמרא־דפים זיינען געווען באַדעקט מיט געדיכטן, געצירקלטן שריפט. פוקס האָט

אויפגעמישט א צעקנייטשטן דף, אָפּגעזוכט א שורה און מיר אָנגעוויזן, אַז צוליב דער שינוי אין געבוי פון איין זאַץ, האַלט שוין זיין איבער־שרייבער אין קאָפּירן דעם בלאַט עטלעכע וואָכן. איין טאָג וואַרפט ער, פוקס ארויס דעם זאַץ און צומאַרגנס שטעלט ער דעם זאַץ, מיט אַ געוויסער איבערשטעלונג, צוריק אריין. און דער איבערשרייבער מוז יעדעס מאָל אויף דאָס ניי קאָפּירן דעם גאַנצן דף. צוליב דער קליינער ענדערונג אינעם זאַץ־געבוי, צוליב דעם נאָכאַנאַנדיקן ישוב־הדעת פונעם שרייבער, איז דער קאָפּירער מחויב צו דובליקירן דעם גאַנצן בלאַט, אות נאָך אות, מיט דער געניער פּונקטאַציע.

דאָ באַשטעטיקט זיך צום אומצייליגסטן מאָל די סברה, אַז דער אחריותפולער קינסטלער איז קיינמאָל ניט דערזעטיקט מיטן אָפּגע־טאָנענעם. ער האַלט ניט, אַז ס׳איז דאָ אַ פּאַרענדיקטע שורה. ער איז ניט זיכער צי מען מעג שוין אוועקשטעלן אַ פּונקט און איבערמישן דעם בלאַט.

און אין דעם פּרט איז א. מ. פוקס אומקאָמפּראָמיסלעך. ער לייגט אריין אַזויפיל מי און ענערגיע אין בויען זיינע פּסוקים און דיאַלאָגן, ער באַלאָדנט מיט אַזויפיל בילדלעכע קאָמענטאַרן זיין ספּור־המעשה, אַז ס׳קומט ארויס דויערהאַפטיקע פּיראַמידן־אַרבעט. און נאָכפאָלגנדיק זיין גאַנג אין דער נייער פּראָזע פון דערציילונג צו דערציילונג, דאַכט זיך, אַז דאָס איז מחמת דער קינסטלער גלייבט אין דער אייביקייט פון דער יידישער שפּראַך.

ס׳איז אָבער געגונג איין גרינטלעכער שמועס מיט פוקסן און אָט די השערה פאַלט אוועק און פוקס ווערט פאַר דיר אַ שאַרפער ווידער־שפּרוך. דו וואונדערסט זיך, דער שרייבער וואָס לייגט אריין זיין גאַנצן קינסטלערישן מארך אויף פיילן און שלייפן די שפּראַך צווייפלט גאָר אין איר דויערהאַפטיקייט. יאָ, פוקסן נאָגט א ספק, צי די שפּראַך וועט אריבערלעבן זיין דור.

פון וואַנען נעמט זיך אָט דער אומגלויבן? צי דערפאַר ווייל פוקסן איז יאָרן־לאַנג באַשערט געווען צו וואוינען אין א לאנד, וואו דער דופק פון יידישן מאַסן־לעבן פולסירט ניט, וואו די געפאַר פון דער „הערשנדיקער קולטור״ דראָט און לאָקט? צי דערפאַר, ווייל פוקס איז געשטאַנען אונטערן איינפלוס פון געציילטע העברעאישע שרייבער, וואָס זיינען, אויך ווי ער געווען פאַרוואָרפן אויף א פרעמדן, אָפּגעזונדערטן אינזל און אין זייער אָפּגעפרעמדקייט, האָבן זיי געפרע־דיקט דעם צוריקקער צום העברעאישן מקור?

אַזוי צי אַזוי. די איזאָלירטקייט, די אָפּגעפרעמדקייט האָט זיכער געווירקט. און געווירקט שעדלעך, געווירקט אין אַזאַ מאָס, אַז פונעם אומשולדיגן צוויפל איז געוואָרן שטאַרקער פּעסימיזם, אומצוטרוי צו אַלדאָס אַרומיקע, אַ פּאַראַנויע, אַז די גאַנצע יידישע צעשפּרייטקייט איבער אַלע קאָנטינענטן איז פאַרגעגנגלעך.

מיט אַזוינע שטימונגען האָב איך פוקסן געטראָפן אין יאָר 1930, ווען כ'בין געקומען פון ארץ ישראל קיין ווין. אַלס לאַנג־יאָריקער תושב אין ארץ ישראל, האָב איך זיך באַמיט אים אויפצואווייזן, אַז טראָץ דער באַגייסטערונג, וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט פאַר דעם ארץ ישראל ישוב און פאַר דער נאַציאָנאַל־קאָנסטרוקטיווער ארבעט פון ישוב, קענען מיר אָבער זיך ניט פאַרגינען אויפצוגעבן די יידיש־פּאָזיציעס, וואָס זיינען צעוואָרפן איבער דער וועלט. איך, וואָס האָב געהאַט מיטגעמאַכט „ביידע וועלטן", סיי ארץ ישראל, סיי דעם גלות, האָב געזען — און כ'האָב געוואָלט אַז א. מ. פוקס זאָל אויך זען! — די שנורן וואָס קניפּן, פון איין זייט — דעם יונגן, געזונטן, יידישן ישוב מיט זיינע עטלעכע הונדערט טויזנט יידן, און פון דער אַנדער זייט — דעם גלות מיט די זיבעצן מיליאָן יידן. פוקס האָט זיך געווערט קעגן אַזאַ שטאַנדפּונקט. ער איז געווען באַוואָפנט מיט טעאָרעטישע באַווייזן און זעלבסטפאַרשטענדלעכע אויספירן. ער האָט פּרובירט צום אומצייליקסטן מאָל איבערצוצייגן אַז גלות איז שלילה און ארץ ישראל איז חיוב. און ווען ער האָט ניט געקענט בייקומען, האָט ער מיט צאָרן אויסגערופן:

— איר רעדט פּונקט ווי מלך ראַוויטש!

מיר איז ניט באַקאַנט ווי אַזוי מלך ראַוויטש פּלעגטריידן אין זיינע שמועסן מיט פוקסן. אָבער כ'בין זיך משער, אַז אים האָט אויך דאָס הארץ ניט געלאָזט מיט איין וויש אָפּמעקן אַלע יידישע קהילות פון דער וועלט־מאַפּע. כ'בין זיך אויך משער, אַז אין אַ דיסקוסיע צווישן ראַוויטשן און פוקסן איז ראַוויטש אַרויסגעקומען דער זיגער. ווייל וואָס, וואָס — ניט לגנאי צו איינעם און ניט לשבח דעם צווייטן ווערט דאָס געזאָגט — אָבער פוקס איז אַ שוואַכער דיספּוטאַנט. אין אַ וכוח קען מען אים לייכט מנצח זיין. זיין פּען איז שטאַרקער ווי זיין צונג. לייגט אַרויף אויף דער וואָגשאָל פוקסן שבעל־פּה און פוקסן שבכתב, און אָט די באַהויפּטונג מיינע וועט זיך באַשטעטיקן.

אָבער פוקסעס צוויפל־שטימונגען, זיינע ספקות, זיין שווערער פּעסימיזם, האָבן זיך אויך גענומען פון אויסערלעכע, אָביעקטיווע

השפעות. ער האָט שוין דעמאָלט געשפּירט דעם אָנקומענדיקן היט־לעריזם אין דעם שכנהשן דייטשלאַנד. ער האָט פאָרויסגעזען דעם סוף פון דעם אומאָפּהענגיקן עסטרייך, די פאַרניכטונג פון דער דייטשער, גייסטיקער אַריסטאָקראַטיע, צו וועלכער ער, פוקס, האָט געקוקט אַרויף.

א. מ. פוקס איז געווען א קרבן פון דעם עכטן דייטשן שיין־גייסט. ער איז אָבער אויך געוואָרן א קרבן פון דער עכטער דייטשער ברוטאַליטעט. די לעצטע יאָרן נאָכן אַנעקסירן עסטרייך, איז ער געוואָרן א פּליט. זיין היים — צעפּלינדערט, זיינע מאַנוסקריפּטן — פאַרניכטעט. און כ׳בין זיך משער אויף די ניין מאָס צאָרן, וואָס פוקס איז געווען באַרעכטיקט אויסצוגיסן פאַר זיין פאַטאַל־מקוים געוואָרענער נבואה.

אָבער דער שטילשטאַנד אין א. מ. פוקסעס שרייבערישער לאַבאָ־ראַטאָריע האַלט שוין אָן א שטיק צייט פריער. פאַר די לעצטע צען יאָר איז קיין איין נייע שורה זיינע ניט פאַרעפנטלעכט געוואָרן. איז דאָס אַ רעזולטאַט פון זיינע ספקות, פון זיינע שווערע איבערלעבונגען, פון זיין דערשלאָגנקייט? איז עס אַ פועל־יוצא פון צייטווייליקער רעזיגנאַציע? אָדער מיינט דאָס פולשטענדיקע, קינסטלערישע קאַפּי־טולאַציע?

אויף אַ בלאַט אין זלמן רייזענס לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור איז פאַרצייכנט אז א. מ. פוקס איז געבוירן געוואָרן מיט פופציק יאָר צוריק. פופציק יאָר פאַר א שרייבער מיינט א דאַטע. ס׳מיינט אוועקשטעלן א פונקט נאָך א פאַרענדיקט קאַפּיטל. ס׳מיינט מאַכן א באַלאַנס פון דעם ביז־אַהער.

קוואַנטיטאַטיוו קען א. מ. פוקס ביז איצט זיך רעפּרעזענטירן מיט אַ קליינעם באַגאַזש, אָבער קוואַליטאַטיוו — מיט אָנגעלאָדנקייט און פולקייט.

און אויף א. מ. פוקס, ווי אויף אַן ערשטראַנגיקן קינסטלער, ווי אויף אַן ערנסטן זוכער פון נייעם סטיל און נייעם נוסח ליגט דער חוב צו שטעלן מאָנונגען צו זיך אליין, אויסצופלאַנירן פאַר זיך ווייטערדיקע טריט פאַר נייע שעפערישע דערגרייכונגען.

די נייע יידישע בעלעטריסטיק קאָן ניט מישוה ווערן מיטן גע־דאַנק, אַז א. מ. פוקס, דער קינסטלער מיט דער שאַרפער דלאַטע און ראַפּינירטן שניץ־געצייג זאָל שוין, אין די בעסטע יאָרן פון מענטשלעכן לעבן, האָבן אויפגעגעבן זיין שאַפן. די יונגע יידישע פּראָזע האָפט נאָך באַרייכערט צו ווערן מיט קרעפטיקע ווערק פון דעם קינסטלער א. מ. פוקס.

ר ו ט א

(דערציילונג)

ב. דעמבלין

דער פּענסיאָנאַט „מאַטילדא" איז געשטאַנען אָפּגעזונדערט אין מיטן פון שיטערן, סאָסנאָוון וואַלד און איז געווען ארומגעצוימט מיט אַ נידעריק, געל־אָפּגעבליאַקעוועט, האָלצערן פּאַרקאַנדל. דאָס איז געווען אַן איין־שטאָקיק הויז אין אײדעלן צימרינג קאָליר, מיט געשניצטע, ווייס־געפאַרבטע טיר און פענצטער. אויפן אויבערשטן שטאָק, איבערן הויפּט אריינגאַנג, איז געווען אַ לאַנגער באַלקאָן מיט אַ ברייטער, ווענעציאַנער שויבן־טיר. אין אָפּגעצאַמטן גערטנדל, אויף ביידע זייטן פון שמאָלן, פיין אויסגעלייגטן סטעזשקעלע זיינען געווען צוויי אָוואַלע בלומען בייטלעך ארומגעזוימטע מיט ווייס־געקאַלכטע שטיינער.

אַן אײדעלער אומעט, אַ שטילע רעזיגנירטקייט האָט געוויעט פון דעם דאָזיקן הויז, אַן אומעט, וואָס רעדט אַזוי נאָנט צום מידן, רעזיגנירטן מענטש. און מאַלין איז דענסטמאָל געווען אזוי מיד! די גרויסע שטעט, פּאריז און וואַרשע, האָבן אים אָפּגעמידיקט און פאַרטעמפּט. זיין אויג איז אין די שטעט געוואָרן בלינד צו פאַרבן, זיין אויער טויב צו קלאַנגען, זיינע פינגער האָבן פארלאָרן די ווייכקייט, די בויגעוודיקייט, וואָס איז אַזוי נויטיק פאַר דעם מאָלערישן פּענזל. שוין פון וואָכן ווי די אָנגעוואָרפענע פאַרבן אויף זיין פּאָלעטרע האָבן געטריקנט. דאָס אָנגעהויבענע שטיל־לעבן איז געשטאַנען איינגעשרויפט אין געשטעל פונקט ווי ער האָט עס געלאָזן מיט וואָכן צוריק.

מאַלין איז אָנגעקומען אין דעם פּענסיאָנאט אריין אין שפּעטן מערץ. די באַלעבאָסטע, אַ הייכטוועלטיקע, מיטליאָריקע דאַמע מיט צופרידן־גלאַנציקע בעקעלעך, מיט קלוגע, בלאָע, אומרואיקע אויגן, מיט אַ געלעכטערל, וואָס בלויז ווייבער, וועלכע זיינען געוואוינט צו קוקן אין פרעמדע שליסל־לעכער האָבן, האָט אים באַגעגנט אין דער טיר מיט אַ סוחריש אויפנעם שמייכעלע. ווי אַ געניטער האָטעל־מענטש האָט זי דעם גאָסט געטאָן אַ מעסט אָפּ צוזאַמען מיט זיין באַגאַזש צו זען ווי ווייט זיין טאַש גרייכט. דערזעענדיק צווישן זיינע וואַליזעס דעם צונויפגעלייגטן געשטעל מיט דעם מאָלערישן

קעסטעלע פאַר פאַרבן, האָט איר פּנים באַקומען א זיסע מינע און זי האָט צו אים אַ זאָג געטאָן אויף פּויליש:

— איך זע דאָך אַז דער פּאַן איז אַן „אַרטיסט". אַן אַרטיסט האָט דאָך ליב אַ שיינעם זון אויפגאַנג...

— דאָס איז גראָד ניט וויכטיק, האָט מאַלין זי געטאָן אַ קלאַפּ אַראָפּ פון דער סוחרישער זיכערקייט. דער עיקר ביי מיר איז א גרויס צימער.

זי האָט דעם גאַסט אַריינגעפירט אין דעם באַלקאָן־צימער מיט דער ברייטער ווענעציאַנער שויבן־טיר. עס איז דאָרטן געשטאַנען אַ ווייס־זייבער בעט, אַ שוואַרץ צעראַטן קאַנאַפּקעלע מיט אַ קאָפּ־אַנלעין, א טישל מיט צווי ווינער שטולן, א ווייס־עמאַלירטע וואַש־שיסל אין אַ בלאַען געשטעל, א פולער קרוג מיט וואַסער און אַ ליידיק גלאָז דערנעבן.

— דער פּאַן וועט זיך ביי אונז פילן זייער גוט האָט די באַלע־באַסטע, שטייענדיק אין דער טיר, זיסלעך אַ זאָג געטאָן. ביי אונדז שטייען אלעמאָל איין אַרטיסטן. זי איז שוין גרייט געווען אים אויס־צורעכענען וואָסער געהויבענע לייט דאָ שטייען איין, דערזעענדיק אָבער מאַלינס אומגעדולדיק פּנים האָט זי אָפּגעהאַקט, געזאָגט „דאָווידזעניאַ" און פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר.

מאַלין האָט אויסגעפּאַקט זיינע וואַליזעס, אוועקגעשטעלט אַ בראָנ־זענע קרוג מיט פּענזלס און בערשטלעך אויפן טיש, דעם געשטעל מיטן אָנגעהויבענעם שטיל־לעבן אין ווינקל און איז אַראָפּ אין וואַלד אַריין.

עס איז געווען א זוניקער נאָכמיטאָג. דער וואַלד האָט געשמעקט מיט יונגן, מאַרצאָווע פרילינג. די ביימער האָבן שטיל און עקשנותדיק, טראָפּן נאָך טראָפּן, זיך באַפרייט פון די ווייסע שניי־קישעלעך, וואָס האָבן אַראָפּגעשווערט זייערע געדיכטע, גרין־גאָלדיקע צווייגן. דער מאָך, אונטער די פיס, איז געווען ווייך און פּליושיק און האָט פאַר־שלונגען אין זיך די טריט, ווי א טיפער, ווייכער דיוואַן.

מאַלין האָט געשפּאַנט גיך אַרויס פון צווישן די ווילעס, וייטער אַוועק אין געדיכטערן וואַלד אַריין. עס איז געווען שטיל, די צעגאַנגענע שניי־טראָפּנס פון די ביימער האָבן ריטמיש געקלאַפּט איבער זיינע אַקסלען, אויף זיין קאָפּ. פון ערגעץ האָט זיך אָנגע־טראָגן דאָס טרוקענע קרעכצן פון רעדער איבער אַ זאַמדיקן שטעג. פון צווישן די געדיכטע קוסטן און ביימלעך האָבן איבערגעשראָקענע ווילדע קאַטשקעס און קוראָפּאַטקעס זיך געטאָן א הייב אויף די פליג־

לען און מיט אַ געפּלאַטעריי זיך צעטראָגן אין דער לופט, פאַרלוירנ־ווערנדיק אין וואַלד.

דער שפּאַציר איז געווען פאַר מאַלינען ווי אַ גערדיכטער שפּריי־רעגן פאַר אַן אומגעפאַלן, פאַרטרוקנט בלימל. גייענדיק האָט ער געפילט ווי די מידקייט פאַלט פון אים אַראָפּ פּונקט ווי אַן איבעריקער, שווערער בגד. וואָס ווייטער אין וואַלד אַלץ גרינגער און זינגעוודיקער איז זיין טריט געוואָרן. זיין האַרץ האָט זיך געעפנט פאַר דער שטילקייט, ווי אַ רייפע קנאָספּ עפנט זיך פאַר דער וואַרעמקייט פון דער זון.

צום ערשטן מאָלצייט איז מאַלין געקומען שפּעט. מיט זיין אַריינ־קום איז אין עס־זאַל געוואָרן שטיל. די שטילקייט איז אַנגעשטאַנען, צוליבן דערזען אַ נייעם מענטש, מיט אַן אימפּעטדיקן, געזונטן גאַנג, וואָס מען איז ניט געוואוינט צו זען אין די אַטוואַצקער פּענסיאָנאַטן, בפרט אין מערץ, ווען די געסט זיינען „געבליבענע״, אַלטע אָדער אפילו יונגערע לייט, וואָס גייען פּאַוואָליע, הוסטן פּאַוואָליע און דערציילן זיך פּאַוואָליע פון זייער „אַמאָל, אַמאָל״. און דאָ, פּלוצים, שטעלט זיך צווישן זיי אריין אַ יונג פון אַ יאָר דרייסיק מיט א צעווינטלטן קאָפּ געדיכטע האָר, און אָנגעטאָן איז ער אין אַן אויסגעפּאַסט ברוין שאָפּן־פעלצל, אויסגעצייט און אויסגעהאָפּטן מיט אַלע בונטע קאָלירן, וואָס די פּוילישע באַרג־לייט טראָגן ביי זייערע קאַרנעוואַלן און פּאָלקס יום טובים. דערצו נאָך טראָגט ער אַ פּאָר גרינלעכע, געפּאַסטע רייט־הויזן מיט וואָלענע וויקל־שנורן אַרום די ליטקעס און ברוין־יוכטענע, מעש־געהאַקלטע שיך ביז איבער די קנעכלען. דאָס אַלץ האָט אים געמאַכט אויסזען ניט נאָר דין און הויך נאָר אויך ריטערלעך־רירעוודיק.

ביי זיין אַריינקום איז די באַלעבאָסטע גיך אויפגעשטאַנען פון איר שטול און מיט איר סוחריש שמייכעלע אים געפירט צום אַנדערן עק פון לאַנגן טיש, ווי זי וואָלט בכיון געוואָלט אונטערשטרייכן אַז זי שאַצט אָפּ זיין קינסטלערישקייט און וויל אים ניט זעצן צווישן די „פּראָסטע״ געסט. צוליב דעם טאַקע האָט זי אים ניט פאַרגעשטעלט פאַר די מענטשן אַרום טיש און ניט זיי פאַר אים.

חוץ דער באַלעבאָסטע זיינען געווען נאָך פינף מענטשן ביים טיש. אַנטקעגן אים, אָפּגעזונדערט פון די איבעריקע געסט, פּונקט ווי ער, איז געזעסן אַ מיידל מיט שוואַרצע, גלאַטע האָר, פאַרקעמט אין אַ מיטלסטן שרונט. די הויט פון איר פּנים איז געווען פון אַ גרינלעכן אַליוור־קאָליר. אירע ווייכע, סאַמעטענע אויגן זיינען

געווען אביסל קרומלעך. דאָס האָט איר פּנים געגעבען אַ געמיש פון נאַאיווער מיידלשקייט מיט אומהיימלעכער, ווייבערישער דערפאַרנקייט. די קלוגענקע באַלעבאָסטע האָט ווייזט אויס בכיון געזעצט דעם נייעם גאסט אנטקעגן דעם מיידל. אויב ניט אַלס מאַן, דאַרף אַזאַ מיידל אים געוויס פאַרכאַפּן אַלס קינסטלער.

אין אַנדערן עק טיש איז געזעסן די באַלעבאָסטע מיט נאָך פיר געסט, דריי ווייבער און איין מאַנסביל. דאָס איז געווען אַן אַלטער געגאַלטער ייד מיט אַ פאַרמעטן פּנים אין אַן אַריסטאָקראַטיש זיידן קאַפּל. ביי יעדן צווייטן וואָרט האָט דער ייד געזאָגט אויף פּויליש: „באָגו־דזשענקי״. אין זיינע הייזער, אין וואַרשע, צאָלט מען „באָגו־דזשענקי״ דירה געלט ראַיעל און אין צייט. ער האָט „באָגו־דזשענקי״ געוואוסט וואו צו אינוועסטירן זיין געלט ס׳זאָל זיין געזיכערט און ברענגען הויכע פּראָצענטן...

די דריי ווייבער ארום דעם ייד זיינען געווען ווי דריי טרעפּ. אַן אַלטע פרוי, אַ הויכע, אין א זיידענעם, שווארצן שאַל אויפן קאָפּ ביז איבער די אַקסלען; אַ יונגע פרוי מיט אַ ריזיקן ביוסט און אַ דאַר מיידל מיט ארויסגעזעצטע, גלעזערנע אויגן און אַ כריפּענדיק קול.

מאלין איז נאָכן עסן אויפגעשטאנען פון טיש מיט אַ געפיל פון דאַנקבארקייט צום צופאַל, וואָס אַזוי ווינציק מענטשן זיינען דאָ אין דעם פּענסיאָנאָט און די וואָס זיינען יאָ דאָ, אינטערעסירן אים אַזוי ווייניק, אָט, פּונקט ווי שאָטנס, שאָטנס וואָס שוועבן פאַרביי שטיל און אומבאמערקט.

**
*

דעם גאַנצן נאָכמיטאג האָט מאַלין פאַרבראַכט אין וואַלד. ער איז אַ סך געגאַנגען, געהאט הנאה פון פאַרבלאָנדזשען אין טונקעלע ער־טער, צווישן נידעריקע קוסטן און ווילד געוויקס. דערנאָך, אז ער איז מיד געוואָרן האָט ער זיך אויסגעצויגן אונטער אַ סאָסנע בוים, אויף די ווייכע, אָראָפּגעפאַלענע, געל־געוואָרענע נאָדלען, פאַרלייגט די הענט אונטערן קאָפּ און געקוקט דורך דעם צווייגן־געפלעכט צו דעם בלאָען הימל, צו דעם וואונדערלעכן שפּיל פון די מילדע זון שטראַלן, וואָס זיינען געפאַלן אויף אים. אין אָוונט, נאָך וועטשערע, ווען די פּאָר געסט האָבן זיך ארומגעזעצט ארום א טישל שפּילן דאָמינאָ, איז ער אַרויף צו זיך אין צימער. עס איז געווען וואַרעם. דער וויס־קאַכלענער אויוון איז געווען פריש אונטערגעהייצט. דער טיש־לאָמפּ

מיט דער גרין־פֿאַרצעלייענער שיין האָט געברענט און געוואָרפֿן א ווייך, מאַט ליכט אויפֿן דיל, אויף די ווענט און א שאַרף־ליכטיק רעדעלע אויפֿן סופֿיט. מאַלין איז געלעגן אויף דער קאַנאַפּע מיט די הענט אונטערן קאָפּ און געקוקט אויף דעם אָנגעהויבענעם שטיל־לעבן, וואָס איז געשטאַנען איינגעשרויפֿט אין געשטעל אנטקעגן אים. מאַ־לינען איז איצט דאָס אָנגעהויבענע בילד לחלוטין ניט געפֿעלן געווען. די פֿאַרבן זיינען אים פֿאַרגעקומען רוי און האַרט. נאָך ערגער איז אים פֿאַרגעקומען דער גלעזערנער קרוג און דאָס וואַסער אין אים. ער האָט פּלוצים איינגעזען אז ער האָט לחלוטין פֿאַרפֿעלט ארויסצו־ברענגען דעם עפֿעקט, וואָס וואַסער שאַפֿט, אָט די איידעלע דורכזיכ־טיקייט פֿון יאָ זיין און ניט זיין.

— שלעכט, פֿאַלש! האָט ער צו זיך אליין גערעדט. אזוי טאָר מען ניט מאַלן!

אינדערפֿרי, איידער ער האָט זיך גענומען צו דער ארבעט, איז ער ווידער אַראָפּ זיך איבערגיין אין וואַלד. ער האָט בכיון אויס־געמיטן די ווילעס מיט די אויסגעטראָטענע שטעגעלעך וואו די קרענקלעכע פּעסיאַנאַטניקעס קריכן אַרום. דעם גאַנצן וועג האָט ער קיינעם ניט באַגעגנט. ערשט אויף זיין צוריקגאַנג האָט ער פּלוצים דערזען צווישן די ביימער א פֿרויען געשטאַלט. זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ גראָ קאָסטיומל, א קליין היטעלע מיט אַביסעלע רויט, אזוי זייטיגלעך, צום אויער צו און א האַנט־בייטל אין דער רעכטער האַנט.

פֿון וויטנס האָט מאַלין די פֿרויען־געשטאַלט ניט דערקאַנט. ערשט קומענדיק נענטער האָט ער זיך געכאַפּט אַז דאָס איז זיין טיש־שכנה.

— „דזשען דאָברי פּאַנאָ", האָט זי אַ זאָג געטאָן.

מאַלין האָט גיך אַ צי געטאָן זיין ווייך־ספּאָרט היטל, שיעור ניט ביז דער ערד, ווי אַן אמת פּוילישער שליאַכטשיץ:

— „דזשען דאָברי פּאַניאָ", האָט ער איר געענטפֿערט און אַוועק זיין וועג. אָפּגייענדיק עטלעכע טריט האָט ער דערפֿילט דעם מיידלס אויגן אויף זיין פּלייצע. כאָטש ער האָט זיך ניט אומגעקוקט האָט ער דאָך „געזען" אַז דאָס מיידל האָט זיך אָפּגעשטעלט און קוקט אים עקשנותדיק נאָך. אים איז מיט איינמאָל אויפֿפֿאַלנד געוואָרן דאָס, וואָס דאָס מיידל האָט אים באַגריסט נאָך איידער זי איז רעכט נאָענט געווען לעבן אים, עפּעס ווי זי וואָלט מורא געהאַט טאָמער גייט ער זי פֿאַרביי אומבאַמערקט און איר איצטיק שטיין און נאָכקוקן מוז

אוודאי זיין צוליבן פֿאַרדרוס, וואָס איר פּרואוו אים אָפּצושטעלן און פֿאַרפֿירן אַ שמועס האָט זיך איר ניט איינגעגעבן.

שפּעטער, ביי פֿרישטיק, האָט ער באַמערקט אַז דאָס מיידל, אנשטאָט זען וואָס עס טוט זיך ביי איר אין טעלער, האלט זי גאָר די אויגן אויף אים, ווי זי וואָלט געוואָלט אים צווינגען אויף אַ שמועס. און עפּעס האָבן אירע קרומלעכע אויגן איצט געגלאַנצט מיט אַ פֿייערל פֿון איראָניע, אַ בליקעלע וואָס האָט אים אומרואיק געמאכט.

— דער פֿאָן גייט זיך אַזוי אליין שפּאַצירן, האָט זי פּלוצים און דרייסט זיך צו אים געווענדט אין אַ טאָן, וואָס האָט געקאָנט זיין אי בייזער פֿאָרוואורף, אי פּשוטער חידוש.

מאלין האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ. דעם מיידלס דרייסטקייט האָט אים אינטריגירט. אוודאי האָט ער געוואוסט אַז פֿאַר אַזאַ מיידל דאַרף פֿרעמד זיין דאָס „מין" אליין גיין שפּאַצירן, בפֿרט אויף דער נאַטור, אין וואלד, וואו זי, פּונקט ווי אלע שטאָט-לייט, האָט מסתמא ליב צו גיין סטאַדעסווייז, טומלען, זינגען און אַזוי אַרום פֿאַרשרייען די אינערלעכע פֿוסטקייט, וואָס די שטאָט לאָזט אין מענטשן איבער. אָבער אַזאַ דרייסטקייט?

— יאָ, האָט ער איראָניש אַ זאָג געטאָן, איך האָב זייער ליב אליין צו שפּאַצירן, און זיך צוריקגענומען טרינקען זיין קאַווע, גלייך מער וואָלט אים דער שמועס ניט אינטערעסירט.

ביי מיטאָג האָט דאָס מיידל ווידער צוגעוואָרפֿן אַ וואָרט וואָס האָט אים געקלונגען אי ווי אַ פֿאָרוואורף, אי ווי נאַאיווע נייגעריקייט:

— דער פֿאָן איז אַזוי פֿאַרנומען, מען זעט אים ניט אויף דער וועראַנדע.

— יאָ, האָט ער אויס העפֿלעכקייט איר געענטפֿערט, איך בין דאָ שטאַרק פֿאַרנומען.

— דער פֿאָן איז דאָכט זיך אַן אַרטיסט? האָט זי גענומען ווייטער ציען דאָס געשפּרעך, דערביי אויפֿשטעלנדיק זיך פֿון טיש גלייך מיט אים.

— אַ מאָלער, האָט מאַלין געענטפֿערט און געגאַנגען איבערן זאַל אין קאָרידאָר אַריין.

— אָ, זייער אינטערעסאַנט, האָט דאָס מיידל געזאָגט גייענדיק לעבן אים, גלייך זי וואָלט שוין געווען זיין באַגלייטערן. — קאָן מען אפשר זען דעם פֿאָנס אַרבעטן?

מאַלינען האָט שוין אָנגעהויבן ערגערן דעם מיידלס צודרינגלעכקייט. צודרינגלעכקייט פון אַ פרוי איז אַמאָל אָנגענעם. מען דאַרף אָבער זיין גרייט, אויב ניט פאַר דער צודרינגלעכקייט, איז, וויבציקסטנס, פאַר דער פרוי. ער אָבער איז דאָך אַנטלאָפן פון דער שטאָט, ווייל ער איז געווען מיד פון דער צודרינגלעכקייט פון פרויען, וואָס געוויינלעך האָבן זיי קיין ברעקל פאַרשטענדניש פאַר דער קינסטלער נאַטור, פרויען, וואָס ווילן דעם קינסטלער, בלויז אים צו פענטן ווי יעדן מאַן, צאַמען אים, האַלטן אים ארום זיך, מיט זיך און אין זיך!

— ניין, פריילין, האָט ער שאַרף אַ זאָג געטאָן, עס פאַרדריסט מיך, מיינע זאַכן קאָן מען זען נאָר אויף אויסשטעלונגען!

***

עס זיינען אוועק עטלעכע טעג. די מיטגעבראַכטע, שטאָטישע מידקייט איז אוועק. מאַלין האָט אַ סך געאַרבעט און נאָך מער געשפּאַצירט אין וואַלד. דאָס מיידל האָט אים מער ניט באַאומרואיקט. ביים טיש, בעת די מאָלצייטן, איז זי געזעסן א שטילע. די עטלעכע ווערטער, וואָס זי פלעגט דורכוואַרפן מיט די אַנדערע געסט האָט מען אויך פון איר ניט געהערט, און זי האָט ווינציק געגעסן. און ווען אירע אויגן האָבן זיך באַגעגנט מיט מאַלינס האָט ער אין זיי געפילט יענעם בליק, וואָס נאָר פאַרוויטיקטע, באַעוולטע פרויען האָבן ווען זיי באַשליסן פלוצים צו ווערן דרייסט און צודרינגלעך און זייער דרייסטקייט און צודרינגלעכקייט ווערט אָפּגעוואָרפן.

עס איז געוואָרן אַפּריל. אין פענסיאָנאַט אריין איז געקומען א נייער גאַסט. דאָס איז געווען א יונגע פרוי מיט א סך לעדערנע וואַליזעס און וואַליזקעלעך, וואָס דער פענסיאָנאַט שגץ מיטן גלאַנציקן, מעשענעם „מאַטילדא" שילדל אויפן היטל האָט איר נאָכגעטראָגן. זי איז אָנגעקומען עפּעס ווי אויף מאַלינען ארויף. ווען זי האָט געעפנט די דרויסן טיר אויף אריין האָט מאַלין געעפנט די אינוויינקסטע טיר אויף אַרויס. אזוי ארום האָבן ביידע זיך צענויפגעטראָפן אין דעם פיצינקן, פיר־קאַנטיקן קאָרידאָרל, צווישן די צוויי פאַר טירן.

צום אָוונט־ברויט האָט מאַלין געפונען דעם נייעם גאַסט ביים טיש, לעבן דעם שוואַרצן מיידל, פונקט אנטקעגן אים. ערשט איצט, אויסגעשיילט פון די ווינטערדיקע אָנטועכצן, האָט ער געזען פאַר זיך אַ יונג מיידל, אפשר פון צוויי און צוואַנציק יאָר, אָנגעטאָן אין אַ דין, ענג־אויסגעפּאסט, אראַנדזש־קאָלירטן סוועטערל. ווי תמיד א נייער

גאַסט, איז זי געזעסן שטיל און ניט דרייסט. עס האָט זיך אָבער געפילט אין איר שטיל־זיין מער ווי געוויינלעכע ניט דרייסטקייט פון אַ פריש געקומענער. עפּעס אַ שטילע מעלאַנכאָליע האָט פון איר געווייעט. אירע באַקן, כאָטש יונגע און אַזוינע פיין פאַרמירטע, האָבן ווי אַראָפּגעהאַנגען פון די באַקן־קנאָכן, ווי זיי וואָלטן גאָרניט באַהעפט געווען, ווי זיי וואָלטן ניט געווען צענויפגעוואַקסן. איר שטערן, אַ יונגער, אָן איין קנייטשעלע, האָט געגלאַנצט מיט אַ קרענקלעכער געלקייט. אַרום אירע אויגן האָבן זיך געגרונדיקט טיפע, שוואַרצע רינגען, פּונקט ווי זי וואָלט געטראָגן ברילן־רעמלעך אָן גלעזער. און די אויגן אַליין — גרויס, מאַט, אויסגעלאָשן, קיין סימן ניט פון יענעם יוגנט־גלאַנץ, פון יענעם באַגער־בליאַסק, וואָס אויגן פון צוויי און צוואַנציק יאָריקע פרויען וואַרפן פון זיך.

כאָטש די וועטשערע איז געווען זייער אַ געהויבענע: לעבעדיקע קאַרפּ געקאָכט אין פּוטער, באַטעמטע שוואָמען־גריצלעך, כרעמזלעך פון גריינסן, מאַרינירטע און געקאָכטע פרוכט, אויסלענדישע קאַקאַאָ און זיס געבעקס, האָט דאָך דער נייער גאַסט ניט אַרויסגעוויזן קיין באַגער, קיין אַפּעטיט צו די מאכלים.

נאָכן עסן האָט די באַלעבאָסטע אָנגעשטעלט די ראַדיאָ. ווי אַ גוטער געשעפטסמענטש האָט זי געוואָלט די פּאָר געסט אויפהייטערן. די פרוי מיט דעם מעכטיקן ביוסט האָט גענומען דאָס מיידל מיט די גלעזערנע אויגן און זיך אַוועקגעלאָזט איבער דער גליטשיק־געוואַקס־טער פּאָדלאָגע אין אַ לייכטן וואַלץ. דער נייער גאַסט אָבער האָט זיך ניט געלאָזט אַריינציען אין טאַנץ. זי האָט זיך אַריינגעזעצט מיט דעם שוואַרצן מיידל, איר טיש שכנה, אין אַ ווייך קאַנאַפּקעלע, לעבן ווייס־קאַכלענעם אויוון, פאַרטיפט אין אַ שמועס, גלייך זיי וואָלטן שוין געווען לאַנגיאָריקע פריינט.

צומאָרגנס,ביים פרישטיק און נאָך מער ביים מיטאָג, האָט מאַלין עפּעס פון ביידע מיידלעך אַנטקעגן אים אָפּגעפילט איין און דעם זעלבן בליק. עס איז געווען אַ בליק פון אָפענער פיינטשאַפט און פאַראַכטונג. ער האָט פאַרשטאַנען אַז מסתמא האָט דאָס שוואַרצע מיידל פאַרטרויט דעם ניי־געקומענעם גאַסט ווי ניט דזשענטלמעניש, ער האָט אָפּגעוואָרפן אירע מיידלשע דרייסטקייטן. די פרוי אין דעם ניי־געקומענעם מיידל האָט זיך צוליב דעם אוודאי געפילט פּונקט אַזוי געקרענקט ווי יענע. איז, דעריבער, אָן אפילו צו רעדן אַ וואָרט צו מאַלינען האָט זי אים אויך אָנגעהויבן האַסן און פאַראַכטן.

מאַלינען האָט די מעשה גאָר אמוזירט. נאָכן עסן האָט ער, אין זייער אָנוועזנהייט, אָנגעטאָן זיין פּילפּאַרביק אויסגעהאָפטן פּעלצל מיט איבערטריבענעם שטאָלץ. ער האָט ארויפגעכאַפּט וואוילעריש דאָס היטל אויפן קאָפּ, ענגער געמאַכט די וויקל־זאָקן ארום די ליטקעס און זיך אוועקגעלאָזט האַפּערדיק און גרינג קיין אָטוואָצק.

אויף זיין וועג צוריק האָט אויסגעבראָכן א פרילינגדיקער שווערער רעגן. מאַלין האָט געשפּאַנט אין זיין אויסגעפּאַסטן הולך, אונטער דעם רעגן, מיט אן אינערלעכער, זינגעוודיקער פרייד.

עפּעס איז פאַראַן אין דער געפּאַסטקייט פון אָנטועכץ, וואָס גיט דעם מענטש א מין רירעוודיקייט, א מין ריטמישקייט אין גאנג, וואָס מען האָט ניט אין געוויינלעכע מלבושים.

מאַלין איז געגאנגען גיך, ניט כדי פריער אָנצוקומען אין פּענסי־אָנאַט, צו אַנטלויפן וואָס גיכער פון רעגן, נאָר ווייל דער גיכער גאַנג האָט אים געוואַרעמט און געהייטערט. די רעגן־טראָפּנס אויף זיין היטל און אויף זיין לעדערן פּעלצעל האָבן אים געקלונגען ווי אַ שטיל־אָנגענעמע, באַגלייט מוזיק.

א פרילינג רעגן אין וואלד איז א פריידיקע איבערלעבעניש. מיט איינמאָל באקומט דער וואַלד אן אַנדער פּנים. אָט נאָר וואָס איז די לופט פול געווען מיט א געטצוויטשעריי פון פייגל, מיט אן אימפּעטדיק געפּאַך פון פליגעלעך און שוין איז שטיל מיט א שווערע שטילקייט, גלייך קיין לעבעדיק באַשעפעניש וואָלט אין וואַלד ניט געווען. אָט נאָר וואָס זיינען די ביימער געשטאנען שלאנקע, האָפּערדיקע, מיט פאַרריסענע קעפּ ארויף צו דער זון און שוין שטייען זיי אזוי הכנעהדיק אַראָפּגעבויגן און לאָזן זיך מיט גרויס געדולד און טיפן תענוג שמייסן און קעמען פון די רעגן־בייטשן. און פונקט ווי די פייגל און די ביימער ווערן איינגעשרומפּן און הכנעהדיק, אזוי ווערט די זאמדיקע, שטענדיק דורשטיקע ערד האָפּערדיק. עס דאַכט זיך ווי זי וואָלט פּלוצים אויפגעפרישט געוואָרן, ווי זי וואָלט זיך געעפנט אין מיליאָנען מיילער און דורך יעדער עפענונג, דורך יעדער שפּעלטעלע ציט זי אין זיך אריין די זיסע רעגן־טראָפּנס און טרינקט און קאָן אַלץ דאָס פאַרטריקנטע, זאַמדיקע האַרץ צו דער זעט ניט אָנטרינקען.

מאַלין איז ארויס פון וואלד און זיך פאַרנומען מיטן זייטיקן וועג פאַרביי א קליין געוועלבל. אויף דעם ווערענדעלע פון דעם געוועלבל האָט ער פּלוצים דערזען ביידע מיידלעך פון זיין פּענסיאָנאַט, די

שווארצע מיט דער ניי־געקומענער. זיי זיינען בײדע געשטאַנען אײנ־געטוליעט, איינע לעבן דער אנדערער, ווי צוויי איינגעשרומפענע הינער און געקוקט ווי דער רעגן פאַלט אויף די ביימער, אויפן בריקל, אויף דער זאַמדיקער ערד, וואָס וויל אַלץ ניט פייכט ווערן.

נאָך פון וויטנס האָבן זיי געזען ווי מאַלין שפּאַנט צווישן די ביימער אין וואַלד, גלייך און האַפּערדיק, ווי עס וואָלט גאָר קיין רעגן ניט געווען. ווי געוויינלעך פּרויען, האָט אויך זיי שטאַרק אימפּאָנירט זיין אויסגעפּאַסטער הולך; די רייט־הויזן מיט די וויקל־זאָקן און דאָס פאַרביק אויסגעהאַפּטן פּעלצל, אַט דאָס אַלץ וואָס האָט צוגעגעבן אַזויפיל שוואונג און ריטם צו זיין גאַנג און דער עיקר דאָס, וואָס ער שפּאַנט אַזוי פריי אונטער דעם רעגן בעת זיי, כאָטש זיי האָבן אַ שירעם און טראָגן וואַרעמע ווינטער מאַנטלען וואָגן זיי ניט צו פאַרלאָזן ס׳דעכעלע איבער זייערע קעפּ.

עס האָט געמוזט זיין אַן אָפּרייד ביי די מיידלעך, זעענדיק מאַלינען אָנקומען, אים צו פאַרהאַלטן, און טאָן זאָל דאָס דוקא יענע, וואָס האָט אים שוין איינמאָל געפּרוּווט אָפּשטעלן און דורכגעפאַלן מיט איר דרייסטקייט:

— דער פּאַן ווערט אַזוי נאַס, האָט זי אַ זאָג געטאָן פון אונטערן דעכעלע אַפּער, ווי נאָר מאַלין האָט זיך דערנענטערט. — אפשר וויל דער פּאַן ארונטער אונטער אונדזער שירעם?

מאַלין האָט פאַרהאַלטן זיין טראָט. זייער שטאָלץ האָט ער אוועק־געשטעלט זיין רעכטן פוס אויף דעם וועראַנדע־טרעפּל, געקוקט ארויף צו די צוויי מיידלעך מיט יענעם פון אויבן־אַראָפּ־בליק, וואָס דער שטאַרקער האָט אַלעמאָל, קוקנדיק אויף דעם ציטערדיקן און שוואַכן. עפּעס איז אים ניט געפעלן זייער געלעכטערדיק איבערקוקן זיך.

— אַ דאַנק, האָט ער געזאָגט. אין דעם פּעלצל, אין די ספּאָרט שיך מיט די וויקל־זאָקן, מעג איך שפּאַנען אין אַלע רעגנס. דערביי האָט ער עכט ריטערלעך אַ צי געטאָן דאָס היטל: „דאָווידזעניע”! און איז אַוועק זיין וועג.

נאָך דער מעשה האָט מאַלין באַמערקט אַז דאָס שוואַרצע מיידל האָט זיך מער ניט געוויזן צום טיש און דער נייער גאַסט, וואָס איז איצט געבליבן אליין אנטקעגן אים, האָט גאָר אָפּן אים ארויסגעוויזן איר האַס. דערנאָך איז ער פון דעם קאַמער־שיקסל, וואָס רוימט די צימערן, געוואָר געוואָרן אז דאָס מיידל איז קראַנק געוואָרן, אַז מען

ברענגט איר עסן צום בעט און אז זי פּאַקט זיך אָוועקצופאָרן. צוליב אים, זאָגט זי, וועט זי מער דעם עס־זאַל ניט אָנקוקן.

**
*

בלויז עטלעכע טעג זייַנען אַוועק און דאָס נייַגעקומענע מיידל איז געוואָרן גאָר אַן אַנדער מענטש. עס איז מיט איר פאָרגעקומען יענער נס, וואָס עס קומט פאָר מיט אַן אויסגעצערט, אומגעוואָרפן בלימל אין פעלד. ווי נאָר דאָס בלימל דערפילט פרישע זאַפטן אונטער די דינע וואָרצלען, אַ וואַרעמע זון איבער דעם פאַרחלשטן קעפּל, הייבט דאָס גרינע שטענגעלע אָן צו ווערן פולער, קרעפטיקער ביז עס גלייכט זיך אויס צו נייַ לעבן, צו ווייטער וואַקסן.

דאָס ליגן שעהן נאָכאַנאַנד אויף דער וועראַנדע אין אַ באַקוועמער ליג־שטול, די יונגע פריילינגדיק־מילדע זון, די שטילקייט פון וואַלד, דאָס האַפערדיקע צוויטשערן פון די שפּערלען, קוקאַווקעס און פּיק־האָלצן, האַוועדיק פון בוים צו בוים האָבן דאָס מיידל ממש אויפגעטייעט. אין איר איז ווידער אָנגעשטאַנען דאָס רווישיקע, יונג־מיידלשע לעבן. אירע בלוטן, געקרעפטיקטע האָבן ווידער געריזלט גיך און אימפּעטדיק. אירע האָר, וואָס זייַנען פריער געווען אַזוי פאַלענדיק און מאַט, האָבן צוריק באַקומען זייער לעבעדיקן גלאַנץ, זייער זיידיקייט און זייַנען מיט איינמאָל אויפגעלאָקט געוואָרן. אויך דאָס געלקייט פון איר פּנים און דאָס קרענקלעכקייט פון איר שטערן איז אַוועק. אירע אויגן האָבן צוריק באַקומען יענעם בליאַסק, וואָס נאָר יונגע, גאַרענדיקע אויגן האָבן, און איר קליין, איידל געפאָרמט מויל איז געוואָרן פולער, די ליפּן רויטער, זאַפטיקער און אַ דינע סענסועלקייט האָט זיך צעשפּילט אַרום אירע מויל־ווינקלען.

מיט יעדן טאָג לענגער זייַן אין פּענסיאָנאַט האָט מען באַשייַפערלעך געזען ווי פון דעם מיידל ווערט אויסגעוועפּט דער באַגער נאָך רו, וואָס זי האָט געהאַט ביים אָנקומען אַהער. זי האָט מער ניט געקאָנט איינליגן אין דער ליג־שטול. זי האָט זיך געלאַנגווייליקט מיט די פּענסיאָנאַט געסט, וואָס גייען אַזוי פּאַוואָליע, רעדן פּאַוואָליע און האַלטן אין איין נאָכפרעגן זיך ווי מען פילט, צו מען איז גוט געשלאָפן און וואו מען האַלט מיטן אַפּעטיט. אין איר איז צוריק אָנגעשטאַנען אַן אומרואיקייט, אָט יענע אומרואיקייט וואָס איז דער סאַמע תוך פון יונג לעבן. זי האָט איצט איינע אליין זיך אָפּט אַוועקגעלאָזט אויף לאַנגע שפּאַצירן, אַריבער די באַן־רעלסן, אַזש אין

יונגן וועלדל אריין. עטלעכע מאָל האָט זי זיך אָנגעטראָפן מיט מאָ־לינען אויף די שפּאַציר־גענג. זי איז איינזאַם געגאַנגען איר וועג און ער זיינעם. ניט זי האָט אים אָפּגעשטעלט און ניט ער — זי. זיי האָבן זיך געגריסט ווי פרעמדע מענטשן וואָס קאָנען זיך צופעליק און זיינען אוועק יעדער זיין וועג.

מיט יעדן מאָל צונויפטרעפן זיך ביים טיש צו א מאָלצייט, איז פון דעם מיידל אויסגערונען יענע באַשיינפּערלעכע פיינטשאַפט, וואָס זי האָט איבערגענומען פון דעם אוועקגעפּאַרענעם מיידל. אדרבה, מאַלין האָט באַמערקט פון איר אַן אויפמערקזאַמקייט. ווען נאָר ער האָט באַדאַרפט זאַלץ אָדער צוקער, אָדער דאָס פּוטער־שעלכל מיט פּוטער, איידער נאָך ער האָט אפילו באַוויזן אויסצושטרעקן אַ האַנט, האָט זי עס אים גלייך אונטערגערוקט. עס האָט זיך געקאָנט דאַכטן אַז דאָס מיידל האָט ביים טיש גאַרניט אין זינען אויסער אים צו באַדינען. אָבער מערקווירדיק, געטאָן האָט זי דאָס מיט אַ מאָדנע שמייכעלע, אַ מין איראָניע, וואָס האָט כסדר געשפּילט אַרום איר סענסועל מויל.

מאַלינען האָט דאָס שמייכעלע אירס געערגערט. ער האָט געפילט אין אָט דעם לאַכעלע אַ מין חוזק, אַ בכיונדיק אָפּלאַכן פון אים.

איינמאָל, בעת אַזאַ איראָניש דערלאַנגען אים דאָס געשליפענע קליאַשל מיט צוקער, האָט זי פּלוצים און אויף יידיש אַ זאָג געטאָן:

— איך וואָלט מען באַדאַרפט געבן עפּעס אַנדערש... ניט קיין צוקער, ברוט, וואָס איר זענט!

דאָס פּלוצימדיקע ווענדן זיך צו אים, דערצו נאָך אויף יידיש, און, דער עיקר, דאָס וואָרט „ברוט", האָט מאַלינען געטאָן אַזאַ פּאַק אַז ער איז ממש געבליבן מיט אַן אָפן מויל און אַן אויסגעשרעקטער האַנט, האַלבוועגס פון איר אונטערגעטראָגענעם קליאַשל צוקער:

— אַ ברוט? האָט ער הויך איבערגעזאָגט דאָס וואָרט און דערביי זיך דערמאָנט אַ דערמאָנונג וואָס איז אים דורכגעלאָפן אין קאָפּ — „ברוט, ברוטאַל", ווער נאָך האָט אים דאָס אַמאָל געזאָגט? דאַכט זיך, אַז ער האָט דאָס שוין אַמאָל געהערט פון אַ פרוי? יאָ! אַ פראַנצויזיש שיקסל האָט דאָך דאָס אים אַמאָל געזאָגט. ווי קלאָר דאָס וואָרט האָט צוריק אויפגעטויכט אין דמיון אַ פאַרשוואונדן בילד. ער האָט אַמאָל געבראַכט צו זיך, אין זיין פּאַריזער אַטעליע, אַ פראַנצויזיש שיקסל, וואָס איז ניט לאַנג געווען געקומען פון איר שטעטל קיין פּאַריז. דעם יונגן שיקסלס טרוימען וועגן ליבע זיינען מסתמא

געוועזן: צאַרטע אומאַרמונגען, שעפּטשענדיקע ליבע־ווערטער אין אויער אַריין, זיך האַלטן די הענט און שטיין ביים אָפענעם פענצטער און קוקן אויף דער לבנה. און ער גאָר האָט זי ארומגענומען אזוי אז איר צאַרט מיידלש געביין האָט אַזש געקנאַקט. אַנשטאָט אַ קוים־קוימיקן קוש מיט די ליפּן שפּיצן, האָט ער געטרונקען דעם ליבע־ווייַן אזוי לאַנג, אַזש ביידן האָט אָטעם פאַרפעלט. אָט דעמאָלט, אָפּ־כאַפּענדיק דעם אָטעם, האָט דאָס שיקסל, קוקנדיק אויף אים מיט אַן אָנגעצונדן תאווה־גליעלע אין די אויגן, אים אַ וואָרף געטאָן אַ וואָרט, דער אויסדרוק פון איר העכסטן עקסטאַז:

— וואו זעטיע ברוטאַל!

אויך איצט האָט דאַכט זיך דאָס מיידל, אַנטקעגן אים געהאַט אָט דאָס אומרואיקע גליעלע אין אירע אויגן בעתן כלומרשטן פאַרוואורף:

— ברוט, וואָס איר זענט!

— מיר געפעלט וואָס איר האָט געכאַפּט מיין אמתע אייגנשאַפט, האָט מאַלין געזאָגט הויך און מיט שטאָלץ נעמענדיק פון איר האַנט דעם דערלאַנגטן צוקער אָפּצוצוקערן זיין קאַווע.

— עס איז דאָ גאַרנישטאָ מיט וואָס שטאָלץ צו זיין, האָט דאָס מיידל האַלב ערנסט אַ זאָג געטאָן. עס איז גאַרנישט אַזאַ גוטע אייגנשאפט, ברוטאַליטעט.

— גוטע אייגנשאַפטן, האָט מאַלין לאַכנדיק איבערגעחזרט. ווער דאַרף דאָס גוטע אייגנשאַפטן? איר אַליין האָט עפּעס ליב גוטע אייגנשאפטן אין אַ מאַן? מיר דאַכט זיך פאַרקערט: דינינקע ברוטאַליטעט ביי אַ מאַן, דער עיקר אין שייכות צו פרויען, איז אַ סך אַן אינטערעסאַנטערע אייגנשאַפט. עס איז זיכער אַן אויסדרוק פון שטאַרקן כאַראַקטער, פון אייגענעם ווילן. און מיר דאַכט זיך, אַז איר, פרויען, האָט דאָך גאָר ליב אַ מאַן מיט אַ שטאַרקן כאַראַקטער. איר האָט דאָך אפילו ליב דאָמינירט צו ווערן פון אָט אַזאַ מאַן.

— ניט איך, האָט דאָס מיידל שמייכלדיק אַ זאָג געטאָן און דערביי געטאָן אַ מאַך מיט דער האַנט אין דער לופט, ווי זי וואָלט שוין אוועקגעשטופּט פון זיך אָט דעם דאָזיקן מאַן וואָס וויל זי דאָמינירן. איר שמייכעלע איז אָבער געווען שטאַרקער פון דעם כלומרשטן מאַך מיט דער האַנט. דאָס שמייכעלע האָט באַשיינפּערלעך געוויזן, אז איר געפעלט גאָר מאַלינס זאָג.

בעת דעם געשפּרעך האָבן דערווייל ביידע פאַרגעסן, אַז זיי זיצן ביי אַ טיש, וואו די געסט, אין אַנדערן עק האָבן אָנגעשטעלט

מויל און אויערן, ווי בעת אַ לעקציע.ביידע האָבן זיך גיך געכאַפּט און זיך אויפגעשטעלט פון טיש און אַוועק אין ברייטן קאָרידאָר אַריין. דאָס מיידל איז מיט אַ זינגעוודיקן גאַנג צו צום גרויסן שפּיגל, וואָס איז געשטאַנען אין ווינקל. זי האָט אָנגעטאָן איר בלאָ ספּאָרט בערעטל. אַרויפגעטאָן אַביסעלע רויט אויף אירע פולע ליפּן. מאַלין האָט גיך אַראָפּגענומען איר מאַנטל פון הענגער. זי האָט אויסגעשטרעקט די הענט, געלאָזט זיך באַדינען מיט אַזאַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט, ווי עס וואָלט איר געקומען. מאַלין האָט זי באַגלייט צו דער טיר און אַליין זיך געוואָלט פאַרנעמען איבער די פּליוש־געבעטע שטיגן אַרויף צו זיך אין צימער.

— און איך האָב געמיינט, אַז איר גייט מיך באַגלייטן אויף מיין שפּאַציר, האָט דאָס מיידל געזאָגט מיט אַן ערנסט און אויפריכטיק קול.

דעם מיידלס ערנסטקייט האָט מאַלינען געבראַכט אין אַ פאַר־לעגענהייט. נאָך אַלעמען איז ער דאָך פאָרט ניט קיין „ברוט", געוויס ניט אין זיינע באַציאונגען מיט מענטשן. זיינע קושן קאָנען טאָקע פאַרקומען זייער „ברוטאַל" צו אַ זעכצן יאָריק שול־מיידל. זיי זיינען אָבער זייער אָנגעלייגט ביי אַ רייפער פרוי. און די „דזשענטלמעניש־קייט" פאַרלאָזט אים אויך ניט אויב ער דאַרף נאָר ניט אונטערדריקן זיין ווילן צו מאָלן. איצט אָבער וויל ער מאָלן און ניט שפּאַצירן:

— עס טוט מיר לייד, האָט מאַלין אַ זאָג געטאָן, שוין שטייענדיק אויף די ערשטע טרעפּ. מיין ארבעט קומט געוויינלעך פריער פון אַלץ, פון באַגלייטן אַ דאַמע געוויס! איך וויל איר זאָלט וויסן, פריילין, אַז איך באַגלייט קיינעם ניט. שפּאַצירן מיט עמעצן — יאָ. אין צוזאַמענדיק שפּאַצירן איז דאָ שותפותדיקער גענוס, אין באַגלייטן אָבער — בלויז אונטערדריקטער ווילן.

בעת דעם דאָזיקן זעלבסט זיכערן מאָנאָלאָג זיינעם האָט דאָס מיידל צוריק ארויפגעצויגן אויף איר פּנים דאָס דיבינקע איראָניעלע. באַלד האָט זיך דאָס פאַרוואַנדלט אין אַ צופרידענעם שמייכל. איר איז, קענטיק, געפעלן געוועזן דער דאָזיקער מאָנאָלאָג:

— אָבער איך האָב געוואוסט, אַז איר זענט א „ברוט" און אַ ריקזיכטלאָזער דערצו, האָט זי לאַכענדיק געזאָגט און גענומען די קליאַמקע אין דער האַנט אַריין.

— פון דעסטוועגן ווילט איר מיט דעם „ברוט" גיין שפּאַצירן, האָט מאַלין געלאַכט און, אַ פּאַך געטאָן מיט דער האַנט: „דאַווידזעניא",

זיך געטאָן אַ צי ארויף איבער דעם שטאָק שטיגן צוריק צו זיין פענזל און פּאַלעטרע.

***

יענער פאַרנאַכט איז געווען רעגענדיק און כמורנע. דער עס־זאַל אין פּענסיאָנאַט איז געווען לעער און טונקל. די העגג־טיר, וואָס פירט אין קיך האָט זיך געוויגט הין און צוריק, אַ סימן אז דאָס קעלנער מיידל איז נאָר וואָס פאַרשוואונדן אין קיך אריין. די געסט, ווי שאָטנס זיינען זיך צעקראָכן פון עס־זאַל אין זייערע איינזאַמע ווינקעלעך. אויפן טיש איז געווען אָן אומאָרדנונג: גלעזער מיט געבליבענע ביסלעך טיי, געשליפענע שעלעכלעך מיט עפּל שאָלעכץ, צוקער קליאָשלעך אויף הויכע, געטאָקטע פיסלעך און קרישקעס פון ברוינע, מערביקע קיכלעך צושאָטן ארום און ארום.

מאַליך, איינער אליין ביים לאַנגן טיש, האָט זיך געאיילט. ווי געוויינלעך איז ער אויך איצט געווען שפּעט ביי טיי טרינקען. ער איז אויפגעשטאַנען, גיך אָנגעטאָן זיין געפּאַסט פעלצל, פאַרוואָרפן אַ בלאָלעך געקעסטעלטן שאַל אַרום האַלז, אראָפּלאָזנדיק איין עק פאָרנט און דעם אנדערן, איבערן אַקסל, אראָפּ אויף דער פּלייצע, אָנגעטאָן דאָס ווייכע ספּאָרט היטל און איז ארויס אויף דער וועראַנדע.

זיין טיש־שכנה, דאָס ניי־געקומענע מיידל, האָט שוין דאָרטן געוואַרט אויף אים. דער ערשטער שפּאַציר מיט דעם „ברוט" האָט זי ווייזט אויס געמאַכט אומרואיק. אַן אומגעדולדיקע איז זי געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן דער האָלץ־געשניצטער קאָלאָנע און געקוקט אין פאַרנאַכטיקן וואַלד, צווישן די טונקעלעביימער. אָנגעטאָן איז זי געווען אין אַ קורץ ספּאָרט מאַנטעלע מיט אַ וואָלענעם שאַל חנעוודיק פאַרוואָרפן איבער ביידע אַקסלען, אַ בלאָ־פילצערנעם בערעט און האַלבע קאַלאָשן אויף די פיס.

— איך בין גרייט, האָט מאַליך צו איר אַ זאָג געטאָן.

זיי זיינען אראָפּ די וועראַנדע־טרעפּ, ארויס אויפן ברייטן, זאַמדיקן וועג, זיך פאַרקירעוועט אין אַ שמאָל, אויסגעפאָרן וואַלד־שטעגעלע, פאַרביי געגאַנגען ווילעס, אָפענע וועראַנדעס און אריין טיפער אין וואַלד.

עס איז געווען שטיל אין וואַלד. מען האָט ניט געהערט קיין צוויטשער און קיין פליגל־געפּאָך פון קיין פויגל. דער הימל איז

געוועז גראָ און וואַסערדיק. דער מאָך — גליטשיק און פּיכט פון דעם נאָר וואָס געפאַלענעם רעגן.

כאָטש דער אָטוואָצקער וואַלד איז ניט קיין ווילדער, די סאָסנעס שטייען דאָ גלייך און שיטערלעך, ווי הויכע, צעשטעלטע, ברוינע ליכט, איז דאָך שווער צו גיין אין וואַלד ניט אָנהאַלטענדיק איינער דעם אַנדערן. צוליב דיביימער, וואָס זיינען אָפט אין וועג, קומט אַלעמאָל איינער אויס פון הינטן, נאָכלויפנדיק דעם ערשטן. גיין אזוי מיט אַ דאַמע איז אוודאי אומבאַקוועם. מאַלינען איז דעריבער גיך נמאס געוואָרן אָט דאָס „צעריסענע" גיין, דאָס אונטערלויפן, האָט ער אַ נעם געטאָן דאָס מיידל אונטערן אָרעם, אָן צערעמאָניעס, זאָגנדיק דערביי אין אַ האַלב חוזק טאָן:

— אין וואַלד מוז מען זיין באַהאַפטן... צושיידטערהייט קאָן מען נאָך פארלוירן גיין.

— מאַדנע, האָט דאָס מיידל אַ זאָג געטאָן, קוקנדיק זייטיקלעך אויף אים, — וואָס איר זאָגט נאָר האָט אַ דאָפּלטן זין.

— עס האָט אָבער לחלוטין קיין זין ניט, האָט מאַלין שמייכלענדיק געזאָגט, וואָס מיר גייען שוין געאָרעמט און איך ווייס נאָך אפילו ניט אייער נאָמען און איר ווייסט ניט מיינעם.

— רוטאָ איז מיין נאָמען, האָט זי גיך אַ זאָג געטאָן, רות אויף יידיש, נאָר רופט מיך רוטא, אזוי הייס איך.

— אַז איר הייסט רוטא, האָב איך שוין געהערט אומדירעקט, האָט מאַלין איר געענטפערט. איך מיין אייער פאַמיליע נאָמען.

— וואָס איז דען אַ פאַמיליען נאָמען? האָט רוטא שטיל געזאָגט. אַ פאַמיליע נאָמען איז בלויז — פּאַספּאָרט. ביי א פרוי — אפילו פּאַספּאָרט אויך ניט. אַ פרוי, היינט הייסט זי איין נאָמען, מאָרגן, ווי נאָר זי האָט חתונה, הייסט זי שוין אַן אַנדער נאָמען און אז זי גט זיך איז ווידער אַן אַנדער נאָמען. דער ערשטער נאָמען אָבער בלייבט, ווערט איינס מיט דעם מענטש ביזן טויט. רופט מיך רוטא, האָט זי מיט האַרץ פּאַרענדיקט.

— אויב אזוי, האָב איך אויך ניט קיין פאמיליע נאָמען, האָט מאַלין געזאָגט. אפילו דעם ערשטן נאָמען האָב איך אַוועקגעוואָרפן. בלויז מאַלין הייס איך. אונטער דעם נאָמען מאָל איך. דער נאָמען איז געוואָרן אינגאַנצן איך. מאַלין, האָף איך, וועט בלייבן לעבן ווען אַלעס איבעריקע פון מיר וועט שוין לאַנג זיין טויט און פאַרגעסן.

זיי זיינען ארויף אויף אַ בערגל. מיט איינמאָל האָט זיך אַלץ אַרום געענדערט. דאָ איז מער ניט געווען דער זאַמדיקער באָדן וואָס אונטן. עס איז געווען עכטע ערד, שוואַרצע, פאַרוואַקסן מיט טיפע גראָזן און אַ שפע ריטלדיקע, ווינטערדיק נאַקעטע געוויקסן. אָנשטאָט ברוין־הויטיקע סאָסנעס, האָבן דאָ געבליאַנקט אין דער כמורנער טונקלקייט, ווייס־הויטיקע בעריאָזעס, רייך־צעצווייגטע איינע אין דער אנדערער אריין. צווישן די בעריאָזעס האָבן זיך דורכגעוואָרפן אַלטע אַלכעס, הויכע און דיקע און נאָס איז דאָ געווען. די ערד איז געווען אָנגעזאַפּט מיט פייכטקייט און ביי יעדן ווייטערדיקן טראָט האָבן די ריטעלדיקע געוויקסן אַ שאָקל געטאָן פון זיך אַ פרישן רעגן אויף די פיס ארויף.

זיי זיינען געבליבן שטיין. מאַלין האָט זיך געשלאָגן מיט דער דעה: גיין ווייטער? אָדער זיך אומקערן צוריק? רוטאַן אָבער, איז ווייזט אויס, דאָס גאָר ניט געלעגן אין זינען. אין מיטן זיין טראַכטן וואוהין זיך ווייטער צו פאַרנעמען האָט זי זיך גאָר פאַרנומען אויף אַ מאָדנעם פּזמון:

— איר ווייסט אַז צוליב אייך איז דאָס לאָדזשער מיידל קראַנק געוואָרן?

— צוליב מיר? האָט מאַלין אַן איבעררראַשטער איבערגעפרעגט. אינטערעסאַנט. און איך האָב אפילו ניט געוואוסט אַז זי איז אַ לאָדזשערן.

— איר האָט טאַקע געמעגט אזא „קליינינקייט" ניט וויסן, האָט זי איראָניש געזאָגט, אָבער דאָס מיידל האָט אייך ליב געהאַט.

— ליב געהאַט? מיך? האָט מאַלין זיך צולאַכט אַזש דער וואַלד האָט געקלונגען, — אפשר קאָנט איר מיר זאָגן ווען דאָס איז געשען און צו איך בין געווען דערביי?

— לאַכט ניט אַזוי ציניש, האָט רוטא געזאָגט ערנסט און דערביי ארויסגענומען איר האַנט פון אונטער זיין אָרעם, ווי זי וואָלט פיזיש געליטן פון זיין צינישקייט און זיך געוואָלט באַפרייען פון אים. — אַ מיידל קאָן זיך אַמאָל פאַרליבן און דער מאַן זאָל דערפון גאָרנישט וויסן אויך. אָבער זאָגט מיר, איך בעט אייך, אַז איר האָט יאָ פון גאָר־נישט געוואוסט, פאַרוואָסזשע זענט איר געווען אַזוי האַרצלאָז צו איר?

מאַלין האָט איבעררראַשט געקוקט אויף זיין מיטגייערן, אַ ווייל זיינען זיי ביידע געשטאַנען צווישן די טונקעלע ביימער איינער אַנטקעגן אַנדערן. עפּעס האָט מיט איינמאָל אים אָנגעהויבן קלאָר

ווערן יענער זאָג אירער: „מען דאַרף אייך געבן עפּעס אנדערש, ניט קיין צוקער"...

— רוטא, האָט מאַלין ערנסט אַ זאָג געטאָן. ווי איך זע בין איך ביי אייך „א ברוט", ווייל איך בין ניט „גוט געווען" צו א מיידל, וואָס, ווי איר זאָגט, האָט מיך ליב באקומען ווען איך האָב אפילו דערפון ניט געוואוסט. איר ווייסט דאָך אָבער, אז ליבע איז אַ באַגער בלויז צו דעם מענטש וואָס ציט אייך צו. אַז דער מענטש אָבער שטויסט אייך אָפּ, ווי קאָנט איר דענסטמאָל „גוט זיין" מיט ליבע? חוץ דעם, רוטא, ווי איך זע זענט איר ניט קיין נאַאיווו מיידל, זאָגט־זשע מיר, איך בעט אייך, ווען אַ מאַן אַ שטייגער מיט וועמען איר האָט אפילו ניט גערעדט און וועמענס גאַנץ וועזן איז פאַר אייך אָפּשטויסנד, ווען אַזאַ מאַן פארליבט זיך אין אייך, וואָלט איר צו אים „גוט געווען" מיט אייער ליבע?

— אפשר יאָ, האָט רוטא אויפריכטיק אַ זאָג געטאָן און גענומען אַראָפּגיין פון בערגל מיטציענדיק מאַלינען נאָך זיך. — מערסטע פרויען גיבן סיי ווי זייער ליבע בלויז ווייל מען איז „גוט צו זיי" און ניט ווייל זיי האָבן ליב. אָבער איך פרעג דאָך דאָס אייך, אַ מאַן, האָט זי אים ניט אָפּגעלאָזט. מ'זאָגט דאָך, אז אַ מאַן קאָן זיין מיט אַ פרוי אויך ווען ער האָט זי ניט ליב, אפילו מיט אַ פּראָסטי־טוטקע, פאַר געלט.

— דאָס, רוטא, איז שוין עפּעס אנדערש, האָט מאַלין זי ווידער גענומען אונטערן אָרעם און גענומען גיין צוריק אין סאָסנע־וואַלד אריין. — אַ מאַן גייט צו אַ פּראָסטיטוטקע כדי צו שטילן דעם הונ־גער נאָך אַ פרוי. ער טראָגט דענסטמאָל זיכער ניט מיט זיך קיין ליבע. דאָס „גוט זיין" אָבער צו אַ מיידל, ווי איר מיינט, איז ליבע. עס מיינט געבן צייט, אויפמערקזאמקייט, צערטלעכקייט, אַלץ וואָס אַ מאַן האָט בלויז צו אַזאַ פרוי, וואָס רופט דאָס ביי אים ארויס. אייגנט־לעך איז עס גאָר פאַלש צו זאָגן: „געבן". קיינער גיט ניט אין ליבע. מ'נעמט דאָס איינער ביים אַנדערן דורך לאַסקעס און צערטלעכקייטן. עס איז דעריבער ניט קיין צדקה, קיין „גוט זיין", נאָר אַ געמיינ־שאַפטלעך אויסלעבן אַ צוזאַמענדיק געפיל. אָבער זאָגט מיר, רוטא, האָט ער פארענדיקט, וואָס גייט דאָס אייך אָן צו איך בין יאָ אָדער ניט גוט געווען צו דעם, ווי איר רופט זי, לאַדזשער מיידל?

— איר האָט איר ווי געטאָן, און איך האָס אייך דערפאַר!

רוטא האָט די ווערטער „איך האַס אייך״ ארויסגעזאָגט מיט אַזאַ אימפּעט און מיט אַזויפיל האַרץ, אַז זי האָט זיך אַזש ארויסגעשיילט פון אונטער זיין אָרעם און געבליבן שטיין אנטקעגן אים מיט אַ האַלב געעפנט מויל, ווייזנדיק צוויי שורות ווייסע, געדיכט געזעצטע ציין, ווי זי וואָלט גרייט געווען אים אַ ביס צו טאָן, אַ ביס וואָס קומט זיכער ניט פון האַס...

***

ווער איז די רוטא?

אַ גאַנצן אָוונט, נאָך יענעם שפּאַציר, איז מאַלין געלעגן אין צימער אויף דער שוואַרץ־צעראַטענער קאַנאַפּקע און געטראַכט וועגן איר. דאָס מיידל האָט אים פאַראינטריגירט.

בעת די מאָלצייטן, זיצנדיק אַנטקעגן איר, האָט ער געזוכט צו דערגיין ווער זי איז. ער האָט געפּאַרשט אירע באַוועגונגען, אירע מינעס און גרימאַסן. ער האָט אָנגעהויבן איינזען אז זי איז שיין, זייער שיין. איר געזיכט איז אים פאָרגעקומען ווי איינס פון יענע זעלטענע, סענסיטיווע פנימער, וואָס, וויפל מען זעט זיי ניט, קומען זיי אלעמאָל פאָר ווי נייע, אָנגענעמע איבעררעאַשונגען. אָט האָט זיך אים געדאַכט, אַז די גאַנצע אייגנאַרטיקייט אירע ליגט אין דעם חנ־עוודיקן צוק פון איר ברעם, אין דעם אָפּטן ביס, וואָס זי האָט געטאָן אין דער אייגענער ליפּ. יאָ, ארום מויל, דאָ, דאכט זיך, איז געלעגן די גאַנצע אייגנשאַפט פון רוטאס וועזן. עפּעס האָבן די פולע, פיין־פאָרמירטע ליפּן באַהאַלטן א שאַרף־רעגנדיקע סענסואַליטעט, אַ מין אומגעשטילטע ליידנשאַפט, וואָס זייער ווינציק מאָדערנע פרויען אנען אפילו דערפון.

מאַלין האָט אָנגעהויבן ווערן אויפמערקזאם אויף רוטאס פיגור. עפּעס האָט ער פריער גאָרניט באַמערקט אירע פולע, רונדע בריסט, וואָס האָבן, ווי לעבעדיקע וועזנס, זיך געריסן פון אונטער דעם ענג־אויסגעפּאַסטן, אָראַנדזש קאָלירענעם סוועטערל. ערשט איצט האָט ער אָנגעהויבן באַמערקן די איידל־געבויגענע ליניע פון איר קערפּער, די געטאָקטע פיס אין די זיידענע זאָקן, וואָס האָבן אזוי שטאָלטנע אפּער געקוקט פון דעם קירצלעכן קליידל און צוגעגעבן אזויפיל ריטם איר גאַנג.

אָבער דאָס איז דאָך אלץ אויסערלעך! ווער איז רוטא אינערלעך?

אויף די שפּאַצירן, אין די פרימאָרגנס, פאַר זיין אַרבעט, און אין די פאַרנאַכטן, ווען ס׳טאָג־ליכט וועפּט אויס און מען קאָן שוין

ניט מאַלן, אַנשטאַט אים זאָל קלאָר ווערן ווער רוטא איז, האָט זי גאָר אים געפּאַרשט.

מאַלין האָט איר דערציילט אַז ער וואוינט אין פּאַריז, האָט דאָרט אַ פרוי מיט אַ קינד, איז אהער געקומען אויף אַ לענגערע צייט, אַז ער אַרבעט דאָ אויף אַ רייע פּאָרטרעטן פון יידן און ווייבער, יענע זעלטענע געשטאַלטן, וואָס ווערן, לײדער, ווייניקער און ווייניקער אין יידישן לעבן פון פּוילן, אַז אינגיכן וועט ער האָבן אַן אויסשטעלונג אין וואַרשע, און אהער, אין פּענסיאָנאַט איז ער געקומען ווייל ער איז מיד פון דער שטאָט און דער עיקר פון די פרויען, וואָס זיינען אַזוי צודרינגלעך, אפשר נאָך צודרינגלעכער ווי אין דער פרייער פּאַריז.

רוטא, גייענדיק געאָרעמט לעבן אים האָט זיך שטיל איינגעהערט אין זיין דערציילן. עטלעכע מאָל, כאַפּנדיק אַ זייטיקן בליק אויף איר, האָט ער באַמערקט יענעם כאַראַקטעריסטישן צוק אַרום אירע מויל־ווינקלען און דעם ביס אין דער אויבערשטער ליפּ, לאָזנדיק דאָס מויל אביסעלע געעפנט ווי אַרויסצואָטעמען אַ שווער, טיף אונטער־דריקט געפיל.

— און אפשר ליגט גאָר די שולד אין אייך? האָט רוטא, נאָך אַ ווײלע שווייגן, זיך דערמאָנט אים צו ענטפערן. — אפשר מאַכט איר אליין די פרויען זיין צו אייך צודרינגלעך? איבריקנס, ליגט דאַכט זיך, אין אייער אַנטלויפן אין וואַלד אריין, אַ סך אַנשטעל, אָדער, ווינציקסטנס, זעלבסטנאַרעריי! עס וואָלט פאַר אייך, מיין איך, געווען די גרעסטע שטראָף ווען פרויען זאָלן זיך אויף אייך ניט אומקוקן. אָבער לאָמיר אָפּלאָזן די נאַרישע רייד, האָט רוטא פּלוצים געביטן איר שטיל נאָכטראַכטנדיק רעדן און איז אריבער אויף אַ כלומרשט הייטערן טאָן. דערציילט מיר בעסער וועגן אייער פרוי. איז זי אַ שיינע? האָט איר זי אמת ליב? און איר פּאַרראַט זי אַזוי לייכט און מיט אַזאַ גרינג געמיט? נו יאָ, קינסטלער! וואָס איז דען ביי אייך אַ פרוי?

— איר מאַכט אַ טעות רוטא, האָט מאַלין ערנסט געזאָגט. דער קינסטלער איז ווי יעדער מענטש. שפּיל און ערנסט זיינען אויך ביי אים צוויי באַזונדערע עלעמענטן. אמת, דער קינסטלער, ווי אַ סענ־סיטיוועדע נאַטור, דאַרף מער שפּיל ווי דער געוויינלעכער מענטש. אָבער אַ פרוי און בפרט אַ קינד, דאָס איז אויך ביים קינסטלער ניט קיין שפּיל!

רוטא האָט מער גאָרניט געענטפערט. זי איז געגאַנגען שטיל לעבן מאַלינס זייט. בלויז איין מאָל האָט זי אַ דריק געטאָן זיין האַנט וואָס אונטער איר אָרעם אזוי שטאַרק אז אויך ער האָט איבערגעלעבט דעם ציטער, וואָס איז איר דורכגעלאָפן, ווי א קאָנוואולסיע, דורכן גאַנצן לייב.

***

דאָס שפּאַצירן מיט רוטאָן האָט אָנגעהויבן ווערן ביי מאַלינען אַ נויטיקייט. עס איז געוואָרן ווי אַן אַפּגערעדטע זאַך. יעדן פרימאָרגן, פאַר פרישטיק, ווען די אַנדערע געסט זיינען נאָך געלעגן אין די בעטן און געוואַרט אויף די וואַרעמע גלעזער מילך אָדער טיי מיט קוכן, וואָס דאָס קאַמער־שיקסל האָט זיי געבראַכט אין די צימערן אריין, זיינען זיי אויפגעשטאַנען און אוועק אין וואַלד.

די פרימאָרגנס זיינען געווען לינדע, פרילינגדיקע. צווישן די אייביק גרינע נאָדל ביימער איז אָנגעגאַנגען אַן אימפּעטדיק געפליערריי פון פייגל. מחנות שפּערלינגען האָבן זיך געטראָגן הין און צוריק מיט א געטצוויטשעריי, וואָס האָט געמינטערט און געוועקט די וויב־טערדיק פאַרשלאָפענע בלוטן צו ניי לעבן, צו נייע טעטיקייטן. פּיק־האָלצן זיינען געשטאַנען און געהאַקט מיט זייערע שאַרפע העקל־שנאָבלען אין די ווייך־זאַפטיקע סאָסנעס אריין. בלאָע שוואַלבן האָבן זיך אלעמאָל געטאָן א טראָג פאַרביי, ווי אַ פייל פון בויגן, טראָגנדיק אַ ניי ביסעלע בלאָטע, אַ פריש שנאָבעלע וואַסער, ווייטער צו בויען, גיכער צו פאַרענדיקן די אָנגעהויבענע נעסטן.

רוטא האָט מיט יעדן טאָג אָנגעהויבן ווערן זאָרגלאָזער, שטיפע־רישער, גלייך די פרילינגדיקע אומרו פון די פייגל וואָלט איר אריין אין די בלוטן. טיילמאָל האָט זי זיך פאַרגעסן אז זי קאָן מאַלינען בלויז געציילטע טעג און געוומען אים באַוואַרפן מיט שישקעס אדער גאָר געטאָן אים א שטופּ און זיך צולאַכט ביי זיין קייקלען זיך אראָפּ פון אַ בערגל, אזש דער וואַלד האָט געקלונגען מיט איר געלעכטער.

אָט, אויף די דאָזיקע שפּאַצירגענג, האָט מאַלין זיך דערוואוסט ווער רוטא איז:

איר פאָטער איז אַ גערער חסיד. ער האָט אַ קאָלאָניאַל געשעפט אין גזשיבאָווער געגנט, אין וואַרשע. פאַר דער מלחמה און אויך בעת דער מלחמה, ווען זי איז געווען אַ פיצל קינד, איז ער געווען זייער רייך. אויך היינט איז ער ניט אָרעם. זי איז אַן איינציקע. מער ווי זי האָבן די עלטערן ניט געהאַט. דעם טאַטן האָט זי ליב, זייער

ליב. ער איז א שיינער. ווען ער זאָל אראָפּנעמען די ברוינלעך־בלאָנדע באָרד און זיך אָנטאָן קורץ, וואָלט ער געווען דער שענסטער מאַן אין פּוילן. אויך דער טאַטע זי — האָט זייער ליב. ער האָט א ברויזענדן טעמפּעראַמענט, דער טאַטע. אז ער קומט אהיים ווערט די שטוב פול מיט לעבן. כאָטש ער איז פאַרנומען מיטן געשעפט און מיט פאָרן צום רבין, האָט ער דאָך שטענדיק געפונען צייט פאַר איר. ער האָט איר שטענדיק געגעבן וואָס נאָר זי האָט געוואָלט. די מאַמען אָבער האָט זי ניט ליב. זי איז א בלאַסע, די מאַמע, אַ קאַלטע, אַ פלעגמאַטישע, פונקט ווי געפּרוירן, פאַרגליווערטע פיש־יויך וואָלט זיך געשלעפּט אין אירע אָדערן אנשטאָט ווארעם, מענטשלעך בלוט.

עס איז אומעטיק מיט דער מאַמען, סיי איר און סיי דעם טאַטן.

כאָטש א חסיד, דער טאַטע, וואָס טראָגט ניט קיין קורצע מלבושים און רירט ניט די באָרד, האָט ער זי דאָך געשיקט אין א גימנאזיע פאַר מיידלעך. זי האָט געענדיקט די שול, אָבער קיין גוטע שילערן איז זי ניט געווען. זי האָט פיינט געהאַט דאָס לערנען. דערפאַר אָבער האָט זי א סך געלייענט פּאָעזיע און ראָמאַנען. געלייענט האָט זי אין פּויליש און אין דייטש. יידיש — ניט.

קיין מלאכה האָט זי ניט געלערנט. אין טאַטנס געשעפט האָט זי ניט געוואָלט אריינשמעקן, לערנען ווייטער — אויך ניט. זי האָט ליב געהאט צו דעקלאַמירן היינען און רילקע, סלאָוואצקי און מיצקע־וויטש, נאָר דער עיקר האָט זי ליב צו צייכענען קאַריקאַטורן. אָ, זי האָט שוין געמאַכט א סך קאַריקאַטורן, פון באַקאַנטע, פון טאַטן און דער עיקר פון דער מאַמען. פאַר איין קאַריקאַטור אַזאַ האָט זי פון דער מאַמען געקראָגן אַ פּאַטש. דאָס איז געווען א צייכענונג ווי זי, די מאַמע, זיצט איינגעפראָרן אין א בלאָק אייז ביזן האלז, בלויז דער קאָפּ מיטן בלאסן פּנים זעען זיך ארויס.

ביז ניט לאנג צוריק האָט זי געטרוימט פון דער בינע און פון פילם. זי ווייסט אז זי האָט די נויטיקע פיגור און פעאיקייטן פאַר דעם. איצט אָבער, ווען זי איז שוין דריי און צוואַנציק יאָר אלט, זעט זי איין אַז זי האָט ניט די פאַרבינדונגען אהין צו גרייכן. צוליב דעם פילט זי זיך אָפּט איבעריק און פּוסט.

פון קינדווייז אויף האָט זי ניט ליב געהאט זיך צו קאַלעגירן מיט מיידלעך. זי קאָן ניט פאַרטראָגן די נאַנטקייט פון קיין פרוי. זי קאָן ניט באַגרייפן ווי אַנדערע מיידלעך קאָנען זיך קושן און שלאָפן צוזאַמען. פון זינט זי איז אַלט געוואָרן צען יאָר שפּילט זי זיך

און חברט זיך נאָר מיט יינגלעך. צו זעכצן יאָר האָט זי געהאַט איר ערשטע ליבע מיט א מאַן פון פינף און צוואַנציק יאָר. פון דענסטמאָל אָן האָט זי שוין געהאט פינף געליבטע. ניין — די געליבטע פארלאָזן זי חלילה ניט. דאָס ווערט זי אלעמאָל מיד פון זיי. עפּעס איז פאראן אין איר א שטענדיקער הונגער צום דערגרייכן, בלויז דערגרייכן! ווי נאָר זי האָט דאָס געוואָלטע דערגרייכט, אינטערעסירט עס זי שוין מער ניט. ווען זי איז אלט געווען אכצן יאָר האָט דער דאָקטאָר, וואָס האָט אויף איר געמאַכט דעם ערשטן אבאָרט, זיך פארליבט אין איר. זי — אים האָט אבער ניט געקאָנט פארטראָגן, פונקט ווי זי קאָן ניט פארטראָגן קיין מאַן, וואָס יאָגט זיך נאָך איר. וואָס מער דער דאָקטאָר האָט זי פארפאָלגט, אַלץ מער האָט זי אים פיינט געהאט. אָבער איינמאָל, נאָך א קריג מיט איר געליבטן, כדי אים אָפּצוטאָן, אים ווייַ צו טאָן, איז זי אוועק און זיך אליין איבערגעגעבן דעם דאָקטאָר.

איצט איז זי טאָקע נאָך אַן אבאָרט, דער דריטער שוין. דער איצטיקער געליבטער, א האנדלס־אַגענט פאר אַ גרויסער מאַנופאַקטור פירמע אין לאָדזש, איז געווען קעגן דעם אבאָרט. ער האָט געוואָלט דאָס קינד. ער וואָלט געוואָלט זיך צענויפגיין מיט איר און לעבן ווי אַלע מענטשן לעבן. זי אָבער וויל דאָס ניט. עס אינטערעסירט זי ניט אַזאַ לעבן. זי האָט אים ניט ליב. אין אָנפאַנג האָט זי דאָס ניט געוואוסט. איצט אָבער זעט זי דאָס קלאָר. ניט דאָס איז ליבע. דאָס איז בלויז ווייבערישע דאַנקבאַרקייט פאר מענלעכער גוטסקייט... ווארים וואָסער ליבע איז דאָס אַז זי בענקט ניט נאָך אים, אַז זיין באַרירונג לאָזט זי קאַלט, אמאָל אפילו מיט א ווידער־געפיל, בלויז זעלטן רופט זיין באַרירונג אין איר ארויס אַ לייכט געפיל אים א גלעט צו טאָן, אַט ווי מען טוט אַ גלעט א געטריי, פאָלגעוודיק הינטל, וואָס איז שטענדיק גרייט אויף דיין רוף.

**
*

מיט איר ווידוי האָט רוטאַ אין מאַלינען אויפגעוועקט אַ געוואַל־טיקן נייגיר זי מער און מער צו קאָנען. די רואיקייט פון איר דער־ציילן, די אָפנהערציקייט האָט אים פּשוט גערירט. חוץ דעם: דער מאָלער אין אים איז גוואַלטיק פאראינטערעסירט געוואָרן צו זען אירע קאַריקאַטורן און צייכנונגען. רוטאַ אָבער, ווי זי וואָלט זיך מיט אים געַרייצט, ווי זי וואָלט בכיון געוואָלט שטייגערן זיין אומגעשטילטן

ניגיר, האָט כסדר און מיט דעם זעלבן, אומשולדיקן שמייכל געגעבן דעם אייגענעם תירוץ: „זי האָט גאָרניט געבראַכט מיט זיך און דאָ האָט זי נאָך גאָרניט געצייכנט".

איינמאָל אָבער, ניט טראַכטנדיק דערפון, האָט זי אים פּלוצים דערלאַנגט אַ צייכענונג, אַ קאַריקאַטור אייגנטלעך, וואָס האָט מאַלינען ממש אויפגערודערט!

עס איז געווען בעת אַ שפּאַציר אין וואַלד, אין אַ נאָכמיטיק. יענעם טאָג האָט זיך מאַלינען עפּעס ניט געגלוסט צו מאָלן. ער איז גע־גאַנגען לעבן רוטאַן פאַרטראַכט. ער האָט כמעט ווי זיך ניט צוגעהערט צו רוטאָס כלומרשט אומשולדיקע פראַגעלעך: צו ער האָט עפּעס שטאַרק ליב זיין פרוי, צו ער וועט זי ניט אין איין שיינעם טאָג טאָן אַ לאָז איבער מיטן קינד און אוועק מיט אַן אַנדערער, ווי אַ סך קינסטלער טוען. אָט, אין מיטן אַזאַ נאַרישלעכן, פּוסטן שמועס האָט רוטאַ ארויסגעשלעפּט פון איר גרויסן, לעדערנעם האַנט־טאַש אַ צוגעַ־וויקלט פּאַפּיר און עס דערלאַנגט מאַלינען אָן איין וואָרט. ער האָט פאַר־שטאַנען אַז דאָס איז אַ צייכענונג. ער האָט עס גענומען מיט אַ שמייכל, זאָגנדיק דערביי:

— האָט איר הייסט עס יאָ מיט זיך אַ טייל ארבעטן, אייערע.

— ניין, האָט רוטאַ פּשוט און אויפריכטיק געענטפערט, איך האָב עס ערשט היינט אינדערפרי געמאַכט.

מאַלין האָט אויפגעוויקלט דאָס פּאַפּיר. עס איז געווען אַ קאַרי־קאַטור פון אים, ווי ער שפּאַנט אימפּעטדיק אין וואַלד, אָנגעטאָן אין זיין פיל־קאָלירטן אויסגעהאַפּטן פעלצל, אין די געפּאַסטע רייט־הויזן מיט די וויקל־זאָקן, נאָר אָנשטאָט אַ היטל, איז אויף זיין קאָפּ, פון דער פּאָדערשטער לאָק, געוואַקסן אַרויסגעוואָקסן דער מענלעכער אָרגאַן אין זיין גאַנצער גראַציע און קראַפט. און געמאַכט איז דאָס בילד געווען מיט אַזויפיל טאַלענט און קינסטלערישער היגעריסנקייט אַז, אָנשטאָט אַזאַ אומגעווינלעכע זאַך זאָל אים שאָקירן, האָט עס גאָר ביי מאַלינען אַרויסגערופן אַ פאַרכאַפּטקייט, אַ געפיל וואָס דער מענטש לעבט שטענדיק איבער ביים דערזען עכטע, גרויסע קונסט. אין דער דאָזיקער צייכענונג איז געווען ארויסגעבראַכט דער ריינער, אור־אַלטער, אומבאַשמוצטער כח פון געשלעכט, אָט די טיפע מיסטעריע, וואָס דער מאַן טראָגט אין זיך און וואָס איז דער סאַמע יסוד פון לעבן. און דערגרייכט האָט דאָס רוטאַ ניט בלויז מיט דעם אומ־צווייפלהאַפטן, מאַלערישן טאַלענט, וואָס זי האָט געהאַט, נאָר מער

נאָך צוליב דעם גוואַלטיקן, אומגעשטילטן דראַנג צום צווייטן געשלעכט, וואָס האָט אַזוי טיף געטליעט אין אירע ווייבערשע בלוטן.

מאַלין האָט געקוקט אויף דער צייכענונג און געקוקט אויף רוטאן. אים האָט פאַרכאַפּט ניט נאָר איר ארבעט נאָר מער נאָך זי אליין! עס איז איצט געווען עפּעס קינדישעס, עפּעס ריין תמימותדיקס אין איר פּנים, אין אירע אויגן. קיין מינדסט שאָטנדל פון שולד אָדער בושה. נאָך איצט, שטייענדיק פאַר אים, אין מיטן וואַלד, האָט זי דאכט זיך איבערגעלעבט נאָך אַמאָל דאָס טיפע געפיל, וואָס זי האָט געהאט ביים צייכענען דאָס בילד. נאָך איצט האָט אַ גלאַנץ פון הינגעריסנקייט געגליט אין אירע גרויסע, ברוינלעכע אויגן. אירע פולע ליפּן זיינען נאָך איצט געווען ליידנשאַפטלעך צעעפנט און פון אירע באַקן האָט אויך איצט אראָפּגעשפּילט דאָס תאוה־פייערל, פונקט ווי זי וואָלט זיך נאָך איצט געפונען אין יענעם הייליקן טראַנס פון שאַפן, וואָס איז דאָך, אייגנטלעך , בלויז אַן אנדער זייט פון זעלבן געשלעכט־דראַנג.

עס איז אַוועק א היפּשע ווײַלע אין שטילקייט. מאַלין איז געשטאַנען ווי ס׳לשון וואָלט ביי אים געווען אָפּגענומען. אין קאָפּ ביי אים האָט זיך געראַיעט אַ כאַאָס פון רייד און געדאַנקען אָבער אָן יעדן פאָדעם צו דעם כאַאָס צו צוקומען.

ער האָט גענומען צעוויקלען די צייכענונג און געוואָלט זי אריינלייגן צו זיך אין בוזעם. רוטא האָט אָבער גיך געטאָן א צי ארויס דאָס צוגעוויקלטע פּאַפּיר פון זיינע הענט און עס גענומען צעררייסן אויף פּיץ־פּיצלעך זאָגנדיק דערביי מיט א טיף דורכגעפילט קול:

— איך האָב דאָס ניט געמאכט ווי א קונסט־ווערק פאַר אייער וואַנט.

מאַלין האָט ענדלעך געקראָגן לשון זי א פרעג צו טאָן:

— צו וואָס, אייגנטלעך, האָט איר דאָס געמאכט?

— בלויז אייך צו ווייזן ווי איך זע אייך!

מאַלין האָט געהאַט אַ מאָדנע געפיל ביים הערן די דאָזיקע ווערטער. דער מענטש אין אים האָט זיך עפּעס דערפילט דערנידעריקט. דער מאַן אָבער — האָט זיך געפילט שטאָלץ, דערהויבן.

— מער ווי געשלעכט זעט איר אין מיר גאָרניט? האָט ער שטיל און ניט דרייסט געפרעגט.

— אלעס אנדערע אין אייך איז פון ווינציקער באַטייט. ביי קיין אַנדער מאַן דאָמינירט ניט דאָס מענלעכע אַזוי שטאַרק, ווי ביי אייך, האָט רוטא דרייסט אים געענטפערט. אין אייך זע איך דער עיקר דעם

מאַן, הוילער מאַן! אין יעדן טראַט אייערן זענט איר דאָס, אין יעדן וואָרט וואָס איר רעדט ארויס איז דאָ מאַן, דער ווילן און כח פון מאַן!

***

האָט ער רוטאַן ליב געהאַט?

יעדע פרוי ווירקט אַנדערש אויף אַ מאַן. איינע רופט צו זיך ארויס קאַלטע גלייכגילט, אַן אַנדערע — שאַרפן ווידערווילן. אַ דריטע וועקט די רויעליידנשאַפטן, די גראָבע תאוה. דער מאַן ווערט אין אַזאַ איינערס אַנוועזנהייט ווי דער אָגער אין פרילינג, ווען ער דערזעט אַ זי. עס זיינען אָבער אויך פאַראַן פרויען וואָס, כאָטש זיי רופן צו זיך ארויס באַגער, ליידנשאפט, האָבן זיי אָבער דאָס געטלעך געשאַנק פון קאָנען די דאָזיקע ליידנשאפטן צאַמען, פאַרמענטשלעכן זיי און ארויסרופן אין מאַן יענע צאַרטקייטן און יענע רו, וואָס איז אזוי נויטיק פאר שעפערישע נאַטורן.

רוטא האָט געהאט אזאַ ווירקונג אויף מאַלינען. ס'איז אים גוט געווען מיט איר. זי האָט אים בארויקט, פונקט ווי עס האָט אים בארואיקט דער וואַלד, דער בלאָער הימל, די שטילקייט ארום, דאָס קוים־הערבארע מורמלען פון שמאָלן וואסערל, וואָס שאַרוועט יעדן פרילינג פאַרביי דעם פענסיאָנאַט. נאָך אַ שפּאַציר מיט רוטאַן האָט ער געקאָנט שטיין שעהן לאנג און מאָלן און גאַרניט מיד ווערן.

רוטא איז אבער ניט צופרידן געווען פון אַזאַ ראָל. זי איז ניט געווען פון דעם מין שטאָפּל־פרויען וואָס העלפן דעם מאַן קלעטערן צו קינסטלערישע הויכקייטן. רוטאָס חלום איז געווען דער מאן זאָל זי דאָמינירן, אָבער מיט איר אייגענעם כח! זי זאָל זיין דער צענטער, דער מיטן אין דער דאָמינירונג.

רוטאָס אינטערעס אין מאַלינען איז דאָך לחתחילה ענטשטאַנען צוליב זיין ניט באַמערקן זי, און מער נאָך צוליב זיין „ברוטאַלקייט" צו אַן אַנדער מיידל. רוטא האָט אין אים דערזען איר געאַנטן חלום: אַ מאַן וואָס האָט דעם כח בייצושטיין און באַצווינגען די פרוי! אַ מאַן פאַר וועמען די פרוי דאַרף זיך ראַנגלען, ניט ווי אירע מענער, וואָס פאַלן צו אירע פיס. איז דעריבער אין איר שאַרף געוואָרן דער באַגער אַזאַ מאַן איינצוצאַמען, אים צו באַזיגן, אַ געפיל, וואָס איז אזוי אייגן יעדער עכטער פרוי.

עס קאָן זיין אז אין אָנהויב איז דאָס ביי רוטאַן געווען בלויז שפּיל. אַ חשק אַזאַ זיך אליין צו באווייזן אַז וואָס אנדערע פרויען

קאָנען ניט, דאָס קאָן זי יאָ. און אזוי גיך ווי זי וועט דאָס גרייכן, וועט דאָס גאנצע שפּיל פאַרלירן דעם רייץ און וועט זי אויפהערן צו אינטערעסירן, פּונקט ווי אלע אירע ביז איצטיקע שפּילן האָבן זי אויפגעהערט צו אינטערעסירן.

אין דעם שפּיל האָט רוטא אָנגעווענדט אלע געגנגעלעך, וואָס בלויז ראַפינירטע פרויען באַזיצן. כאָטש אין תוך האָט זי געלאָקט די זעלבסטשטענדיקייט, די ניט נאָכגיביקייט, וואָס זי האָט אין מאַלינען געפונען, האָט אָבער די פרוי אין איר דוקא געוואָלט אָט די זעלבסט־שטענדיקייט צעברעכן.

מאַלין האָט דענסטמאָל ניט געטראַכט פון דעם. אים איז גאַרניט איינגעפאלן, אז רוטא פירט דאָס אזוי מיט זיך אליין א טאָפּלטן קאַמף. פון איין זייט האָט די פרוי אין איר געליטן וואָס אין דעם מאַן איז דאָ א כח, וואָס איז שטאַרקער פון איר, א כח, וואָס דעקט זי לחלוטין צו, פון דער אנדערער זייט אָבער איז עס דאָך געווען טאָקע דער פח, וואָס האָט גערעגט די פרוי אין איר אָט דעם כח אונטערטעניק צו ווערן!

אויסדרוק צו דעם טאָפּלטן קאמף האָט זי געגעבן איינמאָל אין אָן אָוונט. דאָס איז געווען נאָך דעם ווי זי איז אַ גאַנצן טאָג ניט אַראָפּגעקומען אין עס־זאַל. ביי אַלע דריי מאָלצייטן איז איר שטול געבליבן לעער און דער טעלער מיטן געגרייטן געשיר אנטקעגן מאַ־לינען איז געבליבן ניט גערירט, פּונקט ווי דאָס קעלנער־שיקסל האָט עס אָוועקגעלייגט.

אַ גאַנצן טאָג איז מאַלין געווען אומרואיק. ער האָט ניט געוואוסט וואָס מיט רוטאַן האָט געטראָפן. צוליב די אָנצוהער־בליקעלעך און שמייכעלעך פון די געסט און פון דער באַלעבאָסטע מיט דער דינער־שאַפט, האָט ער אויך ניט געוואָלט קיינעם פרעגן. זעענדיק אז צום אָוונטברויט איז זי אויך ניט אַראָפּגעקומען, איז ער גלייך נאָכן עסן אַרויף צו איר אין צימער.

רוטא איז געווען אליין. זי איז געלעגן אויף איר בעט אין אַ שוואַרץ זיידן יאַפּאַנעזישער קימאָנע, ארומגענומען ארום דער טאַליע מיט א ווייך־קאָלירטער, פון זייד־פעדים געדרייטער גאַרטל, פאַר־בונדן אין דער זייט אין א לויזן שלייף מיט צוויי ווייכע, נאָכהענגענ־דיקע טראָלדן. אויף אירע פיס זיינען געווען אָנגעשטעקט אַ פּאָר ווייכע, רויט־זיידענע לעטשעלעך מיט גרויסע, פּוכיקע, ווייך־קאָלירענע פּאָמפּאָנעס.

מאַלינס אַריינקום איז פאַר רוטאַן ניט געווען קיין איבערראַשונג. זי האָט אים נאָך דערוואַרט בייטאָג. דערזעענדיק אים אין דער געעפנ־טער טיר, האָט זי זיך געטאָן א הייב פון בעט, ווי זי וואָלט זיך געוואָלט אויפזעצן, נאָר האָט צוריקגעלייגט דעם קאָפּ, ניט זאָגנדיק א וואָרט.

מאַלין האָט זיך דערנענטערט צו איר בעט. ער האָט געקוקט אויף איר. מאָדנע, ער האָט ניט געהאַט קיין באַגער עפּעס צו זאָגן, עפּעס צו פרעגן. ער איז בלויז שטיל געשטאַנען און געקוקט ווי אונטער זיין בליק צינדן זיך אירע באַקן און ווערן פאַרלאָפן מיט דעם אָפּגלאַנץ, וואָס זי האָט געהאַט יענעם אינדערפרי ווען זי האָט אים געוויזן די צייכענונג, וואָס זי האָט געמאַכט פון אים. אויך איצט איז איר פּול, זאַפטיק מויל געווען האַלב געעפנט, ווי עס וואָלט איר אָטעם פאַרפעלט פון א טיפער, אין זיך אונטערדריקטער איבער־לעבונג.

מאַלין האָט זיך איינגעבויגן. ער האָט צוגענענט זיין פנים צו רוטאַן. זי האָט ניט אַוועקגענומען איר בליק. אדרבה, איר בליק איז געוואָרן עקשנותדיקער, אַרויסרופנדיקער, ווי זי וואָלט געוואוסט אז אָט, טאַקע אין דעם בליק אירן, ליגט דאָס דער כח וואָס ציט אים אַזוי צו. ענדלעך, ווען ער איז שוין געווען נאָנט, ווען זיין מויל האָט געהאַלטן ביים באַרירן אירע ליפּן, האָט זי מיט דער האַנט אים אַ שטופּ אָפּ געטאָן און זיך אַוועקגעדרייט צו דער וואַנט.

מאַלין האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני, ער האָט געוואָלט אַרומ־נעמען איר קאָפּ, זי צודריקן צו זיך, אויסקושן אָט דעם גאַרענדיקן גלאַנץ פון אירע גרויסע, שיינע אויגן, איינזאַפּן אין זיך דעם הייסן אָטעם פון איר פּרעכטיק מויל, דערפילן דעם ביס פון אירע ווייסע, רייצנ־דיקע ציין, אָבער רוטאַ האָט אים אַוועקגעשטופּט, מיטן גאַנצן כח האָט זי אים אַוועקגעשטופּט, כאָטש איר אָטעם האָט געברענט און אירע הענט האָבן זיך געקראַמפּט פון באַגער אים צוצוציען נאָנט, נאָנט צו זיך.

מאַלין איז אויפגעשטאַנען פון זיין קניען פאַר איר, צוריקגעטרעטן פון בעט און זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול. ערשט איצט האָט רוטאַ צוריק אויסגעדרייט דעם קאָפּ. כאָטש זי האָט ווידער געקוקט אויף אים מיט דעם פריערדיקן, עקשנות־בליק, האָבן אָבער אירע אויגן מער ניט געהאַט יענעם ווייך־מאַטן אָפּגלאַנץ. א שאַרף, אומהיימלעך בליקעלע האָט איצט אַרויסגעקוקט פון אירע אויגן.

רוטאַ האָט געשוויגן. אויך מאַלין האָט ניט גערעדט קיין וואָרט. זיין פריערדיקע הינגעריסנקייט, אָט דאָס פּלוצים אויפגעפלאַמטע פייער, איז אין אים געווען פאַרלאָשן. ער האָט איצט געטראַכט קאַלט און קלאָר. ער האָט איצט איינגעזען אַז רוטאַס כוונה מיט דעם ניט קומען צום טיש איז געווען כדי אים צו ברענגען צו איר, אים צו שטעלן אויף די קני, צווינגען אים זי צו באַגערן, כדי דערנאָך זאָל זי קאָנען, מיט אָט דעם זיגערישן בליקעלע אין די אויגן אים אוועקשטופן, אָפּוואַרפן דאָס, נאָך וואָס זי גאַרט מיט איר גאַנץ וועזן. אים האָט אָנגעהויבן קלאָר ווערן אַז אָט די רוטאַ קאָן ניט זיין מיט אַ מאַן גלייך מיט גלייך. איר ווייבלעך גליק קאָן זי נאָר געפינען אין ווערן אונטערטעניק צום מאַן. טאָמער אָבער האָט ניט דער מאַן דעם כח זי אונטערטעניק צו מאכן, וועט זי אים ברענגען אויף זיינע קני, וועט זי צעברעכן אין אים יעדע מענלעכע ווירדע, וועט זי אים באַהערשן און צוליב דעם באַהערשן, אים פאַראַכטן, פאַרלירן אין אים יעדן אינטערעס און סוף כל סוף אים אַוועקוואַרפן, פּונקט ווי זי האָט אַוועקגעוואָרפן אַלע ביז איצטיקע מענער אירע.

מאַלין האָט זיך געטאָן אַ שטעל אויף. רוטאַס אויגן זיינען גע־וואָרן דריי מאָל אַזוי גרויס. אירע ליפּן האָבן זיך פייגלעך צעעפנט. אין זיין בלויזן שטעל־אויף האָט רוטאַ דערפילט וואָס ער האָט געטראַכט.

— גייט ניט אַוועק, האָט זי שטיל און מיט ציטער אין קול זיך געבעטן.

לעבן דער טיר איז מאַלין שטיין געבליבן. רוטאַס פּרעכטיק געפאָרמטע אָרעמס זיינען געווען אויסגעשטרעקט צו אים. אירע ווייסע הענט, ענטבלויזטע פון די שוואַרץ־זיידענע, צו די אַקסלען צוריקגע־פאַלענע קימאָנע־אַרבל, האָבן אים ממש געבלענדט די אויגן. זי האָט געהאַלטן די הענט אין דער לופט, ווי זי וואָלט געוואָלט דורך דער ווייט פון צימער אים צוריק דערכאַפּן:

— קומט אַהער!

מאַלין האָט זיך ניט גערירט. רוטאַס רייד און געבעט האָבן אים געלאָזט קאַלט. ער איז געווען גלייכגילטיק צו די שיינע, ווייסע, אויסגעשטרעקטע אָרעמס, וואָס נאָר וואָס האָבן זיי אים אַוועקגעשטופּט און איצט גאַרן זיי אַזוי אים צוריק צו כאַפּן:

— איר קאָנט מיך ניט, רוטאַ, האָט מאַלין געזאָגט שאַרף און קאַלט. איך בין ניט פון יענע קאַוואַליערן וועמען איר קאָנט ברענגען

אויף די קני כדי זיי אַוועקצואוואַרפן פונקט דענסטמאָל ווען איר האָט זייער באַגער אויפגעוועקט. איך — אָדער איך נעם, אָדער איך קוק זיך ניט אום...

***

נאָך דעם באַזוך אין איר צימער, איז צווישן רוטאַ און מאַלין אַנגעשטאַנען אַ קאַלטקייט, אַ מין רעזערווירטקייט פון איינעם צום אַנדערן. ביים טיש און אויף די שפּאַצירגענג איז רוטאַ געווען צוריקגעהאַלטן. זי האָט ווינציק גערעדט. עס האָבן אויך אויפגע־הערט צווישן זיי די שטיפּערייען, דאָס וואַרפן זיך טרוקענע שישקעס און דאָס אראָפּקייקלען איינער דעם אַנדערן פון די בערגלעך אין דעם שיסלדיקן טאָל אריין. מאַלינען האָט זיך געדאַכט, אַז יענער דעצע־דירנדיקער שטעל־אויף זיינער, ביי רוטאַן אין צימער, האָט מיט איינ־מאָל איבערגעהאַקט אַלע פעדימלעך, וואָס האָבן זיך ביי זיי אָנגעהויבן וועבן פון איינעם צום אַנדערן.

עס זיינען אוועק עטלעכע טעג. עס האָט אָנגעיאָגט פּסח. אין פּענסיאָנאַט איז אָנגעשטאַנען אַ האָוועניש. די באַלעבאָסטע מיט די פאַרפּלאָנטעטע בעקלעך האָט, פּונקט ווי אַ גענעראַל, געקאָמאַנדעוועט מיט איר ביסל קיך „וואָיסק" ביים ראַמען און לופטערן און צוגרייטן דעם פּענסיאָנאַט פאַר דעם שטראָם געסט, וואָס דאַרף זיך דאָ טאָן אַ לאָז אַראָפּ פון וואַרשע אויף דעם אָנקומענדיקן יום טוב.

צוליבן אָנקומען פון פּסח האָבן אַ טייל פון די אַלטע געסט זיך געקליבן אהיים. אויך מאַלין האָט זיך געגרייט קיין וואַרשע צו זיין אויסשטעלונג, וואָס האָט זיך געזאָלט עפענען דעם ערשטן טאָג יום טוב. רוטאַ דאַגעגן האָט געזאָלט בלייבן. צו איר האָט באַדאַרפט ארויס־קומען דער געליבטער אירער אויף גאַנץ פּסח.

דעם אָוונט פאַר מאַלינס אוועקפאָרן האָבן ביידע אַ סך שפּאַצירט. עס איז געווען אַ קילער אָוונט. אַ שאַרפער ווינט האָט געבלאָזן. דער וואַלד האָט גערוישט. צווייגן האָבן זיך געוויגט און געבויגן אין אַלע זייטן. דער הימל איז געווען שוואַרץ, זעלטן אַ שטערן צו זען, און אין האַרץ האָט געגנאָגט אַ זיס־פּיינלעכע נאָגעניש פון פאַר אַ צעשיידונג.

רוטאַ האָט זיך געטוליעט צו מאַלינען. זי האָט ניט גערעדט קיין וואָרט. אויך ער האָט געשוויגן. זיי זיינען ארויס פון וואַלד און צו צו דער באַן. עס איז דאָ געווען שטיל. דאָס קליינע, האָלצערנע

וואָקזאַלכל איז געשטאַנען אן אויסגעלאָשנס, א פינצטערס ווי עס וואָלט געשלאָפֿן. די איינציקע באַנק, דרויסן, איז געשטאַנען לעער. און לעער און פּוסט איז געלעגן דער שמאָלער, האַלבצערגער טראָטואַר און פּונקט אזוי פּוסט זיינען געלאָפֿן די שטאָלענע רעלסן צווישן ביידע זייטן וואַלד.

ביידע האָבן זיך אוועקגעזעצט אויף דער באַנק. רוטא האָט אוועקגעלייגט איר קאָפּ אויף זיין אַקסל. מאַלין האָט געפילט איר הייסן אָטעם אויף זיין פּנים. זיי האָבן ביידע געקוקט צו דעם איינציקן שטערן, וואָס האָט זיך דורכגעריסן דורך אַ כמאַרע און אַראָפּגעשפּיזט אויף דער ערד אַ דין, קאַלט, שפּיזלדיק ליכט. פּלוצים האָט זיך רוטא געטאָן א שטעל אויף און אָן אַ וואָרט געגומען גיין. אן איבערראַשטער האָט מאַלין נאָכגעקוקט ווי זי שלייכט זיך אוועק, ווי א שאָטן, צוריק אין וואַלד אריין, פון וואַנען ביידע זיינען נאַרוואָס ארויס.

ער איז גיך אויפגעשטאַנען און גענומען נאָכגיין. רוטא האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט און ער האָט זי ניט געוואָלט אָניאָגן. נאָכגייענדיק נאָך רוטאן, זעענדיק ווי זי שוועבט פאָראויס, גיך, גיך, האָט מאַלין געהאַט ס׳געפיל אַז רוטא אנטלויפט דאָ ניט פון אים נאָר פון עפּעס, וואָס זיצט טיף אין איר אליין.

צוקומענדיק צום פּענסיאָנאַט האָט רוטא זיך אפילו ניט אומגעקוקט, נאָר אריין אינעווייניק און גלייך גענומען ציען איבער דעם שטאָק שטיגן ארויף צו זיך אין צימער.

אין אַ ווײַלע אַרום איז מאַלין נאָכגעקומען. ער האָט אויסגעמיטן די נייגעריקע בליקן פון די געסט און זיך גלייך פאַרנומען צו די טרעפּ. ארויפקומענדיק אויפן ערשטן שטאָק האָט ער געפונען רוטאס טיר האַלב אויפגעפּראַלט. ער איז געבליבן שטיין. עס איז פאַר אים געווען קלאָר אז רוטא האָט בכיון געלאָזן אָפן די טיר פאר זיינעטוועגן, ער זאָל נאָכקומען. נאָר ער, אָנשטאָט אריינגיין צו רוטאן, איז גאָר אריין צו זיך אין צימער און זיך אויסגעצויגן אויף דער קאַנאַפּקע.

די ערשטע עטלעכע רגעס האָט ער נאָך געטראַכט פון רוטאן. אים זיינען געווען פרעמד און דערווידער אָט די דאָזיקע געננג אירע. פון איין זייט דאָס פּלוצימדיקע אַנטלויפן אָן א וואָרט און פון דער אַנדערער זייט דאָס לאָזן אָפן די טיר ער זאָל נאָכקומען. פאַרוואָס קאָן דאָס מיידל ניט זיין פּשוט, אָפן? באַלד אָבער איז רוטא אים אינגאַנצן ארויס פון דמיון. אַנדערע בילדער זיינען געקומען אָנצו־

שווימען אין געדאַנק אריין. אָט איז פּאַריז, די אַטעליע, פרוי, קינד, בילדער, אויסשטעלונג!

עס זיינען אוועק אַ פּאָר שעה. מאַלין האָט שוין גאָר געהאַט פאַר־געסן אָן רוטאַן, אָן איר נאַרוואַסיק אַנטלויפן. פּלוצים טוט זיך אָן עפן די טיר און רוטאַ טוט אַ פאַל אריין, טאַקע פּשוט אַ פאַל אריין!

מאַלין האָט געטאָן אַ שפּרונג אויף פון דער קאַנאַפּע. ער האָט זיך ממש דערשראָקן פאַר איר. אירע האָר זיינען געווען פאַרוואָרפן אויף אַ הינטער, ניט צוגעקעמט, אויך ניט אָנגעטאָן. בלויז ארויפ־געכאַפּט די זיידענע קימאָנע אויפן הוילן לייב, אָן דעם גאַרטל אפילו און די ווייכע שטעק־שיכלעך אָנגעשטעקט אויף די באָרוויסע פיס.

ביים אריינקום האָט זי נאָך מיט אַ האַנט צענויפגעהאַלטן די קימאָנע־פּאָלעס פון פאַנאַנדערפליען זיך. אָבער טועגדיק אַ פאַל צו מיט איר קאָפּ צו מאַלינס שויס, האָט זיך די ברייטע, לויזע, זיידענע קימאָנע צעעפנט און זיך אַראָפּגעגליטשט פון אירע הכנעהדיק־נאָכ־געלאָזטע אַקסל אויף דער ערד אַראָפּ און איר נאַקעט לייב האָט געטאָן אַ בלענד פאַר זיינע אויגן.

— פאַרוואָס ביזטו ניט אריינגעקומען? האָט זי געשלוכצט און אירע נאַקעטע אַקסלען האָבן אַזוי קאָנוואולסיוו געציטערט.

רוטאַס אָוועקפאַלן אויף זיין שויס. איר דערשטיקט שלוכצן און, דער עיקר, איר אריינקומען צו אים אין איין הוילער קימאָנע, וואָס איז אויך פון איר אַראָפּגעפאַלן, אָט דאָס אַלץ האָט מאַלינען ווי פאַראַליזירט. עס האָט גענומען אַ היבשע ווילע ביז ער איז געקומען צו זיך, זיך איינגעבויגן, גענומען רוטאַן, ווי אַ קינד אויף זיינע הענט און זי צוגעטראָגן צום בעט.

רוטאַ האָט זיך ניט געוועדט. זי האָט אים אויך ניט ארומגענו־מען ביים טראָגן זי. איר קערפּער איז געווען אַזוי נאָכגעלאָזן, שלאַ־בעריק, ווי אַלץ אין איר וואָלט געווען געבראָכן, ווי זי וואָלט מער ניט בכח געווען צו קיין ווידערשטאַנד, אפילו ניט צו דערכאַפּן די שוואַרץ־זיידענע קימאָנע, וואָס איז געבליבן ליגן אויף דעם רויט געפאַרבטן דיל.

ביים טראָגן זי צום בעט האָט מאַלין גאָרניט געטראַכט פון דער קימאָנע, אויך ניט דערנאָך, זיצנדיק אויף דער קאַנאַפּע אנטקעגן רוטאַן. ער האָט געקוקט אויף איר ווי זי איז געלעגן אַ הוילע אויף זיין בעט. ער האָט אויף איר רחמנות געהאַט. אָרעמע! זי האָט אוודאי איצט געשפּילט איר שטאַרקסטע קאָרט! פריער, אָפּנ־

לאָזנדיק די טיר, איז זי אוודאי זיכער געווען אַז ער וועט נאָכקומען און, ווי אַ געבראָכענער ריטער, זיך שטעלן פֿאַר איר אויף די קני. אַז ער איז ניט געקומען האָט דער שטאָלץ פֿון דער מאָדערנער פֿרוי זיך דערפֿילט געקרענקט בעת דער אור־ווייבלעכער אינסטינקט אירער באַהערשט צו ווערן האָט נאָך שטאַרקער אין איר אויפֿגעפֿלאַמט. און אָט, צוליב דעם אינערלעכן געראַנגל, האָט זי דאָס פֿאַרלאָרן איר גלייכגעוויכט און געקומען אים נעמען מיט דער לעצטער מאכט וואָס אַ פֿרוי האָט. נאָר ער? — אָט זיצט ער גאָר פֿון דערוויטנס, אויף דער קאַנאַפּקע, קאַלט און האָט אפֿילו ניט דעם מינדסטן דראַנג צו איר צו צוגיין, ווי זי וואָלט גאָר קיין פֿרוי ניט געווען. און אויב זי האָט עפּעס אַרויסגערופֿן אין אים איז עס זיכער ניט קיין באַגער, קיין תאווה, נאָר בלויז אַ מיטלייד, אָט דאָס, וואָס שטאָלצע, עכטע פֿרויען האָבן אַזוי פֿיינט ביי דעם מאַן.

רוטאַ האָט דאָס אָפּגעפֿילט. איר נאַקעטער קערפּער. אַן איינגעקאָרטשעטער האָט געצוקט ווי אין טיפֿער קאָנוואולסיע. איינגעגראָבן מיטן פּנים אין קישן האָט זי שטיל געשלוכצט. ניין, דאָס איז ניט געווען גלאַט קיין וויינען. דאָ האָט ניט געוויינט בלויז רוטאַ. עס האָט דאָ געוויינט דאָס לייב פֿון דער פֿרוי, וואָס איז אַזוי פֿאַרשעמט געוואָרן, אַז אַ מאַן זאָל עס ניט וועלן! עס האָט דאָ אַרויסגעוויינט רוטאַס גאַנץ וועזן, איר גאַנץ מין, די פֿרוי אין איר, וואָס איז פֿון אור־צייטן געוואוינט דער מאַן זאָל זיך נאָך איר יאָרן, כדי אין דעם שפּיל פֿון ניט וועלן, זאָל זי דער מאַן מיט געוואַלד נעמען, מיט כח זי באַצווינגען...

רוטאַס שלוכצן האָט מאַלינען געצוואונגען אויפֿצושטיין. ער האָט אויפֿגעהויבן פֿון דיל די קימאָנע, איז צו צום בעט און מיט איר געצומען פֿאַרדעקן רוטאַס נאַקעט לייב. נאָר זי, רוטאַ, האָט גאָר אַ כאַפּ געטאָן זיין האַנט צו איר ברוסט, ווי זי וואָלט געוואָלט פֿאַרהאַלטן איר שלוכצענדיק האַרץ פֿון פּלאַצן.

מאַלין האָט זיך צוגעזעצט לעבן איר. רוטאַ האָט אויפֿגעהערט שלוכצן. זי האָט זיך אויפֿגעזעצט. ווידער איז איר אויבערשטער טייל קערפּער געוואָרן אַנטבלויזט. זי האָט געקוקט אויף מאַלינען מיט גרויסע, תמימותדיקע אויגן, ווי זי וואָלט אים ערשט ס׳ערשטע מאָל געזען.

— דו ביזט שטאַרקער פֿון מיר, האָט זי שטיל געזאָגט, און איך האָב דיך דערפֿאַר אַזוי ליב.

— איך האָב גאָרניט געוואָלט שטאַרקער זיין, האָט מאַלין איר געענטפערט. דו פאַרשטייסט בלויז ניט...

מאַלין האָט דאָ געוואָלט רוטאַן דערקלערן פון וואַנען עס נעמט זיך די פּלוצים אויפגעשטעלטע וואַנט צווישן זיי, אַז אייגנטלעך איז זי דאָ אליין שולדיק, אבער רוטאַ, פּונקט ווי יעדע פרוי, וואָס וויל ליבע און ניט קיין אויפקלערונג, האָט אויסגעבראָכן אין א שטורעם. ווי אַ פלאָם האָט זי אים געטאָן א כאַפּ ארום מיט אירע, ווייסע, נאַקעטע אָרעמס, אים געדריקט צו אירע שטייפע, אָוועקשטייענדיקע בריסט:

— איך וויל ניט פאַרשטיין! איך וויל דיך, דיך אינגאַנצן, מיט מיין גאַנצער נשמה וויל איך דיך און דו אנטלויפסט פון מיר...

— אָט דאָ, רוטאַ, איז די וואַנט צווישן אונדז ביידן, האָט מאַלין זיך אַרויסגעשיילט פון אירע אָרעמס און זיך צוריק גלייכגעזעצט לעבן איר. דו ווילסט אינגאַנצן! אביסל איז נאָך שפּיל, אינגאַנצן אָבער איז שוין ערנסט... און איך האָב דיר געזאָגט, אַז אויך ביים קינסט־לער איז שפּיל און ערנסט ניט דאָס זעלבע. און אפילו שפּיל איז שוין צווישן אונדז אויסגעשלאָסן. דיין שפּיל אין ליבע איז מיר פרעמד. גיי בעסער צו דיין געליבטן. ער האָט דיך ליב. צווישן אונדז ביידן קאָן סיי ווי קיין האַרמאָניע ניט זיין. ניט אלעמאָל וועל איך דאָך האָבן דעם כח דיך צו האַלטן אויף די קני און אַזוי ארום דיר געבן דאָס ווייבלעכע גליק—דאָס געפיל פון אונטערטעניקייט, וואָס איז דיר אַזוי נויטיק כדי דו זאָלסט קאָנען ליב האָבן. אין אַ מאָמענט פון שוואַכקייט קאָן דאָך טרעפן איך זאָל זיך שטעלן אויף די קני פאַר דיר. דענסטמאָל, אָ, דענסטמאָל וועט מוזן געשען וואָס עס געשעט מיט דיר אַלעמאָל. איך וועל ווערן ביי די נאָך איינער צווישן די פילע אוועקגעוואָרפענע!

רוטאַ איז אַראָפּ פון בעט. זי האָט זיך אויסגעגלייכט. מיט איינמאָל איז די צעקנייטשקייט און נאַכגעלאָזנקייט פון איר אוועק. אין אירע אויגן האָט זיך באַוויזן אַ מין דרייסטקייט, שיעור ניט אַ טראַציקייט. זי האָט אָנגעטאָן די קימאָנע, אָנגעשטעקט די ווייכע לעטשלעך אויף די פיס און זיך געשטעלט פאַרן שפּיגל גלייך מאַכן די צעוואָרפענע האָר.

די גאַנצע צייט פון איר פאַרען זיך איז מאַלין געזעסן אויפן ראַנד פון בעט און איר נאָכגעקוקט און געטראַכט ווי שיין זי איז, און ווי שיין איז איר קערפּער. ער האָט באַוואונדערט די פולע, שטייפע בריסט, אירע געטאָקטע אַקסלען, דער אויסבויג ביי דער טאַליע און

די שלאַנקע, שטאַלטנע פיס. אַט אזא האַרמאָנישקייט אין קערפּער געפינט מען בלויז ביי ראָדען, אין זיינע סקולפּטורן. אָבער מערק־ווירדיק, פּונקט ווי ראָדענס סקולפּטור רעדט בלויז צום שיינקייטס געפיל, אזוי האָט רוטאס קערפּער איצט גערעדט בלויז צו זיינע עס־טעטישע חושים. ערשט איצט ווען זי האָט זיך איינגעהילט אין דעם איידעלן זיידנס, ווען זי האָט מיט דער קימאָנע שטייף אַרומגענומען איר קערפּער, האָט ער דערפילט אַ באַגער צוצוגיין זי אַרומנעמען און איר טאָן אַ קוש. אָבער רוטא האָט אים זייער איידל אָפּגעשטופּט. זי האָט זיך אויסגעדרייט מיט דער פּלייצע צום שפּיגל, אים אַ ווײַלע אָנגעקוקט און שטיל געפרעגט:

— ווען קומסטו צוריק?

— נאָך פּסח, האָט ער געענטפערט.

רוטא האָט זיך פאַרטראַכט. זי האָט געקוקט אַראָפּ אויף אירע לעטשלעך. דערנאָך האָט זי אויפגעהויבן די אויגן גלייך אויף מאַלינען, ווי זי וואָלט געוואָלט גוט זען וואָסער איינדרוק אירע רייד וועלן אויף אים לאָזן:

— איך וועל מיין געליבטן דאָ ניט לאָזן לאַנג זיין. איך וועל וואַרטן אויף דיר. אויב וועסט מיך נאָך טרעפן ווען דו וועסט צוריק קומען איז אַ סימן אז איך בין גרייט אפילו אויף שפּיל!

נאָך די רייד האָט זי געעפנט די טיר און איז אָן אַ גוטע נאַכט אַרויס פון צימער.

***

אַכט טעג איז מאַלין געווען אַוועק פון פּענסיאָנאַט. אינדער־אמתן איז ער קיין איין מינוט ניט געווען אַוועק. יעדע רגע פון די אַכט טעג איז ער געווען מיט רוטאַן. בעת דער עפענונג פון זיין אויסשטעלונג, אין רעכטן מיטן טומל, אַרומהאַוועדיק צווישן פריינט און באַקאַנטע, אויסהערנדיק די געווייַנלעכע קאָמפּלימענטן און לויב אויף זיין ארבעט, האָט ער נאָר געטראַכט פון רוטאָן, געזען בלויז רוטאַן. זי איז געווען מיט אים אין יעדן קער זיינעם. יעדע גע־מיינזאַם איבערגעלעבטע מינוט איז בולט געווען פאַר זיינע אויגן. ווי אַ לעבעדיקע פילם־לענטע האָבן זיך די בילדער געוויקלט פאַר זיין דמיון.

פאַרוואָס איז ער געווען אזוי גלייכגילטיק צו רוטאַן? נאָר איז דען דאָס געווען גלייכגילט?

האָט ער טאַקע באַדאַרפֿט אָוועקפֿאָרן כדי רוטא זאָל אים נאָנט ווערן? אָבער איז זי אים טאַקע נאָנט? פֿאַרוואָס האָט זי קיינמאָל ניט ארויסגעוויזן קיין אינטערעס אין זיין מאָלן? זי, וואָס איז אליין אַזאַ טאַלאַנטפֿולע קינסטלערן! האלט זי ניט פֿון זיין מאָלעריי? אָדער איז זי אזוי פֿיל עכטע אור־פּרוי אז זי דאַרף ניט פֿון מאַן זיין גייסט, ניט זיינע אויסצייכענונג־פֿליטערלעך, נאָך וואָס געוויינלעכע פֿרויען פֿאלן אזוי, נאָר זי דאַרף בלויז אים, דעם מאַן, כדי דורך אים זיך אויפֿצולייזן אין דער געגאַרטער האַרמאָנישער גאַנצקייט צום ווייטערן באַשאַף?...

מאָלין איז צוריק געפֿאָרן אין פּענסיאָנאַט אריין מיט א פֿריידיק האַרץ. די שעה אין באַן איז אים געווען צו לאַנג. אים האָט זיך געדאכט אז זי, די באַן, לויפֿט ניט גיך גענוג.

אָנקומענדיק צו דעם האָלצערנעם וואָקזאלכל האָט ער געטאָן א גיכן שפּרונג אראָפּ פֿון באַן־בריקל און זיך געלאָזט מיטן וואָליזקעלע אין האַנט, דורכן שיטערן וועלדל, אָוועק צום פּענסיאָנאַט.

עס איז געווען א ווארעמער, זוניקער פֿרימאָרגן. דער פּסח האָט נאָך געפֿלאַטערט אין דער לופֿט. עס האָט נאָך געשמעקט מיט יום־טוב רו. א סך פֿון די געקומענע געסט זיינען נאָך דאָ געווען. יונגע פֿרויען אין פֿאַרביקע קליידער מיט שיקאָווע היטעלעך אויף די קעפּ, יונגע מאַנסביל אין ספּאָרט קאָסטיומען און קני־הויזן מיט וואָלענע, געקעסטלטע זאָקן איבער די ליטקעס האָבן געמיטלעך געשפּאַצירט אין דעם שיטערן, זון דורכגעלויכטענעם סאָסנע־וואַלד. אויף די צוּשטעלטע בענק, לענג אויס די אלייע, זיינען געזעסן דינסטמיידלעך און גוואווערנאַנטקעס און ארום זיי האָבן יונגע קינדער אין קורצע הויזקעס, אין קורצע קליידלעך ארומגעהאוועט, געלאָפֿן היין און צוריק, געוואָרפֿן באַלעמס אין דער לופֿט, געקאָלערט הויכע, האָלצערנע רייפֿן און פּונקט ווי די פֿייגל אָנגעפֿילט דעם וואַלד מיט קינדישער פֿרייד. אָבער וואו איז רוטא?!

דעם פּענסיאָנאַט „מאַטילדא" האָט ער כמעט ניט דערקאָנט. אין די אויסלייג־שטולן, אויף דער ווערענדע און אונטער דיביימער, זיינען איצט געלעגן סאַמע פֿרעמדע מענטשן. קיין איינציקן פֿון די פֿריערדיקע געסט האָט ער איצט ניט געזען. אויך די צוויי אָוואַלע בלומען בייטלעך, וואָס זיינען נאָך ביי זיין אוועקפֿאָרן געווען צוגעצעקט מיט דעם דיקן שיכט פֿערדן־מיסט, האָט ער איצט שיעור ניט דערקאָנט. די ארומגעלייגטע שטיינער זיינען געווען פֿריש אָפּגעקאַלכט

און דאָס ביסל שוואַרצע, אָנגעשאָטענע ערד, אויף דעם זאַמדיקן גרונט, איז געווען אויפגעוואָרפן און צוקאָמט ווי מיט אַ געדיכטער קאַם. אין דער שוואַרצער ערד האָבן זיך שוין געזען גרינע בלעטעלעך, דער ערשטער אויפשפּראָץ פון די פריע פרילינג־בלומען.

זיין צימער איז געווען פאַרנומען. אַ יונג פּאָר פאָלק האָט איצט דאָרטן געוואוינט. די באַלעבאָסטע, וואָס איז מאַלינען אנטקעגן געקומען מיט דעם סוחרישן שמייכעלע אין דער טיר אריין, האָט זיך פאַר אים ענטשולדיקט:

— דער פאַן פאַרשטייט דאָך, יום־טוב, ווי קאָן מען לאָזן אַזאַ צימער לעער, וואַרטן? אויב דער פאַן וויל, קאָן זי אים געבן פאַנא רוטאַס צימער...

האָט מאַלינס פּנים אים אַזוי פאַרראַטן? ער האָט דאָך גאָרניט געזאָגט און דאָך האָט די דאָזיקע געשייטע פרוי באַמערקט ווי דער זאָג אירער האָט אויף אים געווירקט. עפּעס איז זי פּלוצים געבליבן שטיל, ווי זי וואָלט זיך געכאַפּט אַז זי האָט דאָ געזאָגט עפּעס, וואָס זי האָט ניט באַדאַרפט געווען זאָגן. זי האָט אפילו געפּרוווט פאַריכטן:

— אָ, יאָ, דער פאַן ווייסט דאָך גאָרניט אַז פאַנא רוטא איז אַוועק...

מאַלין האָט געשוויגן. ער האָט געפילט ווי יעדער אָדער אין אים לויפט אויף ביז פּלאַצן, ווי ס'בלוט יאָגט אים אין פּנים אריין, אָבער ער האָט געשוויגן. ער האָט געוואָרט צו פרעגן די פרוי:

— טייערע, ווען איז זי אַוועק? וואוהין? פאַרוואָס? אָבער זיינע ליפּן האָבן ניט אַרויסגעגעבן קיין קלאַנג. עס איז געווען צו אומגעריכט און צו פיל, נאָך צו קאָנען רעדן. עס איז געווען ניט בלויז ענטוישונג און ווייטיק, עס איז אויך געווען בושה, טיפע בושה וואָס די דאָזיקע געשייטע האָטעל־פרוי האָט באַדאַרפט זען וואָס אין אים גייט אָן, ווי די בשורה האָט אים צעבראָכן.

טאַקע צוליב דער בושה האָט ער ניט געזאָגט ניין, ער וויל ניט רוטאַס צימער. אָן אַ וואָרט איז ער נאָכגעגאַנגען דער דאָזיקער פרוי, וואָס, וועלנדיק אים אַביסעלע אויפהייטערן, האָט זי זיך צעשריגן איבערן גאַנצן קאָרידאָר אויפן שגץ, ער זאָל גיך אריינטראָגן „דעם פּאַנס" איבערגעלאָזטע, פאַרפּאַקטע וואַליזעס אין „פאַנאַ רוטאַס צימער".

איידער זי האָט אים געלאָזן אליין אין „פאַנא רוטאַס צימער", האָט די באַלעבאָסטע מאַלינען דערציילט, אַז „פאַנאַ רוטא איז נאָך

אין מיטן יום־טוב אוועק. איר חתן איז צו איר געקומען. זיי זיינען דאָ אָפּגעווען די ערשטע טעג און זיינען אוועק. זי ווייסט ניט אקוראט וואוהין. עס קאָן זיין אז זיי זיינען אין מיטן יום־טוב צוריק געפאָרן קיין וואַרשע. עס איז אויך מעגלעך אז זיי זאָלן זיך האָבן פאַרקליבן אין אן אנדער פענסיאָנאַט, כאָטש זי פאַרשטייט ניט פאַרוואָס. זי האָט זיי דען חלילה שלעכט באַהאַנדלט ?״

די פרוי איז אַרויס. מאַלין איז געבליבן אליין אין צימער. אים זיינען געקומען אויפן זינען רוטאס לעצטע ווערטער, יענעם אוונט, פאַר זיין אוועקפאָרן: „אויב וועסט מיך נאָך טרעפן ווען וועסט צוריק קומען, איז א סימן...״ ערשט איצט האָט ער די דאָזיקע ווערטער באַגריפן. „רוטא, פארוואָס האָסטו געמאכט איך זאָל דיך אזוי באַהאַנדלען, איך זאָל דיך מיט די אייגענע הענט פאַרטרייבן ? פארוואָס בין איך פון דיר אוועקגעפאָרן ?״

ער איז געגאַנגען הין און צוריק איבער דעם צימער, גלייך עמיץ וואָלט אים מיט בייטשן אַרומגעטריבן. אַלע ווילע האָט ער זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַן אַנדער זאַך, וואָס האָט געהאַט א שייכות מיט רוטאַן. אָט איז דאָס בעט ! ווי זי האָט דאָס פון דעם בעט געשטרעקט די הענט צו אים יענעם אָוונט : „גייט ניט, איך בעט אייך, גייט ניט״. און ער איז אוועק ! און אָט איז דער שפיגל, די קרוג, דאָס גלאָז, פון וואָס זי האָט געטרונקען. איבער און אָבער האָט ער געצערטלט די דאָזיקע זאַכן אין זיינע הענט. זיי צוגעלייגט צו די ליפּן, אריינ־געצויגן אין זיך דעם אָטעם, צו דערשפּירן די לופט, דעם זיסן אַראָמאַט, וואָס רוטא האָט אויף זיי געלאָזן.

שפעטער איז ער אראָפּ אין וואַלד. ער איז ארומגעקראָכן איבער אַלע וועגן און שטעגעלעך, וואו נאָר ער איז מיט רוטאן געגאנגען צו־זאַמען, אפשר וועט ער זי נאָך אָנגעגענען, אפשר וועט ער נאָך הערן דעם עכאָ פון איר געלעכטער, אפשר וועט ער נאָכאמאָל איבערלעבן א פריידיקע מינוט, כאָטש איינע פון יענע זיסע מינוטן, וואָס ער האָט מיט איר געהאַט אויף די דאָזיקע וועגן. אָבער ניין ! ניטאָ רוטא ! לער איז די לופט און פוסט איז דער וואַלד ! פאַרשטומט יעדער עכאָ און פאַרווישט יעדער שפור !

***

אָ גאַנצע נאַכט איז מאַלין געלעגן וואַך און געטראַכט פון רוטאַן. „אייער אַנטלויפן אין וואַלד אריין איז אפשר נאָר אַן אַנשטעל״, האָט זי געזאָגט. „עס וואָלט געווען די גרעסטע שטראָף פאר אייך ווען

פרויען זאָלן זיך ניט װעלן אומקוקן אויף אייך״.

רוטא, וואו ביזטו איצט? אָ, ווי איך וואָלט צו דיר געלאָפן! ווי איך וואָלט זיך געשטעלט פאַר דיר אויף די קני: „ניין רוטא, וואָלט ער געזאָגט, ניט איך, דו ביזט שטארקער!״

ער האָט זיך קוים דערוואַרט אויף טאָג. ער איז אויפגעשטאַנען. ניין, עס האָט ניט קיין זין דאָס זיצן דאָ! יענע רו פאַר ארבעט, וואָס ער האָט דאָ געפונען איז אוועק, ניטאָ מער! ער האָט צענויפ־גענומען זיינע זאַכן, זיי איבערגעגעבן דעם שגץ, ער זאָל זיי שפּעטער צוברענגען צו דער באַן און איז ארויס פון פּענסיאָנאַט.

ער האָט לאַנג ארומגעוואַנדערט אין וואַלד. זיין געדאַנק איז געווען פאַרטראָגן ווייט. ער האָט גערעדט מיט רוטאן הויך אויפן קול. וואו נאָר אַ גלאַט, זאַמדיק אָרט האָט ער אויפגעשריבן דעם נאָמען „רוטא״, „רות״. “Ruta” אים האָט זיך געדאַכט: דורכן אָנפילן דעם רוים מיט איר נאָמען האָט ער רוטאן ווידער לעבן זיך, פילט ער ווידער איר וואַרעמען אָטעם.

אַזוי אַרום האָט ער אַוועקגעוואַנדערט צו דער באַן. ער איז בכיון געגאַנגען פאַרביי פרעמדע ווילעס און פּענסיאָנאַטן. אַלעווײלע האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, זיך אויסגעדרייט און זיך ארומגעקוקט צווישן די שיטערע ביימער, טיף אין וואַלד אריין. עפּעס האָט ער געהאַט אַ באַשיינפּערלעך געפיל אז ערגעץ דאָ ארום איז רוטא דאָ. אז זי — אים זעט, אַז זי ווייסט ווי ער קאָרטשעט זיך אין פיינלעכער בענק־שאַפט, אַז זי גייט אים נאָך און ווען נאָר ער דרייט זיך אום, באַהאַלט זי זיך אונטער אַ בוים.

ער איז צוגעקומען צום וואָקזאַלכל. אַ לעצט מאָל האָט ער זיך געטאָן אַ דריי אויס:

— רוטא!

ער האָט געטאָן אַזאַ געשריי אַז די מענטשן ארום האָבן זיך אומגעקוקט.

מער ווי איין אומגעריכטן בליק אויף איר בלאַס, אויסגעבלייכט פּנים, האָט ער ניט באַוויזן צו כאַפּן. ער איז געבליבן שטיין געליימט. ער האָט געזען רוטאן שוועבן צוריק אין וואַלד אריין, ווי אימפּעטדיק זי זיגזאַגט איר גאַנג צווישן די ביימער, ער זאָל אפילו דעם שאָטן פון איר ניט קאָנען זען.

אַ גאַנצן וועג אין דער באַן, קיין וואַרשע, איז אים די סצענע געשטאַנען פאַר די אויגן. האָט זיך דאָס אים בלויז געדאַכט? ער

האָט זי דאָך אָבער געזען. בולט געזען ווי זי שלייכט אָוועק צווישן די ביימער. ניין, דאָס איז ניט געווען קיין סתם אויסמיידן צו זען דעם, נאָך וועמען זי האָט אַזוי געגאַרט. דאָס איז געווען אַן אַנטלויפן פאַר אַ געאַנטן פחד. אַ מורא פאַר אַ כח, וואָס ציט זי, ווייל ער איז שטאַרקער פון איר. אַ כח, וואָס זי קאָן ניט איבערוועלטיקן אָבער, וואָס קאָן אויך זי ניט באַהערשן, וואָס וועט זי ניט אונטערטעניק מאַכן.

די גאַנצע צייט, וואָס מאַלין איז נאָך געווען אין וואַרשע, האָט ער ארומגעזוכט רוטאַן. וואו ער איז געקומען האָט זיך אים געדאַכט איז רוטא דאָ. ערגעץ שלייכט זי אים נאָך. ער האָט זי אָבער קיינמאָל ניט געזען. ערשט פאַר זיין אַוועקפאָרן צוריק קיין פאַריז האָט זי פּלוצים געטאָן אַ שווער פאַרביי זיין פּנים. אויך דאָס מאָל, ווען ער האָט אינסטינקטיוו אַ רוף געטאָן: „רוטא!" האָט זי זיך אימפּעדיק געטאָן אַ דריי אויס און איז פאַרשוואונדן געוואָרן, דאָס מאָל צווישן אַ געזעמל מענטשן, פּונקט ווי אַ גאָלדן פישל וואָס טוט פּלוצים אַ בליאַסק איבער דער אויבערפלאַך ווערט אָן אַ שפּור פאַרשוואונדן אין וואַסער אריין...

פּערטע אָפּטיילונג

בנימין רעסלער
משה שטאַרקמאַן

שיך

דראַמע אין דריי אַקטן, ניין בילדער

בנימין רעסלער

פּאַרשוינען: בערל נעכאַמקעס, אַ שוך־אַרבעטער. בעסי, זיין ווייב. סעם, סימור, עטעל — זייערע קינדער. בוזי, עטעלס חתן. מיסטער גוזיק, א שוך־פאַבריקאַנט. מאַדאַם גוזיק, שאַרלאַט, זייער טאָכטער. פינטשיק, א מעקלער אַ „כל־וכל". מערי, עטלס פריינדין. געלער־פאָרמאַן ביי גוזיקן אין פאַבריק. שפּאַק, האַנס, הערי דער לאַנגער, הערי דער קורצער, נחמן, צאַלעל — שיך־אַרבעטער. אַ יידל — אַ בייגל־פאַרקויפער. ביג־באָי. באָטלער. יוניאָן־דעלעגאַט. ליטל־לואי.

ערשטער אַקט — ערשטע סצענע

(בערל נעכאַמקעס אָרימע דירה אין בראַנזוויל)

סימור: (זיצט איבער דער טשעלא. שפּילט).

בעסי: (פאָרעט זיך אין קיך).

סעם: (פּוצט זיך פאַרן שפּיגל פון שלאָף־צימער, ווערט נערוועז). צו'ן אַלדי שוואַרצע יאָר, הער שוין אַמאָל אויף צו זעגן דעם קאַסטן!

סימור: (הייבט בלויז אויף דעם קאָפּ, שפּילט ווייטער.)

סעם: אַנשיקעניש. הער אויף צו קראַצן אויף דער טרומבע! (כאַפּט א סאַקסאָפאָן, וואָס ליגט אין שלאָף־צימער אין א ווינקל, לויפט דערמיט אריין) אָט, אויף דעם־אָ שפּיל, אַז דו ווילסט שוין יאָ זיין א מוזיקאַנט! לערן זיך אויס בלאָזן!

סימור: (הויבט אויף דעם קאָפּ) וואָס ווילסטו?

*) די דראַמע „שיך" איז געשריבן געוואָרן אין 1935 ווי א פּרואוו צו פאַר־פיקסירן אין דראַמאַטישער פאָרם געוויסע סאָציאַלע און געזעלשאַפטלעכע טענדענצן אין יידישן לעבן. מחמת דער צווייטער וועלט־מלחמה זעט שוין יענע „בליצלאָזע צייט" אויס ווי לאַנג פאַרגאַנגענע געשיכטע — מחבר.

סעם: בלאָז!

סימור: (שליידערט אַוועק דעם סאַקסאָפאָן).

סעם: וואַרפסט זיך, גרינע לימענע!

סימור: (הייבט אויף דעם בויגן ווי ער וואָלט מיט אים געדראָעט) שייסטער!

סעם: זידלסט זיך? דו זידלסט זיך נאָך?

(בעסי קומט אריין פון קיך).

בעסי: וואָס איז, וואָס?

סעם: וואָס זאָל זיין? איך האָב אים געזאָגט, אַז ער זאָל בעסער בלאָזן אויפן סאקסאָפאָן, איז אָט — בריקעט ער זיך. אַ טשעליסט... צו׳ן אלדי גוטע יאָר! וואָס וועט ער האָבן פון קראַצן און ריפּען אויף דעם־אַ קאַסטן? ער וועט ווערן אַ קאָנצערטיסט? ווער זוכט עס היינטיקע צייטן? ס׳איז שוין לאַנג אויס מאָדע! אפילו סענטימענטאַלע אַלטע מוידן גייען דאָך שוין ניט מער צו לאַקריץ־קאָנצערטן. איז צו וואָס־זשע דאַרף מען רימפּלען, אַז ס׳באַצאָלט זיך ניט! — אָבער מיט א סאקסאפאָן קאָן מען זיך נאָך ערגעץ־וואו אריינשטופּן. מען דאַרף עס צום טאַנצן. און אז מען טאַנצט, דערלייגט מען ניט. וויל ער עס ניט פאַרשטיין, דער שלומיאל... ער ווייסט דען אויף וואָס פאַר אַ וועלט ער גייט אַרום?

בעסי: און ווער ווייסט עס דען יאָ? אַ שיינע וועלט איז עס געוואָרן!

סעם: די וועלט איז אַ־קעי. אַ גאַנץ גוטע וועלט. מען דאַרף נאָר זיין פּראַקטיש.

סימור: אנטוישט אין חלומות? (שמייכלט) האָסט זיך דאָך ערשט ניט ל׳אַנג אליין ארומגעטראָגן מיט גאָלדענע טרוימען, גאָלדענע פיש־לעך...

סעם: כ׳האָב זיי ארויסגעוואָרפן. ארויסגעגאָסן מיטן וואַסער...

סימור: יאָ...

סעם: כ׳וויל ניט זיין אַנדערש. כ׳וויל ניט מער. כ׳וויל זיין ווי,

סימור: ווי די גאַס!

סעם: (שרייט) מען דאַרף זיך ניט ארומטראָגן מיט קיין נאַרישע אידייען און אידעאַלן און אַנדערע קיבעבע. מען דאַרף טראָגן דעם קאָפּ אויפן קאַרק, אניט האָט מען היינט ניט וואָס צו טאָן אָדאָ, מעג מען זיך אריינוואַרפן אין האַדסאָן. (גייט אין שלאָף־צימער, שטעלט

זיך אָפּ, דרייט אויס דעם קאָפּ) **מען קאָן זיך ארייננוואַרפן אין איסט ריוועך אויך... (אָפּ).**

בעסי: (נאָך אַ סעקונדע) **אפשר איז ער גערעכט? וואָס זאָל מען טאָן, אַז עס איז פּאַרט אַ פּאַרקערטע וועלט און אַ ביטערע צייט?** (הויבט אויף דעם סאַקסאָפאָן, ווישט אים ארום מיטן פאַרטוך) **נאַ, נעם, זון, בלאָז... אפשר וועסטו קאָנען ארויסבלאָזן אונדזער דלות. וואָס זאָל מען טאָן! ס׳איז דאָך אַ קריזיס, זאָגט מען. און... פון טאַטנס פאַרדינסטן קאָן מען אויסהאַלטן דאָס הויז? ער מאַכט דאָך איצט דריי מאָל מיט אביסל... צי אפשר קאָן מען לעבן אלע פון עטלס פערצן טאָלער אַ וואָך?** (ווישט דעם סאַקסאָפאָן) **ס׳איז אַ גאַנץ שיינע כלי. בלאָז זון, מיינער, בלאָז... מיין טאַטע שמחה, אויף דער אמתער וועלט, פלעגט בלאָזן אויף אַזאַ מין טרומייטער. אַז ער פלעגט, גאַנץ פרי, נאָך א חתונה אויסבלאָזן „זאָרעס״ האָט מען דאָך אַזש אריבערגעהערט איבערן טייך, איבער דער בריק צו קירהן קיין גאַליציע. מיין טאַטע שמחה, אויף דער אמתער וועלט, און דו הייסט דאָך נאָך אים...**

סימור: (קוקט אויף איר, פּאַקט איין די טשעלאָ) **יאָ...**

בעסי: (ווייזט אויף דער טשעלאָ) **און דאָס־אַ זעט אויס ווי עפּעס אַ פגרל אין אַ זעקל... אַז מען וויל עס ניט. אַז ס׳איז אויס מאָדע.**

סימור: **אויס מאָדע.** (לאָזט זיך צום ארויסגאַנג, נאָכדעם ווי ער האָט אוועקגעשטעלט די טשעלאָ אָן אַ זייט) **נו...**

בעסי: **וואוהין גייסטו?**

סימור: **כאַפּן פייגל...**

בעסי: **פייגל כאַפּן?**

סימור: **אַז זיי ווילן זיך לאָזן.** (אָפּ).

בעסי: (שרייט אים נאָך) **זאָלסט קומען אין צייט צום עסן. כ׳האָב ניט קיין כח צו דערלאַנגען באַזונדער און וואַשן באַזונדער געפעסן. די הענט זיינען מיר אַזוי אויך געשוואָלן און געדראָלן און אויפגעלאָפן ווי פוכירן. קומט דער טאָג, האָרעוועט מען ווי אַ שקלאַף.** (רעדט צו סעמן אין צימער אריין) **דער שטעלט זיך אריין זייגער זיבן, דעם פאַרגלוסט זיך צו קומען אַכט און יענער יאוועט זיך גאַר ביין... און איך פאָדע ארום אויף די פיס... הלואי זאָל איך נאָר קיין קראַם־אָדערן ניט קריגן. וואָס האַלט איך דעם טרומייטער?** (לייגט אוועק דעם סאַקסאָפאָן).

סעם: **ר׳איז שוין אוועק, דער קאָנצערטיסט?**

בעסי: **ר׳איז מסתמא אראָפּ כאַפּן אַביסל לופט...**

סעם: אז מען ארבעט ניט, אַז מען פּרואווט ניט געפינען קיין שטיקל דזשאָב, אז מע ריפעט אויף דער טשעלאָ, וויל מען נאָך כאַפּן לופט...

בעסי: דאָס ייִנגל דאַרף האָבן אַביסל לופט. ר׳איז גרין ווי אַן אוגערקע... און פון וואָס זאָל ער זיין ראָזעווע? פון דעם גוטס, וואָס ער האָט?

סעם: און איך וועט זיך מיט דיר, מאַמע, אַז די גרינע אוגערקע, איז געלאָפן זוכן ס׳בלאָנדע שיקסעלע...

בעסי: שיקסל? וואָס בעבעסטו? וואָס עס האָט זיך מיר גע־חלומט די נאכט און —

סעם: גלויבסט ניט? איך טראַכט ניט אויס. איך חלום ניט. עס איז ניט מער מיין פאַך צו חלומען. איך זע נאָר און ווייס נאָר פאַקטן. פעקטס, פעקטס!

(טעטל קומט פון דרויסן).

סעם: איך זאָג דיר, אַז ער לויפט נאָך עפּעס אַן אַפּגעריסענער, בלאָנדער שיקסע. א דזשעניטאָרס אַ מויד... דאָרט־אָ פון פּיטקין עוועניו. ער וויל איר אימפּאָנירן מיט זיין קונסט. צוליב איר וויל ער דאָך ווערן אַן אַרטיסט. וואָלט ער כאָטש געפּרואווט זוכן אַ מיידל מיט...

טעטל: מיליאָנען! א יורשטע. מיט אַ פּאַלאַץ אין לאָנג איילאַנד און אַ שלאָס אין פלאָרענץ. ווינציקסטנס מיט אַ שאָפּ פון קאַפּעליושן אין ניו יאָרק...

סעם: וועמען ווילסטו ארייַנקיבעצן?

טעטל: (ציט אראָפּ ס׳היטל) קיבעץ? כ׳מיין עס ערנסט. אז דו שדכנסט זיך צו׳ן אַ יורשטע פון שיך, פאַרוואָס זאָל סימור זיך ניט שאַרן צו קאַפּעליושן? דו מעגסט? דיין לאָיער דיפּלאָמע באַרעכטיקט דיך טאָקע צו׳ן אַ בעסערן ביסן. אָבער סימור מעג אויך פּרובירן זיין גליק. ער איז א בראָנזווילער ווי דו. איר וועט זיך איינטיילן: איין ברודער קאַפּעליושן, דער אַנדערער שיך, וועלן מיר זיין אָנגעטאָן פון קאָפּ ביז די פיס.

בעסי: הלואי וואָלט עס אמת געווען. שוין דריי חדשים, אַז איך גיי ארום אין א פּאָר אונטערגעדרייטע שקראַבעס און ווער א קאַליקע.

טעטל: הערסט, קאַנסלאָר עט לאָא? גיב זיך אַ ריר. ווייז וואָס דו קענסט. מיט אַ פרייער פּראָפעסיע ביזטו שוין באַוואָרנט, גאַנץ

היפּשע וואַנסעלעך האָסטו אויך — טושע אַ גיס אויס דיין צויבער אויף דער פריילין גוזיק...

סעם: (וואַרפט איר אַ זשורנאַל) גיי צום טייוול, „רויטע קאַנאַליע!"
(גייט אריין צו זיך).

בעסי: שאַ! שאַ! איינס געענדיקט, האָסטו אַ צווייטן.

עטעל: ס'מאַכט ניט אויס, מאַ, — מען מעג זיך איבעררעדן צווישן זיך...

בעסי: דערויף ביזטו היינט אזוי פרי געקומען?

עטעל: אודאי! צוליב דעם געאַרבעט בלויז עטלעכע שעה.
(זעצט זיך אוועק. פאַרויכערט א ציגארעטל. קורצע פויזע).

בעסי: האָסט געבראַכט?

עטעל: געבראַכט. (עפנט איר בייטל. דערלאנגט.)

בעסי: וויפיל?

עטעל: צייל איבער.

בעסי: כ'גלויב דיר. (זיפצט) האָסט ניט געקויפט קיין זאָקן?

עטעל: ניין...

בעסי: אפשר ווילסטו עפעס איבערכאַפּן?

עטעל: ניין... (זיצנדיק טוט זי אויס ס'האַנט־זייגערל, וואַרפט פון זיך אַראָפּ די שיך).

בעסי: ס'ברענען דיר די פיס?

עטעל: די פיאַטעס...

בעסי: באַשיט מיט פודער.

עטעל: א פיאַטע איז דען אַ נאָז?

בעסי: ס'איז באַלד ראש השנה און די היצן האַלטן נאָך אָן.

עטעל: אינדיאַנער זומער...

בעסי: וועסט טרינקען אַ גלאָז קאַלטע טיי?

עטעל: כ'על פריער נעמען א טוש.

בעסי: שאוערן פאַרשוויצטערהייט?

עטעל: כ'האָב זיך שוין אָפּגעקילט... פון לאַנג... איך קיל זיך גיך אָפּ... (גייט אין די זאָקן אין קיך אריין).

בעסי: נעם ניט קיין צו קאַלטן.
(סעם באַווייזט זיך).

סעם: מאַ...

בעסי: האַ?

סעם: ע... האָסט אפשר אַ דאָלער?

בעסי: איך?

סעם: זי האָט דען ניט געבראַכט?

בעסי: נו? קאָן איך דיר דען געבן?

סעם: וואָס־זשע, איך בין ניט ווערט קיין דאָלער? זאָל איך נאָר קריגן די ערשטע קעיס...

בעסי: הלואי דערלעב איך שוין דעם טאָג. דערווייל דרייסטו זיך ארום פוסט־און־פּאַס און...

סעם: מאַכט ניט אויס. איך האָב האָפנונג. איך בין זיכער, אַז איך וועל זיך דערשלאָגן. וויפיל געוועטסטו זיך, אַז איך וועל נאָך ווערן א דיכטער, נאָך פריער ווי דו מיינסט? איך ברעך זיך אין דער ריכטיקער טיר. איך האָב ערשט יענע וואָך גערעדט מיטן אָנקל מייק...

בעסי: אָנקל מייק? וואָס פאַר אַן אָנקל איז ער דיר? שוין 25 יאָר, אז מיין שוועסטער הינדע ליגט אין דער ערד, איז אויס קרובה־שאַפט. מעכל גוזיק האָט דאָך שוין פארגעסן אז ער איז אַמאָל געווען מיין שוואָגער. ער האָט שוין, קיין בייז אויג, ס׳דריטע ווייב. וואָס פאַר אַן אָנקל איז ער דיר? ער איז אַ מיליאָנער, מיט אַ פאַבריק. אַ סך האָט פון אים דער טאַטע דיינער? ס׳הייסט כלומרשט, אז ער שטייט ביי אים אויף א דזשאָב, און שיקן שיקט ער אים אהיים מיט קליינגעלט.

סעם: ביזנעס איז ביזנעס... און וועל, ס׳איז אָלרייט... שאַרלאָט האָט מיר געזאָגט...

בעסי: שאַרלאָט? ווילסט מיר איינריידן, אז דו גייסט אויס מיט שאַרלאָטן? און אַז זי מיינט עס ערנסט?

סעם: ..(ווערט בייז) איט׳ס דיסגאָסטינג! איך בעט ביי דיר בלויז איין דאָלער און דו פאַרשסט מיך אויס אזויפיל!

(טעטל באַווייזט זיך אויף דער שוועל).

טעטל: מאַ, גיב מיר אַ האַנטוך. און גיב אים אַ דאָלער!

סעם: גיב מיר ניט קיין דאָלער! זי זאָגט דאָך עס אומיסטן, כדי מיך צו דערנידעריקן. זי וויל דאָך פון מיר חוזק מאַכן.

טעטל: איך וויל אפשר און — עמיץ אַנדערש מאכט פון דיר חוזק, און ס׳איז געמאָלט, אז דו אליין מאכסט פון זיך א לץ...

סעם: פאַרוואָס? ווייל איך גיי פעסט צו מיין ציל? ווייל... ווייל איך בין אַן אמתער אַמעריקאנער, וואַרט אויף מיין געלעגנהייט און ווייס וואו איין און וואו אויס?

טעטל: אמתער אמעריקאנער. א געמאכטער כשופמאכער...
סעם: אַבי דער כשוף זאָל ווירקן...
טעטל: און אויסראָטן פון זיך יעדעס קערנדל —
סעם: געפיל? שיינקייט? זאָט דערמיט! זאָט! זאָט!

טעטל: און בעבעסט באַרישקייטן און קראַקעסט ווי אַלע וואָראָ־נעס. עט! מאַ, גיב אים דעם דאָלער און זאָל ער ניט הרגנען אומזיסט קיין צייט. ער דאַרף מסתמא אָפּרופן אויפן טעלעפאָן, מאַכן א „דעיטל" מיט פריילין גוזיק. אויב זי וועט אים נאָר וועלן אויסהערן...

סעם: דעם־מיט! זי לאַכט פון דעיטס! דו אליין האָסט דאָך ערשט ניט לאַנג געחלומט, אַז א מיליאָנטשיק זאָל דיך דערזען און אויסכאַפּן! און ווי לאַנג איז דאָס, אז פלעגסט שלינגען אַלע מואווי־מעשיות פון...

טעטל: און זיך פאַרט איבערגעבעטן מיט בראָנזוויל און געגאנגען קלאַפּן אויפן טייפּרייטער!

סעם: און געוואָרן א גאַנצע ראַדיקאַלקע, זינט זי האָט זיך זניוכעט מיט עפּעס א זשאַרגאָנישן לערערל מיט לאַנגע פּאַטלעס. אַן אידעאַ־ליסטקע מיר געוואָרן — צוליב א פּאָר הויזן... און נאָך ניט קיין אויסגעפּרעסטע דערצו, און מיט פלעקן!

בעסי: נו, וואָס וועט איר אויסרעדן איינער אויפן אנדערן? דערויף האָבן מיר באַדאַרפט אויסגעריסן ווערן, אָפּרייסן פון מויל, זיך ניט פאַרגינען א ביסן, אייך צו געבן בילדונג, כדי... לסוף זאָלט איר זיך ניט האָבן וואו אהינצוטאָן. ווי ווייט מען פאַרפאַרט עס היינט. מוזיקאַנטן, לאָיערס. נאָך ערגער ווי פּראָסטע „ווינדע קלינערס", מען קאָן ניט פאַרדינען א פּעני און מען רייסט זיך פאַר די שלייערס... אַ שיינע וועלט...

סעם: מאַכט ניט אויס, מאַ...

טעטל: געוויס. (לאָזט זיך צוריקגיין אין קיך) האלט אים ניט אויף, מאַ, גיב אים דעם דאָלער... טיגאַרעטס וועט ער געפינען ביי מיר אין בייטל. זאָל ער מיר אויך לאָזן עטלעכע... מאַ, וואַרף מיר אַריין אַ האַנטוך. (פאַרשווינדט).

בעסי: (צו סעמען) איז וואָס האָסטו נאָך צו איר? זי האָט זיך אָנגעקוועטשט א פּאָר פּיס, אַז ס'איז אַ שרעק... ט'האָסטו! (גיט אים אַ דאָלער. סעם צעגערט. וויל יאָ און וויל ניט נעמען).

בעסי: נאָ...

סעם: **און אפשר... בעסער ניט נעמען. איך האָב דאָך שוין ביי איר אין די אויגן א פּנים ווי א לץ. ביי איר בין איך דאָך שוין...**

בעסי: **וואָס ביזטו, וואָס?**

סעם: **ווילסט וויסן דעם אמת? איך בין א...** (מיטאָמאָל) **גיב מיר דעם דאָלער!** (ציט אים ארויס פון דער מוטערס האַנט) **וועסט צוריק־קריגן מיט פּראָצענט!**

בעסי: **יאָ?** (גייט אין קיך) **הלואי.** (.אָפּ).

סעם: (לאָזט זיך צו דער טיר, קערט זיך אום. מאַכט אויף עטעלס בייטל, נעמט ארויס ציגאַרעטן און וואַרטשעט): **כ׳וועל אָפּגעבן מיט פּראָצענט אלעמען. פאַר אַלץ.** דערזעט עטעלס זייגערל. באַקוקט עס, ווי ער וואָלט וועלן טרעפן דעם ווערט. לייגט עס צוריק אוועק. גייט צו דער טיר, קערט זיך אום שנעל, טוט א כאַפּ דאָס זייגערל, לאָזט עס אַראָפּ אין קעשענע).

(פאָרהאַנג)

ערשטער אַקט — צווייטע סצענע

(אין מר. גוזיקס שוך־פאַבריק. א שורה אייזערנע קאָפּיטעס אויף שטאַנגען. פון די ווייטערדיקע אָפּטיילונגען הערט זיך אַ געדעמפּט שטעפּן. ארום צען מענטשן פּרעסן צו זוילן צו אָבערטיילן. עס פילט זיך אַ נערוועזע שטימונג).

הערי דער לאַנגער: **באַלד, הע?... באַלד וועט דער יוניאָן דעלעגאַט אריינברענגען א תשובה.**

נחמן: **הלואי א גוטע. אבער ס׳געדויערט צו לאַנג. צו קריגן אן ענטפער פון באָס, דאַרף מען אזוי לאַנג טענהן און טענהן?**

צאלעל: **און די צייט רוקט זיך.**

הערי דער לאַנגער: **באַלד ,הע? . . . באַלד וועט דער יוניאָן דעלעגאַט אַריינברענגען אַ תשובה.**

צאלעל: **אז מען זעט קיינעם ניט. אַז אפילו דער געלער פאָרמאַן איז אויך פארשוואונדן געוואָרן. מען גרייט עפּעס קעגן אונדז...**

(פויזע).

שפּאַק: **וואָס דו זאָג, בערל. זיי סעטלען מיט אונדז? כאָטש געבן אַ רעיז צען פּראָצענט? מיר גייען אין סטרייק. זאָג, בערל. דו קענסט באָס...**

בערל: **איך קען גוזיקן. איך קען אים...**

אַלע: **נו?**

בערל: וואַרט און זעט.

צאַלעל: אַז מען זעט ניט קיינעם, אפילו ניט דעם געלן פאַר־מאַן...

קורצער: ר'האָט ניט וואָס צו טאָן, נאָר זיך איצט צו באַווייזן! וואָס אַרט אים? ער דאַרף ניט קעמפן פאַר נאָך א דאָלער. זיין ווייב האָט צו באַצאָלן רענט. זי ליגט נאָך אין סאַראַטאָגע און באָדט זיך דעם הינטן...

לאַנגער: זי ליגט ניט, ווי מיין מאַמע, אויפן דאָך צו כאַפּן דעם אָטעם...

שפּאַק: וואָס, בערל, באָס געבן אַ רעיז?

צאַלעל: און כאַטש ווינציקער צוויי שטונדן.

בערל: וואַרט, נאָך פינף מינוט...

האַנס: ניט פינף נאָר פיר...

קורצער: אַ דייטש איז פּינקטלעך... ניט פינף, זאָגט ער, נאָר פיר... אָלרייט, האַנס...

צאַלעל: מיינסט אַז דו ביזט שוין פּאַרטיק? מיינסט אַז דיין יוניאָן דעלעגאַט וועט ניט אויסגלייכן, וועט מען אראָפּגיין אין סטרייק?

נחמן: כ'האָב מורא אַז מען וועט ניט גיין. מיינסט אַז ס'גלוסט זיך צו פאַרלירן אַ דזשאָב?

קורצער: עפּעס הייבסטו אָן פּאַנפּען, נחמן. וואָס איז, רעד קלאָרע דבורים.

נחמן: איך זאָג, אַז מען דאַרף גוט באַרעכענען.

קורצער: וואָס פאַר א רעכענען, וואָס פאַר אַ חשבונות? אַז מען וועט דאַרפן וועט מען אַראָפּגיין.

אַלע: אַז מע'ט דאַרפן, וועט מען גיין.

נחמן: און איך טראַכט, אַז מען דאַרף טראַכטן.

האַנס: (כאַפּט א שטיקל אייזן) און פאַר צופיל טראַכטן, קאָן איך דיר... שייסע! קריגסט קאַלטע פיס.

נחמן: רעדן מעג מען דאָך, ניט אזוי, בערל?

בערל: ווילסט איך זאָל פסקנען שאלות? זאָל דיין געוויסן ענטפערן. און אַז דו וועסט אביסעלע לענגער אונטערוואַרטן, וועט דיין אייגענער מאָגן פּסקנען. וועסט אונטערציען דעם פּאַסיק אויף א לעכעלע, אויף נאָך א לעכעלע — וועסט ווערן לייכט ווי א פעדערל, און וועסט זיך הויבן אויפן ווינט.

קורצער: אָט דאָס הייסט גערעדט! איר הערט?

בערל: יאָ, איך רעד, כ׳שלייף די צונג אויפן שלייף־שטיין. (ער זינגט, אַלע ברומען מיט, אחוץ נחמנען.)

(אַ יידל מיט בייגל קומט אַן.)

יידל: אַ שאַינעם גיט מאַרגן, אַ שאַינעם אין אַ בראַיטן. צ׳עט כאַפּן אַ באַיס? כ׳האָב אַ לאַאַכטן אין אַ גיטן.

קורצער: אַט האָסטו דיר דעם גאַליציאַנער פלאַכט.

יידל: זאַאַץ וואוילע יינגן, און געץ אַ יידן אַ שאוי. כאַפּטס אַ באַיגל און געץ אַ יידן אַ שאוי.

צאלעל: מ׳וואָלט זיך טאקע באדארפט אונטערלענען ס׳האַרץ.

יידל: עך קאָן ענק געבן צום אינטערוואַרמענען אַאַך. כ׳האָב אַ קנאַאַק יאַנקל, איינס אין אַ רעכטס. ס׳אמתע ביסעלע.

קורצער: א טרונק בראַנפן וואָלט ניט געשאט.

יידל: ניאָ, זאָל עך ענק אַנגיסן? כאַפּט׳ס א כוסע און געץ אַ יידן אַ שאוי. כ׳האָב א וואַאב מיט קינדער, געץ׳ער אַ שאוי.

קורצער: גיסט אַן.

(דאָס יידל ציט ארויס א פלעשל פון בוזים, נעמט ארויס א גלעזל פון קעשענע, ווישט עס אָפּ מיטן פינגער, גיסט אַן, קורצער טרינקט).

יידל: ניא־א, ברכה? אזוי קאָסט עס צען סענט, און אז עכ׳ל מאכן די ברכה קאָסט עס עלף...

קורצער: זאָל זיין מיט א ברכה (יידל מאכט ברכה).

יידל: ווער וויל נאָך מיט א ברכה? געץ אַ יידן אַ שאוי.

האַנס: געבן זי מיר מיט פאַן דיזן...

יידל: מיט ברכה?

האנס: יאוואָל! (יידל מאכט ברכה, נחמן זאָגט אָמן, האנס טרינקט).

נחמן: גיט מיר אַן א ברכה. איך בין אליין אַ מאַכער. (יידל גיסט אַן, נחמן מאכט ברכה, יידל זאָגט אָמן).

יידל: (צו בערלען) און עץ, געץ אַאַך אַ יידן אַ שאוי.

בערל: ביי מיר איז היינט ניט קיין שלום־זכר.

יידל: אָבער אַ פּאַטשאַנטיק? און דעם וואַאב אַ שאוי?

בערל: לייגט אוועק א בייגל (באַצאָלט).

יידל: יישר כח. עץ זאָלט נושא חן זיין און האָבן הצלחה. א שאַינעם דאַנק. אצ׳מא א גיטן! (גייט ארויס שרייענדיק „געץ א יידן אַ שאוי״).

קורצער: (הויבט אָן זינגען) „**לעט מי קאָל יו סוויטהאַרט, איים אין לאַוו וויטה יו**"...

נחמן: **מאכסט זיך הארץ?**

קורצער: **וואָס וואָלסטו געוואָלט? אז איך זאָל מיר אָפּעסן דאָס דאָזיקע שטיקל האַרץ מײַנס? פאַראַן ביי מיר נאָר אײנס און שפּרינגען זאָל עס מיסטער גוזיקן... זײַן האַרץ איז אַ פּעטס...**

נחמן: **שעלסט ווי א יידענע, קעמפּער מײַנער!**

קורצער: **ס׳איז אַ צוגאָב צו קאַמף.** (פויזע).

צאַלעל: **און מ׳זעט נאָך ניט צוריק דעם יוניאָן־דעלעגאַט.**

בערל: **וואַרט.**

האַנס: **נאָך צוויי מינוט.**

שפּאַק: **בערל, דו, אַן אַלטער שוסטער, וואָס דו טראַכסט? מיר געווינען?**

בערל: **איר ווילט זייער שטאַרק וויסן?** (שווייגט א ווייל).

אַלע: **נו...**

בערל: **איר גלויבט?**

אייניקע: **יאָ!**

בערל: **דאַן** — (הויבט אויף א פויסט. מ׳הערט רעדן פון דער אַנדערער זייט).

צאַלעל: **דער געלער גייט!** (פאַרמאַן קומט).

געלער: **יאָ, איך, דער געלער!** (ווייזט אויף זיך) **אָט איז דער געלער! זיך פאַרבענקט נאָך מיר?!** (קוקט אויף זיי מיט פאַראַכטונג) **נו, שטאַרקע מײַנע? שטאַרקער געוואָרן? זיך זגיוכעט מיט די „רויטע" און קעמפּערס געוואָרן. שטעלן פאָדערונגען, אז ניט וועלן זיי אַראָפּ אין סטרייק...** (קיצלט די ציין מיט א שטרוי) **נו, און וואָס וועט איר זאָגן, אַז מען וועט אײַך** ניט **נאָכגעבן? מיסטער גוזיק וויל אפילו ניט רעדן צו׳ן אײַך!**

אַלע: **האָ!**

געלער: **אָט דאָס איז די מעשה. און איצט וועט איר סטרייקן, הע? אַזוי גיך ווי איר שטעלט אַראָפּ אַ פוס, וועלן זײַן אַנדערע אויף אײַער אָרט. כ׳וועל אפילו ניט אָפּשטעלן די עלעקטרי...**

שפּאַק: **בערל!**

אַלע: **בערל!**

געלער: **בערל וועט ניט אַראָפּגיין. ער און מיסטער גוזיק זײַנען דאָך עפּעס אמאָליקע, נו, דאָס... און — קוק זיי נאָר אָן? בערל איז**

ניט קיין לומפּ, אַזוי ווי איר. ער ווייסט, אַז ער האָט קינדער צו פאַרזאָרגן, אַ קראַנק ווייב... האַ, בערל?

בערל: יאָ... (כאַפּט ס'אָנצוהערעניש, זיפצט) יאָ...

אַלע: (איבעראַשט) וואָס?! (פאַרמאַן ווערט בייז, הויבט אָן שרייען).

געלער: ס'איז אַ קאַפּריז. דער עולם דאַרף ניט קיין שיך. סחורה וואַלגערט זיך און „הענט" קאָן איך אָנשאַרן פאַר אַ צווי טויזנט פעקטאָריס צו עטלעכע קוועטשערס אַ טאָג און זיי (ווייזט אויף די אַרבעטער) זיינען געוואָרן פריצים. שנייד זיי שטונדן און דערלאַנג זיי רעיזעס! (צעשרייט זיך) ווער עס וועט אַראָפּגיין, בלייבט איינ־דרויסן!...

(ס'קומט אַריין דער יוניאָן־דעלעגאַט).

אַלע: נו?

דעלעגאַט: מיסטער גוזיק האָט אפילו ניט געוואָלט ריידן. די באַדינגונגען צוריקגעוויזן. האָט פאַרהאַקט די טיר פאַר דער נאָז. זאָלן מיר אַראָפּלאָזן די הענט און בויגן די קעפּ?

קורצער: ניין!

עטלעכע: ניין!

דעלעגאַט: מיר גייען אַראָפּ! מען צווינגט עס אויף אונדז אַרויף!

אַרבעטער: מיר גייען אַראָפּ!

געלער: מען גייט טאַקע אַראָפּ, דעמיט? און דו, בערל אויך?

בערל: (קוקט אויף אים) איך — אויך.

געלער: הער זיך ניט צו צו דעם־אָ (ווייזט אויף דעלעגאַט), אַז דו וועסט זיך צוהערן צו דעם רויטן אַגיטאַטאָר, וועט פון דיר ווערן אַ לייט. בערל, האָב שכל... פאַרנמאַס זיך ניט ביים אייגענעם שוואָ־גער! האָב שכל...

בערל: (צווישן געלן און דעם טשערמאַן) האָבן שכל? יאָ, איינמאָל מוז מען האָבן שכל. און אַ האַרץ אויך. און ווירדע אויך און דערקענען ווער מען איז! איינמאָל! מיסטער גוזיק האָט זיך ניט באַוויזן. זיך באַהאַלטן און שיסט פון אַ באַהעלטעניש. ער וויל אויס־פּרובירן און ער וויל אונדז אויסהונגערן. נו, גוט, וועלן מיר זיך ניט באַהאַלטן — מיר וועלן זיך ראַנגלען אָפן — אויף דער פריי! (כאַפּט אָרום דעם טשערמאַן) אויף דער פריי! אויסטאָן די פאַרטוכער!

(סצענע. מען טוט אויס. נחמן קווענקלט זיך, בלייבט אין פאַרטוך).

בערל: (לויפט צו אים צו, רייסט פון אים ארונטער ס׳פאַרטוך) **אַראָפּ!**

(פון דער אַנדער׳ער אָפּטיילונג הערט זיך אַ געדעמפט זינגען. די ארבעטער דאָ הויבן אָן ארויסגיין. זייערע טריט גיסן זיך צוזאַמען מיט טריט, וואָס הערן זיך פון אנדערן אָפּטיילונג. ס׳איז ווי א ריט־מישער מאַרש. בערל גייט דער לעצטער מיט אן אויפגעהויבענער האַנט).

ערשטער אַקט — דריטע סצענע

(ביי בערלען אין בראַנזוויל).

(סעם רוקט זיך אריין. קוקט ארום, לייגט צוריק אוועק דאָס זייגערל).

סעם: **דעמיט! 30 סענט געוואָלט געבן אין פאַון־שאָפּ...** (קוקט זיך אַרום, לאָזט זיך צו דער טיר. ביי דער טיר שטויסט ער זיך אָן אָן פינטשיקן).

פינטשיק: **אָ, העלאָ, העלאָיעלע.**

סעם: **העלאָ, מיסטער פינטשיק.**

פינטשיק: (כאַפּט אים אָן) **ענדלעך געפּאַקט דעם העכט. ס׳האַרץ האָט מיר אָבער געזאָגט, אז איך וועל דיך איצט טרעפן אין דער היים. כ׳זאָל נאָך אזוי טרעפן אויף די גאַמבערס. ווייסט, איך שטעל יעדן טאָג אַ ניקל. הערסט, שטעל מאָרגן 22־1. שור ווינער! וואוהין־זשע יאָגסטו זיך אזוי?**

סעם: **איך מוז אראָפּלויפן זייער נויטיק.**

פינטשיק: **זע־זשע, זע. איך זאָג אים, אז איך האָב אים קוים געפּאַקט און ער — פּוץ, היידא. בחור, כ׳האָב זייער אַ וואָזשנעם עסק.** (האלט אים פאַרן לאַץ) **כ׳האָב פאר דיר אַן עסקל איינס אין דער וועלט. אַז עס וועט גיין אַ גאַנג און עס וועט דורכגעפירט ווערן, וועסטו דיין גאַנץ לעבן ניט פאַרגעסן פינטשיקן.** (שלעפּט אים צוריק) **בחור! קאָנסט אויפגעריכט ווערן: דו, דיין טאַטע, דיין מאַמע, אלע אינאיינעם, אויף אייביק און אויף תמיד, און איך, שניאור פינטשיק, זאָל אויך כאַפּן אַ ריס אין פּיסק. קום אהער, „סיט אָן ווהיט מי, טעיק א טשעיר"...**

סעם: אָבער... כ׳האָב דאָך אייך געזאָגט, אז איך אייל זיך... ווייסט איר וואָס? זיצט, וואַרט צו עטלעכע מינוט! איך דאַרף מאַכן עטלעכע זייער נויטיקע טעלעפאָנס...

פינטשיק: טעלעפאָן קאָלס? ארויסוואַרפן ניקלס און דאַימס, און איך זאָל וואַרטן, — וואָס־זשע? דיינע וואָזשנע געשעפטן קענען ניט וואַרטן? א סך האָסטו פון זיי? אוי, לאָמיר זען, לאָיער מיינער, בייט מיר אויס א צען דאָלאַרדיקן?

סעם: ווייזט א צענערל! (שטעקט כלומרשט אריין די האַנט צו זוכן, פינטשיק אויך).

פינטשיק: ווייז דו פריער! איבעריקנס, איך מעג ניט האָבן. איך בין א קבצן מיט א חזקה, מיט א רעקאָרד, אָבער דו, א לאָיער, אַן אמעריקאַנער פוירסט קלעס, מיט א דזשימדזשיק.

(בעסי, פון קיך).

בעסי: אָ, איר זענט עס, מיסטער פינטשיק. אין מיטן העלן טאָג?

פינטשיק: איר ווילט, אז איך זאָל זיך צו אייך אריינכאַפּן ביי־נאַכט? ניט מיין טבע צו גיין צו חלום... (לאָזט אָפּ סעמען) גיי און מאַך זיך דיינע טעלעפאָנס און קום תיכף צוריק, איינס און צוויי! הערסט?

סעם: יע, יע. (אָפּ).

פינטשיק: (זעצט זיך) אַ דאַנק פאַר בעטן זיצן. (הויבט אָן מאָלן) ביי מיר הערט זיך אל־דאָס גוטס... איך הוסט ארום פיר פאַרטאָג, און מיינע טראָגט זיך ארום מיט די גאַל־שטיינער פיר און צוואַנציק שעה אין מעת־לעת. ווען זי וואָלט שכל געהאַט און פאַר־זעצט אירע טייערע שטיינער, וואָלט דאָך געווען אָלרייט! אי, זי וואָלט זיך געזען מיט אביסל מזומנים. אי, זי וואָלט ניט געציטערט פאַר א האָלד־אָפּ. (הייבט זיך אויף) ס׳אי מיר אויסגעגאַנגען די מעטשקעס...

בעסי: אָט דאָ ליגן די מעטשעס...

פינטשיק: (פאַרויכערט אַן אָפּשפּיצל פון א פּאַפּיראָס) — אַ דאַנק. קיין נייס איז ביי אייך אודאי ניטאָ. בערל איז בערל און בייט שיך ביי זיין שוואָגער גוזיק. שיינע נייס... (וואַרעם), אָבער אז ס׳איז ניטאָ קיין נייס, וועט זיין נייס! וואַרט, דער טאָג איז נאָך גרויס. אַי, בעסי, זיצט. (ציט זי אראָפּ, טוט איר אַ גלעט) אי, בעסי, זיסע מיינע, פאַרוואָס מאַכט איר זיך ניט קיין באָיש באָב?

בעסי: איר זענט פאַרריקט.

פינטשיק: די מעשה איז אזא, איך וויל נעמען דעם גרויסן יונג אייערן און אים גיבן אַ פּאַרטיקע, איינגעריבענע ביזנעס: הייזער, געלט, לאָטס, באַנגאַלאָס און, פאַרשטייט זיך, א ווייב...

בעסי: אַ שדוך? ווער איז עס?

פינטשיק: פרעגט ניט ווער, פרעגט — וואָס! רעגנט האָט איר צו צאָלן?

בעסי: מ׳זאָל אזוי האָבן...

פינטשיק: וואָס טויג אייך צו שעלטן, לייגט עס אָפּ אויף שפּעטער.

בעסי: מיינע שונאים וועט ניט שאַטן א קללה באַלד אויפן אָרט.

פינטשיק: זאָל זיי וואויל באַקומען. איז, וואו האַלט איך? — אַ פעני פאַרדינט ער ניט, דער בחור אייערער, און מיט דער דיפּלאָמע און מיטן קאָלעדזש מעג ער זאָגן „אשר יצר" א־יאָ? קיין פּרעזידענט, קיין סענאַטאָר, קיין דזשאָרדזש און קיין קאָנגרעסמאַן, וועט ער ניט ווערן — א נייך? אָפּיסעס און קעיסעס צופּט מען ניט פון בוים, א יאָ? געגנסטערס וועלן אים ניט נעמען פאַר קיין אדוואָקאַט, און רעקעטירס זוכן ניט קיין נאָש בראַט! — טאָ, וואהטא העל? (טוט איר אַ גלעט) — האָב איך פאַר אים א רייכע אלמנה מיט אלע אימפּרואוומענטס, און אייך וועט דער רעגנט ניט קאָסטן א סענט...

בעסי: אוי, איר מיינט אפשר די מרס. צוויבל, מיין לענדלעידי? די אַלטע, די —

פינטשיק: אלטע? ז׳עט זיך ניט איינקאָכן?

בעסי: איר מיינט —

פינטשיק: איך מיין. די מעשה איז וואָס זי מיינט. וואָרים וואָס, אין אמתן, דאַרף זי אייער יונגן צאַפּ מיט וואָנסעס, וואָס אַחוץ דיזן און דאַזן, האָט ער גאַרניט?... אין אמתן שדכנט זיך צו׳ן איר זייער א רייכער און געזונטער טשיקן־דילער פון די בראָנקס. נאָר איך בין דאָך עפּעס פּינטשיק — קאָן איך זי אָננעמען ביים גריפּל און איר איינריידן. זי איז דאָך מיט מיר שני שבשליש.

בעסי: זי קער זיך עפּעס אָן מיט אייך?

פינטשיק: מיין זיידנס האָן האָט געקרייעט אונטער איר באָבעס דאַך...

בעסי: אין אמתן איז מרס. צוויבל ניט קיין מיאוסע... כ׳האָב אָבער אָן אויג, אַז מיין סעם איז שוין אזוי גוט ווי א פאַרנומענער. ער גייט דאָך אויס מיט א מיליאָנערשע... א מענופעקטשורערס א...

פינטשיק: (כאַפּט דעם שטעקן) גוד־באַי, בעסי! אויב אַזוי האָב איך מורא, אַז פון אים און אייך וועט שוין אַזוי זיין אַ לייט, ווי פון מיר! אַ מיליאָנערשע וויל ער! אַ מער איך האָב אַמאָל געוואָלט זיין אַזאַ חזן ווי יאָסעלע? זעט איר דאָך: אַפילו קיין מוהל בין איך ניט געוואָרן. נאָר וואָס קומט אַרויס ווען איך בין שוין יאָ אַ מוהל? אַז ביי דעם טרעיד איז אויך סלאָו... אי מען קינדלט ניט, אי מען שניידט ניט... אַי, בעסי, איר ווייסט ניט אויף וואָס פאַר אַ וועלט איר גייט אַרום. מיליאָנערשעס חלומט זיך אייך.

בעסי: איר גלויבט ניט?

פינטשיק: ס׳איז געוועזן אין וואָס. איר זאָלט מיר אַ שטייגער זאָגן, אַז מען האָט אייך שוין דערלאַנגט אַ דיספּאָזעס, וואָלט איך גע־גלויבט. וואָרום, האָט איר אים נאָך ניט געקראָגן, וועט איר אים קריגן!

(עטעל קומט אַריין. די האָר אין רעדעלעך).

פינטשיק: העלאָ־יעלע! זע־זע, ס׳שעפּעלע! אַזאַ אויסגעצוואָ־גענע, אַזאַ אָפּגעשוווענקטע און שיינענדיקע! זעסט דאָך אויס ווי אַ יונגע רביצין פריש פון מקוה. ס׳מאַכסטו?

עטעל: אַ סך, נאָר ס׳זעט זיך ניט אָן.

פינטשיק: אָט דאָס איז לשון. אָט דאָס איז אַ זאָג! מען דאַרף עס פאַרשרייבן אין ביכעלע. (שרייבט). אָבער קשה איז מיר איין זאַך: וואו באַהאַלטסטו עס, וואו?

עטעל: איר ווילט אַלץ דערגיין אויף איין פוס?

פינטשיק: ניין, שעפּעלע. מיט דיר איז כדאַי אַ כאַפּ צו טאָן אַ שמועס און אָוועקצושטעלן דעם שטעקן. ס׳איז כדאַי פון דיר צו הערן אַ וואָרט.

עטעל: (זעצט זיך אַוועק און ווייזט אים אַ פּלאַץ אַנטקעגן) זיצט און זאָגט, אָדער פרעגט.

פינטשיק: מען שמועסט, אַז דו האָסט זיך זגיוכעט מיט די „רויטע" און ביזט געוואָרן אַ גאַנצע זאַגערקע אין די גאַסן. איז זאָג־זשע מיר, שעפּעלע, ווי לאַנג אַ שטייגער, וועלן מיר קבצנים זיך זשיוועץ איינער פון דעם אַנדערן? ווי לאַנג וועלן מיר אַזוי איינער דעם אַנדערן נאָגן און נאָגן ס׳שפּייעכץ?...

עטעל: אַזוי לאַנג, ווי איר וועט דערפון הנאה האָבן און זיך באַלעקן!

פינטשיק: מיינסט צו זאָגן, שעפּעלע, אַז מען דאַרף אויסשפּייען? ווועל איך דיר ענטפערן, אַז איך טו עס — פון אינדערפרי ביז אויף־דער־נאַכט. כ'מאַך עס אינצווייען: אי מיט דער לונג, אי מיט דער גאַל. פאַרשטייסט: אַז איך דאַרף און וויל און מוז צענויפפירן אַ וואַנט מיט אַ וואַנט, כדי ס'זאָל מיר ניט ארויף אַ דאַך איבערן קאָפּ — שפּיי איך מיט דער לונג. און אַז איך דערזע, וואָס עס קומט ארויס פון מיין טועכץ, — שפּיי איך מיט דער גאַל. און דערנאָך קומט איר נאָך, רויטע חברה־לייט, און זאָגט, אַז איר וועט אַזאַ יידן ווי מיך, ווען די גוטע צייט וועט קומען, אויפהעבנגען אויף מיינע פּיס...

עטעל: אייערע פּיס? די מציאה, וואָס מען וועט אין זיי כאַפּן — רעוומאַטיזם מסתמא!

פינטשיק: נאַראָנים וואָלט איר טאַקע באַדאַרפט זיין.

עטעל: דאָ פּעטערע ביסנס...

פינטשיק: אמת! אי, טייערינקע, קאָן איך מענטשעלעך מיט בייכעלעך און פּיסעלעך! ווען מען מאַכט פון זיי מזוזות אויף לאַמ־טערן־סלופּעס, וואָלטן די בוזיקעס און וואָראָנאָס און שפּאַרבערס געהאַט אַ סעודה, אַז ס'וואָלט געגאַנגען אַ רויך!

בעסי: הערט שוין אויף מיט הענגען!

עטעל: אַז ער וויל דוקא פּלאַפּלען.

פינטשיק: וואָס זאָל איך טאָן, אַז רק, „יענע וועלט" דרייט זיך מיר פאַר די אויגן. אָט האָט ביי מיר אין שכנות, אַן אָרעמער פעדלער זיך אליין געמאַכט די זאַך. ס'פּערדל האָט זיך ביי אים אוועקגעלייגט, האָט ער זיך גענומען ס'פּייפּקעלע גאַז... און דאַרפסטו טאַקע אַ געהאַנגענעם, איז אויך דאָ אין דער משפּחה. און דוקא אַ בוכקיפּער. ארומגעדרייט זיך, ארומגעדרייט זיך, ביז ר'האָט זיך אונטערגעהאַנגען. מיינסט, ר'האָט זיך אַ סך אונטערגעהויבן? אַן אינטש, אויף אַ האַנטוך אין טאַילעט. און ווילסטו אַ געטרונקענעם, האָב איך אויך... יענער איז גאָר אַ וואַזשנער פאַרשוין געווען: אַ פּעינטער און אַ דעקאָרעיטאָר. ר'האָט געהאַט אַ טענאָר אויך. ער האָט, לעיטלי, געזונגען אין די גאַסן... האָט ער ניט פאַרגונען דעם ווייב זיינע טאַלאַנטן און טראַך — זיך איינגעטונקען אין טייך... פּע, אַז כ'רעד דערפון, ווערט מיר אי הייס, אי דאַרשטיק. אַ קאַלטן טרונק וואָלט איך פאַרדייעט...

בעסי: אָט וועל איך אייך געבן אַ טרונק. דערלאַנגען?

פינטשיק: דערלאַנגען! צמעטער מיט יו? כ'על זיך, בעסעלע, אליין מטריח זיין אין קיטשן אריין. ווייסט איר וואָס, קומט אריין,

וועט איר וואַטשן ווי איך פאַרמיש אַ געטרענקל, מיט אַ לעמינקעלע, מיט אַ ביסעלע צוקער, אַ ביסעלע פּאַטאַש און. ביי־ דהי־ביי וועל איך טאַקע פאַרענדיקן מיט דער אלמנה... קומט.

(ביידע אָפּ).

עטעל: אוף! (בלאָזט פון זיך אָפּ. נעמט אַ זשורנאַל אין האַנט. אַ קלונג אין טיר. זי גייט עפענען).

(בוזי קומט אריין).

עטעל: מען האָט דיר איבערגעגעבן, אַז איך האָב געווּפן?

בוזי: יאָ, איך בין אָנגעקומען אפשר אַ האַלבע שעה נאָכדעם ווי דו האָסט געקלונגען. (קוקט זיך אַרום) ביזט געווען ביים דאָקטאָר?

עטעל: געווען...

בוזי: נו?

עטעל: (שווייגט)...

בוזי: פאַרוואָס שווייגסטו?

עטעל: זון זאָגט ער, דאַרף איך. באַק זיך אים אויף דער זון. און רו. כ'מוז האָבן רו, זאָגט ער.

בוזי: כ'מיין... זון איז פאַראַן.

עטעל: יאָ, אויבן אין דער הויך.

בוזי: מוזט אויפגעבן דיין דזשאָב אויף אַ ווייל.

עטעל: און ווערן אַ לעידי אָוו ליזשור... ליגן אויף דער סאָפע — מיט אַ הונט צופוסנס, און אַ ראָמאַן אויפן שויס. גענעצן אין אַ זון־פּאַרלאָר, שאָקלען זיך אין אַ שטול, און פאַרבן די נעגל פון לאַנג־ ווייל.

בוזי: ס'איז ניט אַזוי שלעכט — אויף אַ ווייל.

עטעל: אויף אַ ווייל... אָבער דערווייל וועל איך צוריק גיין אין אָפיס אריין, אין דער ענגער שטויביקער בודקע, צימבלען אויף דער שרייב־מאַשין, און קלעקען ווי אַ הייזעריקע פּאַפּוגאַי אין אַ שטייג.

בוזי: ניין! וועסט ניט צוריקגיין. וועסט אַזוי גוט זיין, נעמען ס'פּעקל און קומען מיט מיר. וועסטו וועלן, וועלן מיר ארויסנעמען פּאַפּירן...

עטעל: מיט אַ זיגל. כדי צו קאָנען זיך וואַלגערן ביי דיר אויף אַן אייזערנעם בעטל. ביי דיין מיסיס... און זי זאָל וואַרפן אַן אויג דורך אַ שפּאַרע אין דער טיר.

בוזי: מוזט אויפגעבן דיין דזשאָב.

עטעל: און אַז איך וועל אויפגעבן, וואָס וועט זיין? וועסטו מיך פאַרזאָרגן? האָסטו אליין דען אַן אָנשפּאַר?

בוזי: איך זוך.

טעטל: און רייסט די שיך. טוסט א טובה מיין פעטער גוזיק.

בוזי: אָבער איינמאָל פאַר אַלעמאָל, וועסטו מוזן ארויס פון דאַנען.

טעטל: און איבערלאָזן די מאַמע אויפן וואַסער, און דעם קראַנקן סימורן און —

בוזי: וואָסזשע דען?

טעטל: (ציט מיט די אַקסלען). (פויזע).

בוזי: אָבער דיין געזונט?

טעטל: נאַרישקייטן!

בוזי: (גלעט זי) שרעקסט זיך טאַקע ניט?

טעטל: ניין.

בוזי: און דו ווילסט ווייטער גיין אַט־דאָ אין שפּאַן?

טעטל: איך וויל? און ווען איך זאָל ניט וועלן, האָב איך א רעכט אָפּצושטיין? און צוצונעמען דעם ביסן פון מויל ביי אַלעמען?

בוזי: רעכט, רעכט... (דרייט זיך אוועק), אַז איך אַליין בין, צום טייוול, אַזוי הילפלאָז, און מיט הוילע הענט... כ׳זוך, כ׳זוך! אַרבעט גיט מיר, דעמיט! (פויזע). האָסט אַ סיגאַרעט?

טעטל: (זוכט אין איר בייטל) ר׳האָט זיי... כ׳האָב זיי אויסגע־רויכערט.

בוזי: (זוכט ביי זיך אין קעשענע, געפינט א שטיקל... פאַרוי־כערט) און איך האָב געמיינט, אַז דו... דו וועסט גיין מיט מיר... וואוינען צוזאמען... און... הם... שפּעטער וועט קומען א קינד...

טעטל: (טרערן קומען אין אירע אויגן) שווער, מיין ליבער, צו גיין אַזוי ווייט קעגן ווינט. ער ווייעט גלייך אין די אויגן אריין.

בוזי: ווייגסט? (נעמט זי ארום).

טעטל: (שפּאַרט אָן איר קאָפּ אויף זיין אַקסל).

(פויזע).

(פינטשיקס קול. ער קומט פון קיך).

פינטשיק: הייס אין קיך. כאָטש דאָ איז אויך ניט קיין קילער גאָרטן... דריי גלעזעלעך לימענע וואַסער אריינגעבעלגעט. פרעג שוין די מאַמע ווי אַזוי איך פאַרמיש דאָס געטרענקל. אָ, העלאָ, בוזי... (קוקט זיך איין איןביידע) כ׳האָב אַן אויג, אַז וועגן קיין נס האָט איר דאָ ביידע ניט גערעדט! און ווי אַזוי אָפּצוקויפן ביי ראַקעפעלערן אביסל אויל מיט סמאַראָווידלע, אויך ניט. נו? וואָסזשע מאַכסטו?

מאכסט א לעבן? א גרויס! א קליינס? און שאָקלסט עס? צי דו האָסט איר טבע? ווי זאָגט זי? (נעמט ארויס ס׳ביכעלע און לייענט) „כ׳מאַך פלענטי, נאָר עס זעט זיך ניט אָן״...

(בערל).

בערל: העלאָ!

עטעל: העלאָ, פּאָפּ. (גייט אים אנטקעגן) וואָס איז? וואָס ביזטו עפּעס אזוי־אָ... און וואָס איז ביי דיר דער הוט פאַרדרייט אויף דער לינקער זייט?

בערל: און אויף דער רעכטער איז בעסער?

(בעסי קומט מיט א גלאָז וואַסער).

בעסי: זע נאָר, אזוי פרי? בערל...

פינטשיק: טאַקע, אַ חידוש...

בערל: מען איז אראָפּ אין סטרייק...

בעסי: אראָפּ? (ס׳גלאָז פאַלט ארויס פון איר האַנט).

בערל: (צו בעסין), וואָס האָסטו זיך אזוי דערשראָקן?

בעסי: איך? איך האָב זיך ניט וואָס צו שרעקן... אזוי איז מיר גוט און אזוי וועט מיר זיין ערגער?

פינטשיק: ווען איז מען עס אראָפּ?

בערל: ארום איינס. כ׳האָב שוין אביסל געפּיקעט אויך.

עטעל: (קלאַפּט אים אין פּלייצע) אָט אזוי זייט איר פון אונדזערע מענטשן!

פינטשיק: אָבער וואָס שטייסטו אראָפּגעלאָזט די נאָז?

בערל: מאַדנע: איבער 20 יאָר, אז איך... נו, איך האָב געהאלטן אראָפּגעלאָזט די הענט און בין געגאנגען בלינדערהייט אין שפּאַן... צוואַנציק יאָר, אז איך האָב זיך צוגעוואוינט צו נעמען זאַכן מיט א שמייכל: געדרימעלט איבער א צייטונג, געדרימעלט אפילו איבער א וויק, און אויך געדרימעלט, ווען עס האָט זיך געטומלט...

עטעל: און ביזט געוואָרן מיד!

פינטשיק: אפשר איז ער גאָר געוואָרן געזעצטער, א חכם עתיק. ווי שלמה המלך, וואָס האָט געזאָגט: „וועריטהינג איז באָנק״.

בערל: קאָן זיין, אז עס זיינען געווען רגעס, ווען איך האָב געטראכט, אז איך בין קלוג. און אָט — ווען איך בין היינט ארויס אויף דער פּיקעט־לאַין נעבן מיסטער גוזיקס פאבריק, האָב איך געטראכט, אַז...

פינטשיק: אז הכל הבל, הע? דער אמת איז, מה כל רעש? און אַז דו וועסט שוין אַרבעטן מיט אַ צוויי שעה ווייניקער און קריגן נאָך אַ דרייערל אַ וואָך?

בעסי: דריי טאָלער אַ וואָך? איין קליניקייט! מיר וואָלטן דאָך אויפגעריכט געוואָרן! מיר זיינען שוין שולדיק וועמען איר ווילט! די צרה איז נאָר, וואָס טוט מען דערווייל?

בערל: דערווייל? — דערווייל וועט מען זיך אָפּוואַשן. אַז סטרייקן — זאָל עס זיין יום טובדיק! קאַמף איז דאָך יום טוב, האַ? (לאָזט זיך צו דער קיך, קערט זיך אום) דענקסטו, עטעל טאָכטער, אַז אונטער אַ באַרג אַש קאָן נאָך טליען אַ פייערל? אָט בין איך שוין אַן איבערגעברענטער דעמב. אַמאָל — אַמאָל בין איך געווען אַ בערל קאַמאַשן־מאַכער. געווען אַ טוער, געגלויבט, — אַמאָל אין וואַרשע... אָ, יענע אַמאָליקע טעג! פאַרזאַמלונגען אין וועלדער; באַריקאַדן, מאַרשן... אָבער דערנאָך בין איך געוואָרן — עט, אַ פּעפּער. יאָרן און יאָרן.

פינטשיק: געשלאָפן — ווי חוני המעגל.

בערל: אפשר. אָבער היינט, ווען די יונגע חברה זיינען אַראָפּ אין גאַס מיט אַזאַ אימפּעט, מיט אַזאַ שטורעם, און איך, בערל, האָב קוים געשלעפּט די פיס, ווי אַ מידער, פוילער באַראַן, האָב איך... האָב איך זיך פאַרשעמט. כ'האָב זיך פאַרשעמט פאַר דעם קליינעם שטיקל איבערגעבליבענעם מענטש אין מיר; פאַר דעם טראָפן געוויסן... ערשט אין יענער מינוט האָב איך דערפילט, אַז ס'איז פּונקט אַזאַ חרפּה צו שווייגן, ווי ס'איז אַ בזיון צו דערוואַרטן, אַז מען וועט דיך אַ ליאַדע מינוט אַרויסוואַרפן פון דער דירה, און דו וועסט בלייבן ליגן, ווי אַ הונט אין גאַס... (קלאַפּט אין וואַנט) עס איז אומווירדיק צו שווייגן! בין איך אַראָפּ, אַראָפּ מיט אַלע און... דער אַלטער בערל האָט זיך אין מיר אַ ריר געטאָן, דערוועקט און אויפגעשטאַנען תחית המתים...

פינטשיק: הער־הער! ביזטו דאָך שוין אַזאַ זאָגער, ווי בוזי! (צו בוזין) וועסט שוין ניט האָבן וואָס צו טאָן. ער, בערל, וועט דיך שוין איבערהעצקען. דיך, עטעל שפּעלע, אויך...

בערל: זאָל זיין קאַמף! און אפשר ווייטער —
(סעם לויפט אריין).

סעם: (שפּרינגט צו צום פאָטער) פאַרוואָס האָסטו דאָס געטאָן?

בערל: וואָס?

סעם: איך ווייס, איך ווייס! ביזט אראָפּ אין סטרייק גלייך מיט אַלע רויטע גאַרנישטן!

בערל: ווער איז א גאַרנישט?

סעם: די אַלע, וואָס מאַכן אַן טראָבל ביי אָנקל מייקל אין פעקטאָרי! אַ ביגטל פרעמדע, אָנגעלאָפענע, וואָס אנשטאָט צו זיין דאַנקבאַר און זען זיך ארויפצואַרבעטן, ווילן זיי רייסן מיט געוואלט. און דו ביזט מיט זיי. שעם זיך! דו ברענגסט בושה אויף מיר! וואָלסטו געוועזן געוואָרט, וואָלט אָנקל מייקל דיר אליין געוועזן געגעבן א רעיז... און אזוי וואָס? האָסט אויף מיר געבראַכט בושות. ווילסט מיך קוילענען? ווילסט צעברעכן מיין קאַריערע? ווילסט דאָך שטאָלץ זיין אויף מיר! איך זאָל דיך באַשיינען... כ׳זאָל... כ׳זאָל האָבן...

בערל: וואָס? א... קאַ־ריער־ע?

סעם: יעס! איך וויל האָבן אַ לעבן, אַן אַנשטענדיק לעבן, ווי אַן אַנשטענדיקער אמעריקאַנער. און דו (צום פאָטער) דו האָסט מיר פאַרשפּאַרט דעם וועג!

בערל: מיט שווערער מי האָב איך דיך ארויפגעשטופּט אויף א וועג, אָפּגעהאַרעוועט א לעבן און איצט פאַרשפּאַר איך —

עטעל: דעם וועג צו פריילין שארלאַט גוזיק!...

סעם: און אז יאָ איז וואָס? מיט קאָפּ וויל איך פאַר זיך עפּעס שאַפן, איך זאָל אַלעמען קאָנען העלפן, און דאָ קומט ער און באַגראָבט אַלץ. פּאָפּ, גיי צוריק! איך וועל אָפּרופן און זאָגן, אז דו גייסט צוריק.

בערל: איך וועל ניט גיין! ווילסט אז איך זאָל ווערן א סקעב, אַ פאַרעטער?

סעם: ווער מען פאַראַטסטו? וואָס זיינען פרעמדע קעגן דער צוקונפט פון דיינע קינדער? וועסט צוריקגיין. וועסט ניט וועלן קוילענען סימורס און מיין לעבן. וועסט ניט וועלן, אז מ׳זאָל הונגערן, און אז מיר אלע זאָלן ליגן אין גאָס. עס איז מיאוס צו ליגן אין גאָס.

בערל: הא? יאָ... מיאוס...

סעם: מאַ, זאָג אים. צוליב דיר האָט ער ניט קיין רעכט אזוי צו האנדלען. וואָס שווייגסטו, מאָ?

בעסי: אז... אז מיינע פיס זיינען געשוואָלן און געדראָלן... אַז איך באָד זיך אין א ים פון חובות... אַז באַרגן באָרגט מען ניט

און... ס׳האַרץ ברעכט מיך... און... און... ס׳מויל וויל פון גאַר־נישט וויסן... ס׳חיות הענגט אויף א פאַדים... און די קלעמפּע, די לענדלעידי, זידט, ווי א קעסל, און דער רויטער בוטשער רייסט זיך די האָר פון קאָפּ. וואָס מיינסטו, ס׳איז אַ פּראַזניק?

סעם: פון אַזאַ פּראַזניק, קומט אויס זיך צו וואַרפן אונטער די סאָבוועי־רעדער, און צום טייוול מיט אלץ! אָדער — ווערן א גענג־סטער!

בערל: האַ?... א גענגסטער — (דרייט זיך אויס צו עטלען) און דו, עטעל, וואָס זאָגסטו?

בעסי: (פאַרמאַכט עטלען דאָס מויל מיט דער האַנט) דו שוויג בעסער (צו בערלען) זי איז אויך חרוב. ז׳האָט אהיימגעבראַכט א... אַ... פּאָר אָנגעקוועטשטע פּיס, און ס׳ברעכט זי די פּלייצע (סימור קומט אריין) דו דאַרפסט נאָך פרעגן?

בערל: (דערזעט סימורן) און דו, סימור?

פינטשיק: ער זעט אויס ווי א פגר אָן טהרה... אלע מאָלט אייך, זעט איר אזוי אויס.

בערל: (מיטאמאָל) גיט מיר מיין הוט. איך וועל גיין צוריק צו אייער אַנקל מייקל! (פויזע) יאָ... איך וועל אים זאָגן: „ניטאָ קיין כח צו גיין אנטקעגן דיר. מיין זון וויל דיין לאסקע און א שדוך. מיין זון וויל אן אנשטענדיק לעבן פון אן אנשטענדיקן אמעריקאַנער. מיין ווייב האָט קראַמ־אַדערן—מיין עטעל... כע... און מיין סימור... כ׳וועל גיין און איר וועט איבער מיין נשמה אריבערגיין צו׳ן א בעסערער צוקונפט, ווי איבער אן אייזערנער בריק... (לאָזט זיך גיין, קוקט זיך אום) ס׳איז דאָך א בושה צו הונגערן, צו ליגן אין גאַס... אַ חרפה צו גריזשען ס׳דאַרע שטיקל ברויט. אי מיין שוואָגער מייקל וועט איצט לאכן? מילא...

עטעל: ער וועט ניט לאַכן!

בערל: האָ?

עטעל: ווייל דו גייסט ניט צוריק! פּאַפּאַ, וואָס איז געשען מיט דיר? צו וועמען הערסטו זיך צו? (שטעלט זיך אים אין וועג).

בערל: כ׳הער זיך צו? צו אלעמען! אלעמענס צונגען זיינען א בייטש איבער מיר.

עטעל: אז דו גייסט צוריק, וועל איך דיר פארלויפן דעם וועג! איך וועל דיך פיקעטן.

בערל: וואָס ווערסטו?

עטעל: איך בין ערנסט, פּאָפּאַ. איך וועל היטן —
סעם: דע־מיט, וואָס הערסטו די צעפּאַטלטע קאַנאַליע?
בעסי: זי רעדט, ווי איז מיר... שיינע רייד.
עטעל: רייד? מיר וועלן זען. קום, בוזי. (ביידע לויפן ארויס).
פינטשיק: א פיינע שאוי. קבצנים האָבן פּרי שאויס...
סעם: וואָס שטייסטו, פּאָפּ? גאָאַהעד! פּאַרליר ניט קיין צייט...
בעסי: א דאַליע... ס'לעבן עקט זיך.
בערל: ס'עקט זיך? אויב ס'עקט זיך — קום פינטשיק. מען מוז צוריקגיין. קום, נעם ביי מיר אונטערפּירעכטס, און חזר איבער שלמה המלכס זאָג... (מאכט א טראָט, און שטעלט זיך אָפּ) אי, די סטרייקערס וועלן אין מיר וואַרפן שטיינער? וועלן בוקען און מיך רופן „סקעב", וועל איך שמייכלען. אזוי פיל יאָרן געדרימלט און געשמייכלט, וועל איך שמייכלען ווייטער. זאָלן זיי וואַרפן שטיינער אויף מיר. מען מוז צוריק צו מייקל גוזיקס שיך, (גייט) צו גוזיקס שיך!

(פּאָרהאַנג)

צווייטער אַקט — ערשטע סצענע

(אין גרויסן מוזיק־צימער ביי גוזיקן. ליטל לואי וואַרט. נאָך א פויזע דערשיינט גוזיק.)

גוזיק: אָט בין איך צוריק.
לואי: אָל־רייט.
גוזיק: זיצט.
לואי: איך קאָן שטיין. ווען איך בין אָן ביזנעס, שטיי איך.
גוזיק: א טרונק?
לואי: נאָפּ, נאָפּ. ווען איך בין סטריקטלי אָן ביזנעס, האלט איך זיך טרוקן.
גוזיק: גוט אזוי. וויפיל, האָט איר געזאָגט?
לואי: פייוו גרענד.
גוזיק: גאנצע פינף טויזנט?
לואי: איר דינגט זיך? (מעסט אים אָפּ מיט א קרומען אויג).
גוזיק: (דערשראָקן) אָ, נאָ, איך דינג זיך ניט, איך מיין נאָר אַז... נו, קיין סך ארבעט האָט איר דאָך ניט געהאַט. איר האָט דאָך ניט געדאַרפט ברעכן קיין ביינער. די סטרייקערס זיינען דאָך אליין

צוריקגעקומען. איך מיין, אז סע קאָסט שוין יאָ אזויפיל, ניכאַי וואָלט איר שוין איינעם אָדער צווי פון זיי געווען אונטערגעהאַקט א קריזש פאַר א סואווענירי.

לואי: טשארלי, דער באָס פון דיסטריקט האָט געאָרדערט נאָר פראָטעקשאָן. פראָטעקשאָן אָנלי. אָבער אויב האקן א קריזש — נו, מ׳קאָן... (טוט א קוק אויף גוזיקן) ס׳ווענדט זיך וועמען...

גוזיק: אָ, נאָ, מ׳עט זיך שוין באגיין... טהענקס.

לואי: מאַי טיים איז אָפּ.

גוזיק: א טשעק?

לואי: מאַ־אַי, קעש!

(גוזיק דערלאנגט אים דאָס געלט.)

לואי: שטימט. כ׳האָף איר זענט צופרידן. מיר שטייען תמיד צו אייער דינסט... געדענקט אָן אונדזער אָרגאַניזאציע... (דערלאנגט אים די האַנט. גוזיק בויגט זיך אזש אונטער זיין דרוק.)

לואי: ג׳ביי, מיסטער גוזיק.

גוזיק: ג׳ביי. (לואי גייט ארויס. גוזיק צעלאָזט זיך אויפן קול): ווער געהרגעט! גענגסטער, רעקעטיר! אָבער, מ׳קאָן זיך פאָרט ניט באגיין אָן זיי...

(שארלאָט קומט אריין, אין עלעגאנטע פידזשאמעס.)

שארלאָט: ווער איז דאָ געווען, פאָפּ?

גוזיק: (פלאָנטערט מיט דער צונג) א... א... א... אָ ביזנעס־מאַן.

שארלאָט: א גענגסטער!

גוזיק: א... א... א... ביזנעסמאן זאָג איך.

שארלאָט: יעס!

גוזיק: נו, אָ גענגסטער איז אויך אָ ביזנעסמאַן.

שארלאָט: זייער אינטערעסאנטע ביזנעס פארבינדונגען. וואָס דאָ האָט זיך אָפּגעטאָן אין די עטלעכע טעג, וואָס איך בין געווען אַוועק: גענגסטערס, געשלעגן, סטרייקברעכעריי...

גוזיק: מ׳האָט ניט גע...גע...דאָס... מ׳האָט ניט געבראָכן. ס׳האָט זיך אליין אזוי געמאכט. זיי זיינען אליין צוריקגעקומען.

שארלאָט: אליין צוריקגעקומען? מיט א פריילעכן מארש, צי אויף די קני?

גוזיק: דו... דו... וואָס יאָדעסטו מיך? דו ביזט געוואָרן אָ גאַנצע רעדיקאַל, פראַוועסט משוגענע שטיק.

שאַרלאָט: ביזטו איבערצייגט, אז טאַקע גאַנץ משוגע?

גוזיק: אַט־אָ ביזטו געווען אין מעקסיקאָ און האָסט געבראַכט אַ ווילדן קאַפּעליוש מיט פּעדערן און א פּיסטויל, און, און דו דערגייסט מיר די יאָרן. טוסט עס אומיסטן. האָסט מיך פיינט, פיינט. (דרייט זיך אוועק.)

שאַרלאָט: (נאָך אַ פּויזע, גייט צו אים צו) פאַרוואָס רעדסטו זיך איין, אז איך האָס דיך?

גוזיק: ניין? וואָסזשע דען? וואָסזשע ווילסטו?

שאַרלאָט: כ'וויל, זאָלסט האָבן איינזען מיט מענטשן. מענטשן, וואָס ארבעטן און — הונגערן. ווייסטו וואָס דאָס מיינט? ארעמע מענטשן...

גוזיק: כ'ווייס ניט... אָרעם, רייך. כ'ווייס נאָר, אז איך מוז פאַרקויפן ביליקער. די „קאָלאָמביע בוטס" טאָר מיך ניט ארויס־שטופן. נעוווער! און די בענק וועלן מיך אויך ניט אָנכאַפּן ביים גאָרגל. איך בין אין דער געים און וועל ניט ארויס. איך האָב אָנגעהויבן פון אונטן: ווי אַ משרת, מיט א בעזים. איך... איך... (היסטעריש) כ'וועל ניט ארויס.

שאַרלאָט: פּאַפּ, ווילסט זיך רעכטפאַרטיקן פאַר מיר? דאָס וועט ניט פירן צו גאָרנישט. אויפרעגונג איז שיין, — אָבער צו וואָס? לאָמיר זיך קריגן געלאַסן, רואיק.

גוזיק: העל! מיינסט אז איך וואָלט ניט וועלן רוען? ס'איז אַ גרויס ראָד. ס'דרייט זיך. ס'א מיל. ס'דרייט מיך אריין און אַרויס, דער קאָפּ ווערט מיר געשוואָלן ווי א קירבעס. ס'גלוסט זיך מיר צו ברעכן... סע שווינדלט מיר אין קאָפּ.

שאַרלאָט: אָ, פּאַפּ. דערויף האָב איך זיך ניט גערינכט: איך האָב געמיינט, איך האָב צו טאָן מיט אַ מאַן, מיט אַ שטאַרקן באָס, צום סוף קנייטשסטו זיך ווי א בעיבי. בעיבי. (קיצלט אים אונטער דער גאָמבע. גוזיק גייט צו דער סאָפע, ציט זיך אוים. שאַרלאָט זעצט זיך אויף א טעפּיך, דעם פּאָטער צו פוסוס, קיצלט אים ווידער) **כיק־כיק...**

גוזיק: קיצל מיך ניט. אז דו קיצלסט מיך מוז איך **לאַכן.** און דו ווייסט דאָך, אז כ'טאָר ניט לאַכן. — סע שאַדט מיר...

שאַרלאָט: דער נאַרישער דר. בוירגער האָט דיר פאַרזאָגט צו **לאַכן?** (קיצלט אים) **כיק־כיק, פּאַפּאַ...**

גוזיק: האָסט מיך ליב?

ש י ך

שאַרלאָט: יאָ, פּאָפּאָ!

גוזיק: אַז דו האָסט מיך שוין יאָ אַזוי שטאַרק ליב, גיבזשע מיר אַ קוש, אַ?

שאַרלאָט: דו ווילסט עס אַזוי שטאַרק?

גוזיק: איך וויל זען, צי דו וועסט טאָן וואָס אַ טאַטע בעט.

שאַרלאָט: און דו, פּאָפּ, וועסט טאָן וואָס איך וועל בעטן?

גוזיק: קודם אַ קוש. אָט דאָ.

(שאַרלאָט קושט אים).

גוזיק: נאָך צוויי מאָל.

(שאַרלאָט פאָלגט).

שאַרלאָט: נו, גוט?

גוזיק: ניט שלעכט.

שאַרלאָט: איצט, פּאָפּ וועל איך עפּעס בעטן.

גוזיק: בעט.

שאַרלאָט: געדענקסטו כאָטש, אַז דו האָסט מיר צוגעזאָגט אַ טשעק אויף אַ געוויסן צוועק?

גוזיק: שוין? ווידער טשעקס? מיט צוועקן, מיט טשוועקעס?

שאַרלאָט: האָסט שוין פאַרגעסן? האָסט מיר צוגעזאָגט, אַז קוים וועסטו זיך באַרואיקן, וועסטו געבן. געדענקסט?

גוזיק: נו, יאָ...

שאַרלאָט: (שטעלט אויף די האַנט) גיבזשע!

גוזיק: (בייסט אָפּ דעם פּטם, שפּייט אויס) רייב אָן אַ,

שאַרלאָט: אָט האָסטו!

גוזיק: (פאַרציט דעם רויך) פיין...

שאַרלאָט: נו, פּאָפּ?

גוזיק: גיי, ביזט אַ... אַ...

שאַרלאָט: (ברוגזלעך) וואָס בין איך?

גוזיק: כ'ווייס שוין וואָס.

שאַרלאָט: און איך ווייס וואָס דו ביזט.

גוזיק: וועסט מיר אפשר זאָגן אַז איך בין אַ קאַיק?!

שאַרלאָט: און איך האָב דיך געקושט. ביזט ניט קיין וואָרטס־מאַן.

גוזיק: הלמאי דו האַלטסט אויך ניט קיין וואָרט? האָסט מיר צוגעזאָגט אז דו וועסט שוין איינמאָל פאר אלעמאָל, ווערן א מענטש! אַז דו וועסט דיר שוין אויסקלייבן עפּעס א יונגעמאַן און ווערן א כלה.

שאַרלאָט: כ׳וועל נאָך ווערן, ווערן!

גוזיק: נו?

שארלאָט: וואָס?

שארלאָט: (ווערט ברוגז, דרייט זיך אַוועק, זעצט זיך ביי דער פּיאַנע, פּויקט מיט איין פינגער אויף די קלאַווישן).

גוזיק: אַנו, אַנו, אדרבה, שפּיל מיר טאָקע עפּעס א שטיקעלע... אפשר קענסטו א דזשואיש סאָנג (צעברומט זיך) „זאָרג ניט, מאַמע, ס׳עט זיין אָלרייט... אוי ווי, זאָרג ניט מאַמע, ס׳עט זיין אָלרייט"... (באַטלער).

באַטלער: מיסטער נעש!

גוזיק: ווער?

שארלאָט: אָ, כ׳האָב גאָר פאַרגעסן, אז איך האָב דערלויבט דעם נודניק מיך צו באַזוכן. גוט, דזשאָן, פיר אים אריין.

באַטלער: יעס, מיס שאַרלאָט. (אָפּ).

גוזיק: ווער איז דער מיסטער נעש? אין די לעצטע צייטן דרייען זיך דאָ ביי דיר אריין און ארויס עפּעס מאָדנע פּריינט. א מיסטער ווײַלד, א מיסטער קוק, און א מר. נעש. באַלד וועסטו האָבן א מר. שעוורוּאָלעי אויך. היינט שטייט ביי דיר, זע איך, אויף דער פּיאַנע, א מיסטער מיט א צעכמאַליעטער נאָזניע און אַ צעהאַקט אויער. ווערזשע זיינען זיי עס די חברה־לייט, וואָס באַשיינען מיך? (סעם).

גוזיק: (גייט אים אנטקעגן) ער?! אָט דאָס איז דער מר. נעש? כאַ־כאַ? פון ווען־אָן האָסטו דיר געביטן דעם נאָמען נעכאַמקעס אויף נעש? האָסט אים מל־געווען? העל־ל־לאָ!

כעם! האו דו יו דו, אַנקל. העלאָ, שארלאָט.

שאַרלאָט: האו אר יו, קאַנסלאַר...

סעם: (אין פאַרלעגנהייט) שטער איך אפשר?

שאַרלאָט: ניט איבעריקס. אָבער... הם... אַזאַ שלעכטער קאָפּ ביי מיר, איך האָב שיר פאַרגעסן, אז דו דאַרפסט מיך באַזוכן היינט און... איך האָב געמאַכט אנדערע אַראַנדזשמענטס... אָבער

ס׳מאַכט ניט אויס. (קאָקעטיש אָנציענדיק) וועסט מיר דערלויבן, אַז איך זאָל זיך מאַכן פּרעזענטאבל... ס׳וועט לאַנג ניט געדויערן.

סעם: אַ... צ׳אָלרייט...

שאַרלאָט: פּאַפּ, זיי אַזוי גוט און אונטערהאַלט אים א פּאָר מינוט.

גוזיק: גיי, גיי, איך וועל אים שוין האַלטן (דערלאַנגט אים א ציגאַר) עי סיגאַר?

שאַרלאָט: אַ, פּאַפּ, פריער הייס אים זיצן...

גוזיק: נו, גוט, זיץ, ווּעסטו רויכערן אַ סיגאַר, זיצנדיק.

סעם: אַ דאַנק.

שאַרלאָט: אַנטשולדיקט. (אָפּ).

גוזיק: אַזוי, הייסטו שוין נעש... זאָגזשע מיר, וועט עס דיר העלפן צו מאכן א לעבן? כאָטש שאַדן שאַדט עס ניט. ווי זאָגט מען עס: יעדן יידן טוט מען א שניט כע־כע און סע שאדט אים ניט, כע־כע... אַזאַ גוטער וויץ?

סעם: (קרעקט זיך) יאָ...

גוזיק: זעסטו, און איך האַלט ניט דערפון. אז איך הייס פון דער היים גוזיק, בלייב איך גוזיק. איך שעם זיך ניט מיט מיין טאַטנס נאָמען. איך פאַראַט ניט מיין טאַטן. איך האַלט הייליק זיין אָנדענק און — עס ברענגט מיר לאַק! גליק. יעס, איך שעם זיך ניט מיט יידן. איך האָב ליב יידן. מיין פאָלק. פארשטייסט? נו? וואָסזשע רויכערסטו ניט? ווייסט ניט וואו אָפּצובייסן?

סעם: כ׳ווייס. אָבער... איך רויכער זעלטן סיגאַרן.

גוזיק: ר׳עט דיר שמעקן. ס׳א גוטער... מען מאכט זיי ספּע־ציעל פאַר מיר. זעסט, גיב א קוק: א סיגאַר מיט מיין נאָמען: גוזיק־ספּעשל. אז איך רייכער אַזאַ סיגאַר, ווערט מיר, ווי זאָגט מען עס... ער גיט מיר צו מוט. מוט, יונגערמאַן, איז א גרויסע זאַך. היינטיקע צייטן מוז מען עס האָבן: אויף שריט און טריט. (באַטראַכט סעמען) האָסט עפּעס אביסל מוט?

סעם: איך... איך האָב קוראַזש, אָבער...

גוזיק: אָבער וואָס? ס׳פייפט ניט? טוסט עפּעס? ביזט, דאַכט זיך, א לאָיער ביזטו... הא? האָסט שוין אַן אָפיס? און האָסט שוין, ווי רופט מען עס, אַ קליייענטעל, הא?

סעם: איך? דער אָנקל ווייסט דאָך... איך האָב ניט קיין... נו, איך דאַרף א „פּוש".

גוזיק: א „פוש”? אַלע זאָגן אַזוי! ניין, ברודערל, דאָס איז ניט גוט. מען דאַרף אַליין פאַרקאַשערן די אַרבל און זיך אַריינרוקן. אַזאַ וועלט איז עס: רוקסט זיך ניט, פאַרסטו ניט, קומסטו ניט אָן און ביזט ניטאָ. דו הערסט? ביזט אינגאַנצן ניטאָ און פאַרטיק...

סעם: מיר, מיר פעלט נאָר אויס אַ ביסל געלט...

גוזיק: געלט איז ניט דער עיקר. די הויפּטזאַך איז: קאָפּ. קאָפּ און האַרץ. קאָפּ האָסטו? איך ווייס ניט, איך פרעג דיך...

סעם: איך האָב אַמביציע...

גוזיק: זעסטו? דאָס איז גוט! אַמביציע איז טאַקע גאָר דער עיקר!

סעם: קאָן זיין. איך האָב חשק צו גיין אין פּאָליטיקס... איך האָב אַמאָל דעם אָנקל געזאָגט...

גוזיק: מעגלעך... מייבי... כ׳געדענק ניט. אַמאָל רעדט מען צו מיר און איך הער טאַקע, אָבער... גאָרנישט. דו ווייסט דאָך: ס׳גייט דורך איין אויער אַריין און דורכ׳ן אַנדערן אַרויס... מיינסט ס׳איז עפּעס אַ קלייניקייט? פאַרטאָן פון קאָפּ ביז די פיס... איך האָב דאָך אויף מיין קאָפּ אַ פאַבריק: שיך! שיך! נאָר שיך ווילן זיי גיין אָנגעטאָן און פאַר ביליק, הייַנט האָב איך אויף זיך אַ באַנדע אַרבעטער, סטרייקס, זיי מיינען אַז זיי וועלן וואַרפן די אַרבעט וועט מען זיי אָפּגילטן. זיי מיינען אַז זיי קענען אונדז אָנשרעקן.

סעם: זיי זיינען קעגן קאַפּיטאַליסטן, און אַליין וואָלטן זיי וועלן רייך ווערן מיט געוואַלד. זיי זיינען קעגן גאָלד, און אַליין ווילן זיי, מיט געוואַלט, מער גאָלד. איך קאָן זיי ניט פאַרטראָגן! כ׳האָב זיי ניט ליב...

גוזיק: ס׳האָט ניט צו טאָן מיט „ליבן”. איינער דעם אַנדערן מעג דווקא ליב האָבן. פאַרוואָס ניט? דווקא יאָ ליב האָבן. גאָט האָט אַזוי געבאָטן. דאָ איז עס נאָר אַ פראַגע, ווער וועמען ס׳זאָל שלאָגן. פאַרשטייסט? — ווער וועמען. ס׳גייט אין מאַכט. מען דאַרף וועלן האַלטן די בייטש איינער איבערן אַנדערן. ווער ס׳האָט די בייטש, דער פאָרט. און איך וויל האַלטן די בייטש מיט די לייצעס... איך גלייך עס. פאַרשטייסט?

סעם: געוויס. מען דאַרף גיין מיט כח. ווען איך וואָלט גע־קאָנט געווינען אייער פולן צוטרוי —

גוזיק: צו וואָס דאַרפסטו עס?

סעם: צו זיין, ווי מען זאָגט, אייער ליגעל אַדווייזער. דאָן

וואָלט מען ביי איך אין שאָפּ שוין געזעסן ווי די מייזעלעך: שטיל, שאַ. איך האָב אפילו שוין אָנגעהויבן טאָן וועגן דער זאַך.

גוזיק: וואָהד־יאָמין? וואָהד־יאָמין? איך פאַרשטיי ניט.

סעם: ס'ערשטע האָב איך געווירקט, אז מיין אייגענער פּאָפּאָ זאָל צוריקגיין צו דער אַרבעט. און ער איז געגאַנגען. פּאָרט אייגענס. קוקנדיק אויף אים — האָבן עטלעכע אַנדערע „הענט" פון די אַנדערע דעפּאַרטמענטס זיך נאָכגעשלעפּט נאָך אים. איך אליין האָב געהאָלפן ארײנקלאַפּן א פלאָקן צווישן די ארבעטער.

גוזיק: באַלאָני. און וואָס האָט געטאָן דער באָנטש לײדיקגייער, וואָס מען האָט ארויסגעוואָרפן אָנצושרעקן? דאָס איז גאָרנישט?

סעם: געוויס, געוויס. די „פינקס" האָבן צוגעלייגט א האַנט. אָבער איך בין געווען דער ערשטער, וואָס האָט פאַרשטאַנען ווי אזוי ארויסצוגעמען דעם ווינט פון די זעגלען. וואָסזשע האָט שוין די יוניאָן געקאָנט טאָן? ז'האָט פאַרלוירן, און דעטס־אָל. דער טריק מיט מיין פּאָפּאָ איז געווען אָלרייט.

גוזיק: דיין פּאָפּאָ — טפו זאָל ער ווערן, ער האָט זיך אויך נאַריש געמאַכט. אראָפּ אין סטרייק. מיינסט ווען ער איז מיר ניט, ווי זאָגט מען עס, אַ געוועזענער שוואָגער, נעם איך אים צוריק? ניט מיסטער גוזיק. איך האָב פיינט, אז מען באַליידיקט מיך. און ער האָט מיך באַליידיקט: מיין גוטסקייט! ער האָט מיך פאַרשעמט! ווארום אז א קרוב סטרייקט ביים אייגענעם קרוב, מעגן דאָך פרעמדע אודאי. אָבער, ס'איז גוט וואָס איך קען צעברעכן א סטרייק, און צעדייבן אויף פאָרעך, און דיין טאַטע זאָל אַ פּנים האָבן ווי א נאַר. — ווענסט מאַכן אַ שנעפּסל?

סעם: אַ דאַנק...

גוזיק: דאַנק מי איי. זאָג מיר: יאָ צי ניין?

סעם: יאָ...

גוזיק: (קלינגט) די לעצטע טעג פיל איך ניט אזוי איי־איי... כ'וואָלט באַדאַרפט טאָן וואָס מיין מיסיס האָט געטאָן, ארויספאָרן אביסל. די פאַרשאָלטענע שיך...

(באַטלער).

באַטלער: יעס סיר!

גוזיק: (ווייזט מיטן פינגער צום גאָרגל אויף א טרונק) אָבער, ברענג אַ גוטן...

באַטלער: יעס סיר! (אָפּ).

גוזיק: און דו, יונגערמאַן, אויב דו ווילסט זיך ערגעץ צושלאָגן, פאָלג־זשע מיך: זײַ א מענטש. האָב דעם קאָפּ אויפן קאַרק. גראָב מיט די נעגל, קריך אונטער דער ערד און קריג די ערשטע קעיס, מעיק גוד, בעסער ווי גוט, און אז דו ועסט האָבן —

(באַטלער ברענגט א טאַץ, פלעשער און גלעזלעך). נו, גיס אָן...

באַטלער: (גיסט אָן, אָפּ).

גוזיק: נו, לחיים. איך ווינטש דיר גליק.

סעם: אַ דאַנק. אײַער געזונט. (טרינקט).

גוזיק: האַ? א גוט ביסל? נעם נאָך איינס. ס׳גיט צו קור־ראַזש...

סעם: לחיים!

גוזיק: און איצט א דריטס, און מיר זײַנען קוויט.

סעם: מיט פאַרגעניגן.

גוזיק: (שטויסט מיט אים ס׳גלעזל) אָט אזוי. ס׳וואַרעמט אונ־טער. מען גייט זיכערער...

סעם: איך שרעק זיך ניט, אַנקל. איך גיי. דער אַנקל זאָל מיר נאָר וועלן העלפן, וואָלט איך באַלד געקאָנט ווערן וואָס איך וויל...

גוזיק: ווערן? וואָס ווילסטו ווערן?

סעם: א ריכטער.

גוזיק: א דזשאַדזש?

סעם: און אפשר א דיסטריקט אטוירני. איך ווייס, אז איר האָט פּאָליטישע פאַרבינדונגען.

גוזיק: דאָס איז אמת (שטאָלץ) פּאָליטישנס ליגן בײַ מיר אין וועסטל קעשענע. זיי זײַנען בײַ מיר, ווי מען זאָגט, א דאָים אַ דאָזען. אז איך נעם אַרונטער דעם רעסיווער און זאָג: „העלאָ דהער, טשארלי, העלאָ, קאָנגרעסמאַן" נעמט מען אויף יענער זײַט אראָפּ ס׳היטל. קנאַ־קערס זײַנען זיי. אז איך מאַך זיי — זײַנען זיי... כע־כע־כע! דו וואָוטסט, נאָר עלעקטן, עלעקטן מיר.

סעם: דעריבער מיין איך, אז דער אַנקל קאָן מיך מאַכן —

גוזיק: מאַכן? איך קאָן דיך מאַכן? כע־כע־כע! אוי, ס׳האָט מיך אַזש א נעם געטאָן בײַ די זײַטן. וואָס בין איך? א מעיאָר? א גאָ־ווערנאָר? איך קאָן מאַכן?

סעם: אבסאָלוט...

גוזיק: און ווען איך זאָל קאָנען? ווייסטו וואָס מען דאַרף אַרייַנ־בראָקן אין אַזאַ חתונה? אַן אוצר! א מטמון! ווערזשע וועט גיין וואַרפן ס׳לעבעדיקע אויפן טויטן? א משוגענער! אַן איינפאַל: איך קאָן אים מאַכן. ניין, יונגערמאַן, ס׳איז ניט אין מיין לאַיִק. מען דאַרף זיך אַליין מאַכן. אָט האָב איך זיך אַליין געמאַכט. כ׳האָב אָנגעהויבן מיטן בעזים. אַזוי דאַרפסטו אויך אָנהויבן. מיטן בעזים. פון אונטן אַרויף. דאָס הייסט קוראַזש. נו, נעם שוין נאָך איינס...

סעם: (צעטראָגן) און איך האָב געמיינט אַז דער אָנקל... איך האָב געטראַכט, אָט בין איך דאָך דעם אָנקל געקומען צו הילף... אַליין זיך איינגעשטעלט... ווייזט אויס אַז... און דעם פּאַפּאַ געשיקט צוריק...

גוזיק: ס׳טויג מיר די רייד... בעסער לחיים.

סעם: איך פיל אַז איך מוז גיין.

גוזיק: לויפסט שוין? וואָס איילסטו זיך? נעם נאָך א גלעזל...

סעם: (ביטער) נעמען? גוט. אַז מען טרינקט שוין. (וויל אָננעמען ס׳גלעזל. ס׳ציטערן זיינע הענט).

(שאַרלאָט).

שאַרלאָט: אָ, מען האַלט שוין ביי א גלעזל?

סעם: (געפלעפט פון שאַרלאָטס טואַלעט) מיר... מיר האַלטן ביי... מיר...

שאַרלאָט: (קאָקעטיש) ביי וואָס?

גוזיק: כ׳זאָג אים, אַז מען באַדאַרף האָבן כוח. אַניט פּאַרט מען ניט...

שאַרלאָט: זאָל ער פליען...

גוזיק: ר׳האָט דען דאָס... ווי הייסט עס?

שאַרלאָט: אָן פליגלען. (צו סעמען) קאָנסט?

סעם: (קוקט אויף איר) אפשר. אַז מען קוקט אויף דיר...

שאַרלאָט: אויף וועמען? אויף מיר?

סעם: מען ווערט דערהויבן. מען...

שאַרלאָט: פאַנטאַזירסט? אויף וועמענס חשבון? צילסט ערגעץ?

גוזיק: וואָס פלאַפּלט איר? כ׳פאַרשטיי ניט א וואָרט.

סעם: מען דאַרף עס פילן...

גוזיק: האַ?

(טעלעפאָן).

שאַרלאָט: (נעמט אַראָפּ ס׳טרייבל) **העלאָ. יעס. פאַר דיר, פּאַפּ. פון פאַבריק.**

גוזיק: **צום טייוול. איין טאָג לאָזט מען מיך ניט אָפּרוען. ווייל איך בלייבן אַביסל אין דר׳היים און זיך אַמוזירן, קאָן איך ניט. רייסט מען די הויט.** (נעמט ס׳טרייבל) **העלאָ! האַ? צום טייוול! איר קאָנט זיך אליין קיין עצה ניט געבן? ווער? מיסטער גראָס? אָט־דער פון די קאָקראָטש־סטאָרס? זאָגט אים, דעם מר. גראָס, אַז ביי מיר וועט ער ווערן קליין, א ווערימל. איך פייף אויף אים. איך מאַך פאַר אים ניט קיין ספּעשל פּרייזן. כ׳על זיך באַגיין אָן אים. און זאָל ער מיך ניט אָנשרעקן. מיר גייען באַלד ארויסלאָזן א גאַנצע מיליאָן פאַר שיך, און מיר׳ן אים פאַרוואַרפן, ווי מיט א האָגל. מיר׳ן אָוועקקערן מיטן בעזים די קאָקראָטשעס, וואָס פאַרקויפן צוויי פאַר שיך א טאָג. האַ? גוט, נו, כ׳וועל אַריבערקומען. ׳ביי.** (הענגט אויף צינדט איך אָן! מענעדזשערס... א באַרבער־יונג א מענעדזשער, און חנפעט! העלל!** (גייט ארויס אין די זאָקן, טראָגט דעם ראָק אין האַנט) **׳ביי־ביי... סאָררי... כ׳מוז אָוועקגיין, מוז איך.** (קערט זיך אום נעמט א גלעזל) **מען דאַרף זיך שטאַרקן, ווען מען גייט אין פאַבריק, יונגערמאַן, כ׳על דיך מסתמא נאָך אַמאָל זען. באַווייז זיך אַמאָל, ווען דו האָסט צייט. מען קאָן זיך מיט דיר אַמוזירן... ביי־ביי שאַרלאָט.**

שאַרלאָט: **ביי־ביי, פּאַפּסיקל...**

גוזיק: **ביי.** (גרעבצט. אָפּ).

(פּויזע).

שאַרלאָט: (שיסט אויס) **זאָג עפּעס. רעד! וואָס זיצסטו אַזוי, גלייך ווי דו וואָלסט געהאַט קרעמפּן? איך האָב ליב א געזונטן מאָגן. רעד. ביזט דאָך שוין דאָ. טאָ...** (ציט אַרונטער ס׳קלייד, פאַרוואָרפט אַ פוס).

סעם: **יאָ.. איך, שאַרלאָט, בין געקומען.**

שאַרלאָט: **טרינק־זשע מיט מיר אויך א גלעזל.**

סעם: **מיט דיר און פאַר דיר, אַלץ!**

שאַרלאָט: **וואָס אַלץ?** (בויגט זיך איבער אים) **וואָס?**

סעם: **פאַר דיין גליק...**

שאַרלאָט: **אָ, אָ, ס׳קלינגט שאַרף!**

סעם: **ווייסט, איך, איך וואָלט דיך וועלן זען צופרידן. ווען איך וואָלט דיך געקאָנט אָפּטושן מיט גליק, וואָלט איך...** (זוכט איר האַנט).

שאַרלאַט: וואָס זוכסטו?

סעם: דיין...

שאַרלאַט: מיין... קני?

סעם: לאָז מיך האַלטן דיין האַנט. אז וועסט מיר געבן דיין שניי־ווייס הענטל, וועל — וועל איך...

שאַרלאַט: כ׳האָב ניט געוואוסט, אז דו קאָנסט ווערן סענטימענטאַל און רעדן ווייך. ס׳קלינגט זיס...

סעם: איך בין ניט סענטימענטאַל: איך זאָג דעם אמת: איך... איך טראַכט וועגן דיר טאָג־ווי־נאַכט...

שאַרלאַט: און שלאָפן... ווען?

סעם: איך חלום וועגן דיר.

שאַרלאַט: א שטייגער וואָס?

סעם: דו האָסט די שענסטע האָר... די ווייסעסטע ציין.

שאַרלאַט: קאָנסט אימפּראָוויזירן אויך?

סעם: פאַר דיינעטוועגן...

שאַרלאַט: דיכטן? דיכטע פאַר מיר אַן א גאַנץ בלעטל... יעס?

סעם: יע... גיב מיר דיין האַנט...

שאַרלאַט: (שטרעקט אויס איר האַנט צו אים) נאַ, נו, וואָס וועסטו מיט איר טאָן?

סעם: (קושט איר האַנט) שאַרלאַט, נעמסט מיך אביסל ערנסט? איך בין טאַקע אַן אָרעמער בחור, אָן מיטלען, אָבער איך האָב א סך אמביציע. איך קאָן דערגרייכן וויַיט. איך קאָן דיך נאָך אמאָל אפילו מאַכן פאַר דער ערשטער לעידי פון סטעיט.

שאַרלאַט: אַ... ס׳קלינגט שיין און ווי אזוי וועסטו מיט מיר ארייַנמאַרשירן אין זאַל צום אינאַגוראַציע באַל? (נעמט אים פאַר אַן אָרעם און דרייט זיך) אזוי־אַ?...

סעם: שאַרלאַט, איך האָב דיר א סך מאָל געגעבן אָנצוהערן, אָבער דאָס מאָל האָב איך זיך אָנגענומען מיט מוט דיר צו זאָגן: שאַרלאַט, לאָז מיך דיך ליבן, ווער מיין...

שאַרלאַט: איז דאָס אויך אמביציע? אָדער טיפער ווילן?

סעם: איך פאַרמאָג ווילן אויך!

שאַרלאַט: (איראָניש) איך ווייס עס... און מוט האָסטו אויך?

סעם: אַ סך...

שאַרלאַט: אויב דו האָסט אזויפיל מוט (ווערט ערנסט, זעצט זיך) דאַן זאָג מיר, וועגן וואָס האָסטו דאָ גערעדט מיטן פּאַפּאַ?

סעם: (אין פאַרלעגנהייט) נו, איך...

שאַרלאָט: האָסטו ניט אַמאָל ביי אים געוואָלט איינמאָנען אַ חוב?

סעם: וואָס מיינסטו, אַ חוב?

שאַרלאָט: פאַר „דוירטי סוירוויסעס רענדערעד". דו האָסט אים געגעבן אַ „פּוש" און איצט האָסטו פון אים געבעטן אַ „קעגן־פּוש" און... האָסט ניט איינגעקעשט...

סעם: דו... דו רעדסט אין רעטענישן...

שאַרלאָט: ס'אַ שפּיל אַזאַ. אָבער אַמאָל וועט קומען די מינוט, ווען ס'וועט אויפהערן צו זיין שפּיל. ס'וועט ווערן לעבן — און אַ ביטער געשלעג!

סעם: שפּיל? און דו שפּילסט זיך ניט? אָט ביזטו אַ רעדיקאַל און אָט שלעפּסטו זיך אַרום — (ווייזט אויף דער פּיאַנאָ, וואו עס שטייט אַ בילד.) מיט דעם־אָ פּאַיטער. דו מיינסט, אַז דו ביזט פאַרליבט אין אים אין זיין קראַפט; מיינסט אַז קראַפט איז אַלץ. איך האָב אויך קראַפט. מיינע ליגט דאָ־אָ אין... אין קאָפּ! און איך האָב אין די הענט אויך. אָט קאָן איך דיך נעמען. דיך פאַנגען.

שאַרלאָט: (גליטשט זיך אַוועק) קאָנסט?

סעם: דו שפּילסט זיך מיט מיר? אָבער איך וועל דיר ווייזן, אַז — (יאָגט זיך נאָך איר).

שאַרלאָט: קאָנסט אַפילו ניט וואָגן...

סעם: (כאַפּט זי אָן) כ'וועל יאָ וואָגן. כ'האָב פּונקט אַזויפיל מוט ווי דיין פּייטער, דער גראָבער יונג מיט דער צעהאַקטער נאָניע. איך האָב פּונקט אַזויפיל רעכט ווי ער און קראַפט אויך. (דרענגט שאַרלאָטן אין אַ ווינקל).

שאַרלאָט: לאָז מיך אָפּ! נאַר! נאַר! איך האָב געשפּאַסט! (ביג באַי).

סעם: איך וואָג יאָ. איך וועל אַלע פּייטערס צעכמאַליען. איך וועל זיי —

שאַרלאָט: טרעט אָפּ פון מיר.

(ביג באַי בלייבט שטיין אויף אַ רגע. לאָזט זיך באַלד מיט געמאָס־טענע שפּרייזן און כאַפּט אָן סעמען ביים קאָלנער).

ביג־באַי: (שרייט אַריין סעמען אין פּנים) דו.. שייסטער! לויזער מיט די גאָלע הויזן! קאָקראָטש!

סעם: (טאַנצט אונטער) דו... בוהאַי!

שאַרלאַט: נאַ... נאַ! נאַ! פּליז!

סעם: כ'האָב פאַר אים מורא? (הויבט די האַנט).

ביג־באַי: אַ יע? (דערלאַנגט סעמען א זעץ אין נאָז).

סעם: אַ מאַי! (ציט זיך אויס אויף דער ערד).

שאַרלאַט: דאָס האָסטו גיט באַדאַרפט טאָן. אָ, עס רינט פון אים ס'בלוט...

ביג־באַי: מאַכט ניט אויס. וועט אָפרינען פון אים אביסל פּאַסקודנע יויך, וועט מען אים ארומוואַשן און ארויסוואַרפן, וועט ער וויסן, ווי אזוי זיך צו טשעפּען צו'ן א לעידי... ער וועט זיך אויס־לערנען צו זיין א דזשענטעלמען, צו האַלטן ס'מויל און ניט צו הויבן אַ האַנט קעגן ביג־באַי...

ביג־באַי: (טאַרעט אים מיט א פוס) **ער וועט זיין אַלראַיט. דאָס וועט אים אויסניכטערן... ער וועט זיך אויסניכטערן פון א סך זאַכן...** (נעמט ארום שארלאטן, טראָגט זי ווי א פּיגעלע צו דער פּיאַנאָ) **סעי, קיד, כ'האָב היינט אויסגעלערנט א ניי לידל...** (קנאַקט מיט די פינגער איבער די קלאַווישן).

(פאַרהאַנג)

צווייטער אַקט — צווייטע סצענע

(אַ ווינקל אין מיסטער גוזיקס שיך־פאַבריק. ווי אין דער צווייטער סצענע פון ערשטן אקט).

שפּאַק: (זינגט און ברומט פון זיין פלאַץ) **„עי, סאמבאַמבאַמביטש וויל נעווער געט ריטש ביי דיגין א דיטש"...**

קורצער: (זינגט) **האָסט פאַרראַטן דיין טאַטן**

רעדט צו אַ זאַטן

א רוח אין זיין טאַטן

פאַראַטן — דעם סטרייק!

לאַנגער: **אין זיין טאַטן, דעם זאַטן —**

קורצער: (שטורכעט דעם לאַנגן. ווייזט אויף בערלען) **האָסט פאַראַטן דיין טאַטן...**

צאַלעל: (איבערגעשראָקן) **פאַרגעסט ניט: דער געלער פאַרמאַן דרייט זיך ארום.**

קורצער: האָב ניט קיין מורא. ער וועט ניט קומען אהער. צו וואָס זאָל ער קומען, אז ער האָט דאָ א פּאַרטרויאונגס־מענטש...
(ווינקט מיט אן אויג.)

אלע: (א חוץ בערלען) ווער איז עס?

שפּאַק: דהי סאמאבאמביטש וויל נעווער געט ריטש
דהי סאמאבאם סקעב וויל נעווער...

צאַלעל: און פאַרגעסט טאַקע ניט: דער געלער פאָרמאַן דרייט זיך ארום...

קורצער: שרעק זיך ניט, טאַטער. דער געלער וועט אונדז גאָרנישט טאָן. אז ער וועט אונדז וועלן טשעפּען, וועט בערל ניט לאָזן. האָ? בערל איז דאָך א גאַנצער שמעלקע אי מיטן פאָרמאַן, אי מיטן מענעדזשער. היינט מיטן אדון אליין, מיט גוזיקן, איז ער דאָך גאָר קנעפּל־שבקנעפּל... מען איז דאָך טאַקע קרובים... און וואָס טוט מען ניט צוליב קרובהשאפט? א כפּרה קאַמף, חברים און די אייגענע פעל, אבי קוזעניו־מוזעניו...

שפּאַק: דהי סאמאמבאמביטש וויל נעווער געט ריטש
די סאמממאם־סקעב וויל נעווער.

צאַלעל: דער געלער איז דאָ!

(דאָס געשפּרעך ווערט איבערגעריסן. מען ארבעט שנעל. געלער קומט צו, קאַלופּעט די ציין מיט א שטרוי, קוקט קרום אויף אלע.)

געלער: מען ארבעט, צי מען בלאָפט? איר זייט ניט קיין שטיק־ארבעטער. איר נעמט אויפן טאָג. פינף דאלאר א טאָג. (קאַלופּעט די ציין) ווערדזשעס נעמט איר! איר הערט? (באַקוקט די ארבעטער) מען איז אזוי געטריי, וואָס מען רעדט ניט ארויס א וואָרט? מען מיינט עס, צי מען בלאָפט? און דו, בערל, וואָס זאָגסטו? (דערלאַנגט בערלען אין פּלייצע און לייגט ארויף די האַנט אויף זיין אקסל.)

בערל: (דרייט זיך אויס. באַטראַכט דעם געלן, נעמט אראָפּ זיין האַנט פון אַקסל) איך זאָג גאָרנישט.

געלער: (שטשירעט ציניש די ציינער) א שווייגער? א צדיק? נו, ארבעט. ארבעט! ניט געבלאָפט. איר קריגט ווערדזשעס! איר שטייט דאָ ניט אויף אייער צייט! איך דאַרף שיך, שיך! (אָפּ).

(הענט ארבעטן געשווינדט.)

קורצער: לאַנגער, וויש מיר אָפּ די נאָז...

לאַנגער: וויש דו מיך פריער...

קורצער: ניט אויף גוזיקס צייט...

לאַנגער: גוט! (סצענע פון ווישן די נעזער.)

קורצער: און ווער וועט ווישן בערלען? הם... האָסט געזען ווי דער געלער מיט בערלען זייבען פּאַניע־בראַט? מהאָט זיך שיער ניט געקושט אין די פּיסקלעך.

שפּאַק: דהי טאַמאַמבאַמביטש וויל נעוועך געט ריטש...
דהי טאַמאַבאַם־סקעב וויל נעוועך...

האַנס: דו, שפּאַק, פּאַליאַק, האָסט א גראַם צו סקעב?

קורצער: א דייטש מוז האָבן א גראַם...

האַנס: אַבזאָלוטלי ען פּאָזיטיוולי... אַלץ מוז האָבן א גראַם. אָרדנונג... נו, שפּאַק, וואו איז דער גראַם?

קורצער: איך האָב עס!

אַלע: וואָס?

קורצער: סקעב גראַמט זיך מיט בערל!

אַלע: אוי, גוט! (צעלאַכן זיך).

קורצער: (מיט א ניגון) ווער איז אַ סקעב?

בערעל (הויבט אויף די שטים) בערעל! בערעל! איך! (דרייט אויס דעם קאָפּ) נו, אז איך גראַם צו אַליין, איז שוין גוט? וועט איר שוין איצט אפשר צומאַכן די מיילער אייערע און שווייגן? און אפשר ארבעטן גיכער? אז איך בין א סקעב, קאָן איך דאָך זיין א מסור אויך! קאָן איך דאָך צורופן דעם געלן און...

האַנס: (הויבט אויף א שטיקל אייזן) און איך קאָן דערמיט דער־לאַנגען אין קאָפּ.

בערל: טו עס! טו עס! אין הארץ אריין אויך. דו וועסט אבער ניט ארויסשלאָגן דאָס, וואָס עס טוט זיך דאָ־אָ... אין הארץ און אונטערן שטערן...

קורצער: ווי טראַגיש! וואָס עס טוט זיך אָפּ ביי א פּארעטער...
(פון דערוויטנס הערט מען דעם געלענס קול: „ארבעט! בלאָפט ניט! איך דארף שיך!)

צאַלעל: דער געלער דרייט זיך נאָך דאָ ארום. ער קאָן זיך אומקערן. ער דארף די שיך...

לאַנגער: און ווערידזשעס נעמען מיר. פינף דאָלער א טאָג. און קוים דריטהאַלטן טעג ארבעט. קיין פופצן דאָלער ארבעט מען ניט אויס.

קורצער: ס׳טויג דיר געלט? נעם דיר אראָפּ א משל פון בער־לען: ער דארף גאָרנישט. ער דארף דאָ־אָ שטיין... אניט וואָלט

ער דאַך ניט געוועג זיך אומגעקערט און געהאָלפן צו דערשמעליען אונז צו ברעכן דעם סטרייק!

האַנס: דאַנערוועטער! ווען ניט ער, און נאָך עטלעכע שייסער־בעסטאַרדס! זיי האָבן געקראָגן ריקפּאַל־פּיבער און צוריקגעקראָכן... (אין כעס) זיי האָבן דערמוטיקט צו ברענגען דיזע פינקס־און־שטינקס און באַמס. און זאָ האָבן זי די יוניע קאַפּוט געשלאָגן. דאַנערוועטער!

קורצער: א יידישער דונער מיט בליץ און מיט א זאווערוכע איז אויך פאר זיי פלענטי גענוג.

האַנס: האָבן אָפּגעטאָן... שייסער. און איצט הייסט עס נאָך פינף דאָלער א טאָג. פינף דאָלער א טאָג, און קיין שטיקל שוויינס־פלייש קאָן מען ניט קויפן.

צאלעל: (מיטאָמאָל) ווען איך זאָל קאָנען מאַכן כאָטש איין עקסטרע פינפערל, וואָלט איך זיך אריינגעכאַפּט אויף א נאַכט אין א טערקישן באַד, כ'וואָלט מיר געקויפט א צוויי לאַנגע נאַכטהעמדער... פון די גאַטקעס שניידט מיר אין קראַק... כ'וואָלט מיר געקויפט א האַלב טוץ זאָקן און געגאַנגען אין א מואווי. כ'האָב ליב א פּיקטשע...

קורצער: און וועמען וואָלסטו אויסגענומען?

צאלעל: איך גיי תמיד אויס מיט מיין שטיפמאַמע. (כאַפּט זיך) דער געלער קאָן אָנקומען.

קורצער: און בערל וואָלט געגאַנגען מיט זיין אידענע אין א רומענישן קעלער... (וואַרפט אים א שטיקל לעדער) געטראָפן?

בערל: געטראָפן, אָבער מיט די הענט הער אויף!

קורצער: בלויז א שפּאַס.

בערל: שפּאַס, איר מעסט אלץ הפנים מיט זיך אליין און מיט אייערע אייגענע השגות. איך שטיי דאָ, ווייל איך האָב ליב צו זיין א שקלאַף. און מיט א פינפערל וואָלט איך געגאַנגען אין א רומענישן קעלער. (הויבט אויף די שטים) קינדער האָט איר שוין געהאַט? גרויסע, וואָס זוכן א תכלית, שלאָגן קאָפּ אָן וואַנט, זויגן די נעגל און שפּייען מיט גאַל? קינדער, וואָס זוכן א טיר, אויף ערגעץ־וואו אריין, און מוזן דעם טאַטן אוועקלייגן איבער אלע שוועלן און איבער אים אריבערטרעטן?! אזוינע האָט איר שוין געהאַט? ..

קורצער: מען קלאָגט ניט ווי אַ באָביצע. . .

בערל: אפשר איז מען שטארקער פאר מיר: צו האָבן אלץ אין דער ערד: קינדער, דעם ווייבס קראַם־אָדערן.

לאַנגער: געוויסן איז בילכער!

בערל: כ׳ווייס ניט. קאָן זיין. קאָן זיין, אַז איך בין צו שוואַך און מוז זיך אוועקלייגן, כדי די זין זאָלן איבער מיר אריבערטרעטן. איך מוז שטיין דאָ: פאַר א דאָלער און אפילו — אומזיסט...

אַלע: פאַר אומזיסט?

בערל: איצט פאַרשטייט איר שוין? איר פאַרשטייט ניט! (אַלע קוקן אויף אים.)

בערל: און איצט זינגט: ווער איז א סקעב? בערל! נו, זינגט! גערעכט זייט איר, סיי ווי!

צאָלעל: דער געלער!

(מען ארבעט פלינק. געלער קומט אריין.)

געלער: העי? וואָס איז דאָ פאַר א מיטינג? וואָס זיינען דאָס פאַר אַ שטיק? ווער האָט עס געדרשנט?

בערל: מ׳האָט ניט געדרשנט...

געלער: כ׳האָב געהערט בערלס קול. וואָס ווילסטו, בערל? זיך מתודה זיין? פאַרענטפערן? ס׳עט גאָרנישט העלפן. (קוקט אים אָן) איך אליין האָב אויך פיינט א סקעב, אויב דו ווילסט וויסן... איך בין טאקע אַ פאַרמאַן אָבער פאַראַטן חברים און לעקן באָסעס, האָב איך פיינט. (שפּייט אוים) כ׳האָב עס פיינט. ווען דו, בערל, גייסט ניט אַראָפּ און קומסט ניט צוריק, וואָלט איך דאָ אזוי ניט באַדאַרפט שרייען. פאַרשטייסט, דו האָסט געבראַכט דערצו, אַז איך זאָל קריגן מאַכט. פאַרשטייסט? נו, ארבעט! שפּיל זיך ניט! לעקן דעם באָס? כ׳האָב עס פיינט!...

בערל: ווילסט מיך ציען פאַר דער צונג?

געלער: ווער וויל דיך ציען?

בערל: פּראָוואָקאַטאָר!

געלער: איר? כאַ־כאַ. נו, פּאַרוואָסזשע לאַכט מען ניט?

(גוזיק קומט אריין.)

גוזיק: נו, ווען־זשע וועלן פאַרטיק ווערן די פאַרדאַמטע שיך?

געלער: (פּלייסיק) ליידיקגייערס, איך דאַרף שיך! שיך!

בערל: (וויל אריינשטעלן א שוך אין וואַלץ, דערזעט גוזיקן, ווערט צעטומלט און שטעלט אריין די הענט אין פּאַס. טוט א געשריי:) אוי, די האַנט!

געלער: וואָס איז?

(עטלעכע לויפן צו.)

געלער: שטעלט אָפּ דעם פּאַס!

(מען שלעפּט אוועק בערלען.)

בערל: אוי...

גוזיק: כליאַפּעט אויף אים אַרויף וואַסער. נו!

(מען שפּריצט אים אָפּ.)

גוזיק: גאַנץ די האַנט?...

האַנס: היבש צעפּלעטשט...

גוזיק: אַבי ניט אָפּגעדרייט. נאָך דאָס דאַרף איך. הם... אַן אַלטער פּאַכמאַן... ווערט עובר־בטל?

בערל: (קוקט זיך איין שאַרף אין גוזיקן) כ׳וועל!...

גוזיק: וואָס קוקסטו אַזוי אויף מיר?

בערל: גיט מיר אַ טרונק.

גוזיק: בלוט! פירט אים צו פאַרבאַנדאַזשירן...

צאַלעל: (נעמט אָן בערלען, פירט אים אַוועק צו די איבעריקע) און איר... לאָזט צוריק דעם פּאַס!

גוזיק: כ׳דאַרף די שיך, צו׳ן אַלדי גוטע יאָר!!!

(פאָרהאַנג)

צווייטער אַקט — דריטע סצענע

(ביי בערלען אינדערהיים. עטעל זיצט אויף דער סאָפע, רויכערט, מערי, איר פריינדין, דרייט זיך פאַר עטלען און ווייזט איר ס׳נייע קלייד.)

מערי: נו?

עטעל: קאָנסט דאָך טאַקע...

מערי: אַליין צוגעשניטן און אַליין גענייט. כ׳האָב נאָר אויסגעגעבן אויף אַ פּעטערן.

עטעל: איך וואָלט אויך באַדאַרפט אַזוינס. זעסט, איך בין דיך מקנא.

מערי: דאַרפסט מיך ניט מקנא זיין. איך וועל דיר צושניידן אַזאַ מציאה.

עטעל: איך בין דיך מקנא, וואָס דו קאָנסט האַלטן אַ נאָדל, דאָס מיין איך. מיינע הענט טויגן צו גאָרנישט. אויסגעכאַליעטע, נאַרישע פינגער, וואָס קאָנען בלויז טראַסקען אויפן טייפּרייטער נאָך נאַרישערע בריוו, וועגן סחורה און דיסקאַונטס און „פאַרבלייב אויפריכטיק אייער״. פו! (לעשט אויס דעם ציגאַרעט און באַשפּייט אים.)

מערי: אָבער, דיך בוזי האָט ליב דיינע „נאַרישע פינגער".

עטעל: אַ נאַרישער בחור...

מערי: וואו איז ער?

עטעל: אין פילאַדעלפיע. געפאָרן זוכן ארבעט. ער וויל מיך ארויסנעמען.

מערי: אפשר וועט ער טאַקע געפינען.

עטעל: געפינען? ער וועט ניט געפינען. ווער האָט אים אָנגע־גרייט? ער וועט צוריקומען מיט גאָרנישט — און איך וועל אים קויפן א מתנה א קראַוואַט...

(פויזע.)

עטעל: דערציייל עפּעס נייס. די שווארצע סוזי האָט שוין חתונה געהאט מיטן שיקאגער בוטשער?

מערי: נאָך ניט, אבער זי גייט.

עטעל: און דו וואָס?

מערי: וואָס ווילסטו זאָל איך טאָן?

עטעל: טו א קלוגע זאך. אויב דו קאָנסט אריינלייגן דיין קעפּל אין א געזונט בעט, איז גוט, אין א קראַנקן לוינט זיך ניט.

מערי: וואָס מיינסטו?

עטעל: (קוקט זי אָן) ווּעסט מיר ניט איינרעדן, מערי, אז דו ביזט גלייכגילטיק צו מיין ברודער סעמען!

מערי: עטעל!

עטעל: הער אויף טראכטן וועגן אים! דער בחור האָט א קאָפּ מיט ווינט. ער קריכט אויף די גלייכע ווענט.

מערי: עטעל! (נעמט אָן איר האנט) איך ווייס, אָבער... (שמייכלט) וואָס זאָל איך טאָן אז איך בין סענטימענטאל? אפשר א נאַרישקייט, אפשר א מיידלשע משוגעת. אבער... איך קאָן זיך ניט באפרייען. ווייסט, אמאָל דערזעסטו א מענטשן און ער באַזיגט דיך אין דער ערשטער מינוט. ניט נאָר דאָס... ער פארפאָלגט דיך. זיין שאָטן אליין. ער גיט דיר ניט קיין רו... (טוליעט זיך צו עטלען.) זיינע אויגן ברענען דיך דורך אפילו דעמאָלט, ווען דו זעסט זיי ניט.

עטעל: און דאָס אַלץ קאָן מיין ברודער סעם? אנטדעקסט פאַר מיר א נייעם מענטש.

מערי: איך ווייס: כ׳בין ניט צו שיין. כ׳בין אָרעם. מיין סענ־טימענט איז נאַריש, אָבער...

(ס'דערהערן זיך טריט. סעם קומט מיט פלאסטערס אויף דער נאָז און אן אונטערגעשלאָגן אויג.)

מערי: (שפרינגט אויף) סעם!

עטעל: (שיסט אויס) ווער האָט דיר אזוי צעכמאליעט אן אויג? ביזט אפשר געוואָרן א פייטער?...

סעם: דיין עסק?

עטעל: דיין עסק און דיין אויג...

סעם: איז האלט ס'מויל און פלאַפּל וועגן עפּעס אַנדערש.

מערי: ביזט געפאלן סעם? אן עקסידענט?

(בעסי קומט אריין פון קיך. סימור נאָך איר.)

בעסי: וואָס איז געשען? ווי דו זעסט אויס!

סעם: געפאַלן און זיך אויפגעהויבן. וואָס, מען טאָר שוין ניט פאַלן אמאָל? וואָס מאכט מען אזא טאַראַראַם? א שטוב דאָ איז! פון אַלץ מאַכט מען א גערודער. (גייט אריין אין שלאָף־צימער.)

בעסי: עפּעס איז! (גייט אים נאָך. קורצע פויזע.)

עטעל: ער איז ניט געפאַלן.

סימור: וואָס איז דער חלוק?

מערי: ער איז אויפגערעגט.

עטעל: אויפרעגונג פארשאפט אים פארגעניגן.

סימור: פארגין אים.

עטעל: מיטן גאַנצן האַרצן.

סימור: וויפיל איז דער זייגער?

עטעל: דאַרפסט שוין לויפן? ס'איז נאָך פרי. אפשר וואָלסטו אונדז אָנגעטאָן דעם כבוד און מיט אונדז אויך געזעסן א ווייל? טשעליסט מיינער, כ'האָב דיך שוין ניט געהערט שפּילן א שאָק מיט יאָרן. שפּיל עפּעס.

מערי: יאָ, יאָ. פּליז.

סימור: איר ווילט אריין אין שטימונג?

עטעל: חכמה זיך ניט...

סימור: כ'האָב פיינט געקראָגן די טשעלאָ.

עטעל: ס'איז א ליגן! מ'האָט דיר איינגערעדט.

סימור: אלצאיינס. פיינט געקראָגן די טרומבע...

עטעל: וועמענס רייד זאָגסטו נאָך?

סימור: וואָס איז דער חלוק?

עטעל: אויף אלץ „וואָס איז דער חלוק?" שפּיל!

סימור: **דאַרפסט עס נויטיק האָבן?**

מערי: **ביטע, סימור, שפּילט...**

סימור: (באַטראַכט זיי) **וואָס ווילט איר זאָל איך שפּילן?**

מערי: **וואָס איר ווילט...**

סימור: **גוט...** (נעמט די טשעלאָ פון ווינקל.)

עטעל: **נו, נעם שוין דערפון אראָפּ די שווארצע פלאַכטע...**

סימור: (זעצט זיך אוועק אין שטול, סטראָיעט די טשעלאָ, בעסי קומט אריין פון סעמס צימער.)

בעסי: **ר'איז געפאלן, שרייט ער... סימורל, גייסט שפּילן? שפּיל, שפּיל... כ'על הערן אין קיך, כ'דארף דאָרטן עפּעס טאָן.** (אָפּ.)

מערי: **איך וועל זיצן דאָ־אָ נעבן דיר, עטעל.**

עטעל: **ווילסט אים קוקן אין פּנים אריין?**

סימור: **כ'וועל שפּילן אַ ראָמאַנס...** (הויבט אָן. באַלד נאָך די ערשטע טאַקטן דערהערט זיך א קלונג.)

עטעל: **רייס ניט איבער, שפּיל. איך וועל א קוק טאָן ווער דאָרט איז.** (גייט אויף די שפּיץ־פינגער צו דער טיר, קומט צוריק מיט פינטשיקן.) *ש...ש...ש...*

פינטשיק: (גיט איר א סימן, אז ער פארשטייט) **כ'האָב טאַקע ליב צו הערן ווי דער יונגאטש שפּילט. כ'בין דאָך עפּעס אליין א מנגן.** (זעצט זיך אוועק, שפּארט אונטער די גאָמבע מיטן שטעקן. הערט זיך צו, דער שטעקן גליטשט זיך ארויס פון זיינע הענט. פאַלט מיט אַ קנאַק צו דער ערד.) **סאָררי...** (ווייזט סימור זאָל ווייטער שפּילן.) **רייב, רייב, ס'א מחיה. ס'קריכט אריין אין די ביינער.**

סימור: (שפּילט נאָך עטלעכע טאקטן. רייסט איבער) **געבוג, ס'איבלט מיך דערפון...**

פינטשיק: **וואָס איז, וואָס? ס'איז דיר שוין אָנגעקומען דער טראָנץ? האָסטו מורא צו שפּילן נאָך אביסל? ס'אַרט דיך טאָמער ווער אַ קבצן האָבן אַביסל פאַרגעניגן? קוק אים נאָר אָן, אָ! לימענע זויערע! קום אהער, שפּיל! ס'קריכט דאָך אריין אין די ביינער. ס'איז דאָך בעסער ווי ס'זאָל ארייַנקריכן רעוומאַטיזם. שפּיל עפּעס אזוי א שטיקלע טשאַיקאָווסקי. שאַ, שפּיל דאָס־אָ זאַכעלע, אזוי אין „מינאָר", ווייך... אָט אזוי־אָ...** (זינגט זיך אונטער.)

עטעל: **איר קאָנט, מיסטער פינטשיק.**

פּינטשיק: אַלץ קאָן איך. נאָר קיין לעבן קאָן איך ניט מאַכן. ס׳הייסט קאָנען, קאָן איך, נאָר מען לאָזט ניט, א כאָלעריע אויף זיי. האָבן זיך, ווי הינט, אוועקגעלייגט אויף יעדן ביין און פּרעסן און גריזשען.

עטעל: ווער איז דער „זיי״?

פּינטשיק: נעמסט מיך אויף זיכער, שעפּעלע? דו ווייסט ניט ווער? די בורזשואַזיע מיט די אונטערלעקער! נאַ, האָב הנאה! צו־געטראָפן? — (צו סימורן) נו, גרין פּנים, וואָס שטעלסטו אוועק די כלי?

סימור: ענטשולדיקט. (גייט אריין אין קיך.)

פּינטשיק: וואָס איז מיט אים? מילא, דער גרויסער קריכט און שטופּט זיך צו די הויכע פענצטער. דער קאָפּ זשומעט ביי אים. דער גרויסער קריכט אין וואָגן מיט א ליידיקן מאָגן. אָבער דער? דער וויזט דאָך אויס צו זיין א שטיל נפש. איז וואהטעהעל?

עטעל: איר זענט א פּסיכאָלאָג אויך, מיסטער פּינטשיק?

פּינטשיק: אַלץ, פייגעלע, בין איך. אַלץ. נאָר יוזן קאָן מען מיך ניט. ס׳הייסט, קאָנען קאָן מען יאָ, נאָר זיי ווילן ניט, א כאָלעריע אויף זיי. אגב — דער גרויסער העכט איז דאָ? כ׳דאַרף מיט אים אויסגלייכן א ביזנעס...

עטעל: איר ווילט ביי אים כאַפּן א פּאַרדינסט? (לאַכט) א קבצן וויל זיך זשיווען ביי אן אביון...

פּינטשיק: ביי זיי, א כאָלעריע זאָל זיי כאַפּן, קאָן מען דאָך היינטיקע צייטן שוין גאָרנישט כאַפּן. קאָנסט דען צו זיי צוקומען? זיי באַהאַלטן זיך דאָך. דערצו נאָך פּאַר אן אָרעמאַן. ז׳האָבן מורא, אַז די אָרעמע לייט טראָגן באָמבעס אונטער די צעריסענע פּאָלעס און ביקסן אין די וועסטן. ווען איך דאַרף טראָגן א באָמבע, טראָג איך זי אָפן: אין בערדל...

(סימור קומט אריין.)

פּינטשיק: נו, חברה־מאַן, וועסט טאַקע ניט שפּילן? זאָלסט מיר זיין געזונט, זאָלסט מיר נאָך אמאָל ווערן א פּאָפּער, א דאַווידאָוו, א קאָזאַלס, נעם די כלי, נעם. מיין אידענע האָט אין מיר היינט אַזויפיל אריינגעזונגען און אריינגעטרובעט, אַז איך וויל שוין הערן אביסל שפּילן. כ׳על דיך ניט אָפּלאָזן.

(סימור נעמט די טשעלאָ, זעצט זיך צו. הויבט אָן די ערשטע טאַקטן. מיטאַמאָל הערט זיך אַ קראַצן אין טיר. ס׳קומט אַריין בערל. די האַנט באַנדאַזשירט און אויפגעהאַנגען אויף אַ שלינגע.)

עטעל: (דערזעענדיק דעם פֿאָטער, שפּרינגט אויף מיט אַ פֿאַרשטיקטן געשריי)

סימור: (בלייבט מיטן בויגן צוגעקלעפּט צו די סטרונעס).

פּינטשיק: וואָס איז, וואָס?

בערל: אַ... אַ... אַ... גראַבל...

פּינטשיק: חכמעסט זיך נאָך? ווער האָט עס דיר געטאָן?

בערל: קיינער ניט... מאַכט ניט אָן קיין... (שפּאַרט זיך אָן אין וואַנט אָן אויסגעשעפּטער.)

עטעל: (לויפֿט צו אים צו) פּאַפּ!

(בעסי קומט פֿון קיך.)

בעסי: וואָס האָט פּאַסירט? (דערזעט בערלען) ווי איז מיר! אַ צעהרגעטע האַנט! וואו?... וואו?...

עטעל: שטויס זיך אָן...

בערל: כ׳האָב דאָך געבעטן, איר זאָלט ניט אָנמאַכן קיין רעש. שוין אַלע אָפּגעשריען?

(סעם קומט אַרויס פֿון זיין צימער. די נאָז פֿאַרפּלאַסטערט, דאָס אויג אונטערגעשלאָגן. גייט צו צום פֿאָטער. ביידע קוקן זיך איבער. אַ שטומע סצענע.)

בערל: און דו, וואָס זאָגסטו? וואו האָסטו געקראָגן דעם־אַ זיגל?

סעם: דאָרט, וואו דו.

בערל: ביזט געגאַנגען איינמאָנען דעם חוב פֿאַר שיקן דעם טאַטן אין פֿאַסטקע? ביזט געגאַנגען ברעכן און זשליאָקען גליק, האָט מען דיך אויסגעציכטערט און דיר געלייגט אַ חתימה.

סעם: פּאַפּאַ, איך וויל דיר זאָגן —

בערל: בעסער זאָג ניט. רייד זיינען אַרויסגעוואָרפֿן.. איצט ענדיקט זיך...

סעם: (כאַפּט אָן דעם פֿאָטערס האַנט, שרייט אויס) ניין, פּאַפּ, עס ענדיקט זיך ניט!

בערל: האָ?

סעם: איך ווייס שוין, אָט דאָס־אַ (ווייזט אויף בערלס האַנט)

איין קלאַפּ אין געהירן איז געגנוג מען זאָל זיך דערוויסן. זאָג מיר: ווי אַזוי איז עס געשען? מען האָט דיך געיאָגט? געטריבן?

בערל: (שמייכלט ביטער) און אז געיאָגט? און אז שרעק? איז וואָס? און אז מען האָט עס געטאָן מיט געזאַנג „שיך, שיך, איך דאַרף שיך!"

פינטשיק: ט'האָסט עס! מיט געזאַנג! א קאָמדיע.

בעסי: אסור צי איך פאַרשטיי. וואָס רעדט מען, וואָס? זעט איר דען ניט אז ער קאָן זיך ניט האַלטן אויף די פיס, מ'דאַרף מאַכן ס'בעט.

בערל: לייגן מיך אין קימפּעט. איך וועל שוין גאַרנישט גע־ווינען. ס'האָט זיך געענדיקט...

סעם: ניין, ס'ענדיקט זיך ניט!!! ערשט איצט הויבט זיך עס אָן. ערשט איצט איז דער אָנהויב. קאָן זיין, אז איך בין געוועזן צו פאַרטשאַדעט און ניט געקאָנט זען. קאָן זיין, אז איך האָב ניט געוואָלט זען. זיך געמאַכט ניט וויסנדיק. אָבער איצט, (ביילט א פויסט.)

בערל: קעגן וועמען ביילסטו א פויסט?

סעם: איר וועט זען! איך וועל אָפּצאָלן פאַר אַלץ: פאַר קעפּ, פאַר הענט, און פאַר א... (לאָזט זיך לויפן.)

בערל: (שרייט אויס) וואוהין? דאָ בלייבן! איך הייס שווייגן. שווייגן. פונקט ווי דו האָסט מיך געצוואונגען צו גיין צוריק און איך האָב אָנגעטאָן דעם הוט און בין געגאַנגען, אַזוי צווינג איך דיך צו בלייבן. בלייבן! (לאָזט זיך אַראָפּ אין א שטול) און... אפשר... אַז עס וועט קומען די צייט וועלן מיר אַלע אויפלעבן... דערווייל איז ענג. עט, סימור, שפּיל... אונטערהאַלט די געסט...

פינטשיק: נו, דאַכט זיך פאַר אַלץ טשאַרדזשעט מען די קבצנים: אפילו פאַר לופט. נאַר טעאַטער מיט קדחת לאָזט מען זיי האָבן אָן אייגענעם. פרי אָוו טשאַרדזש.

בערל: (שרייט) שפּיל! שפּיל, האָב איך דיר געזאָגט! שפּיל! זאָל מען ניט הערן די חרפּה, וואָס האָט געקראָגן לשון און כאָרטשעט אַרויס. זאָל מען ניט הערן דעם געשריי פון די געדערים. הם... מיר צעקאַרבן די הענט מיט אַרבעט, פאַרהאַרטעווען זיי ווי זוילן — קומען די רימענס און די וואַלצן און דרייען זיי אָפּ און פלעטשן זיי איין. מיר נייען שיך און שטעפּן — און דיזעלבע שיך טאָפּטשען

אונדז איין טיף, טיף, און טרעטן אויף אונדז צום טאקט... שפּיל, האָב איך דיר געזאָגט, שפּיל! (פאַלט אום אין אָנמאַכט.)
(פאָרהאַנג)

דריטער אַקט — ערשטע סצענע

(ביי בערלען. עטעל שטייט אויסגעדרייט מיטן פּנים צום פענצטער).

בוזי: (נאָך א קורצער פּויזע). נו, ווי לאַנג נאָך וועסטו עס אַזוי אַריינהויכן אין די שויבן? (רירט אָן איר אַקסל) און ווי לאַנג וועסטו עס האַלטן אין איין שווייגן?

עטעל: (צוקט מיט די פּלייצעס) כ'ווייס ניט...

בוזי: (דרייט זי אום צו זיך) קיינער ווייסט ניט. זייגען מיר קוויט, גלייך־אויף־גלייך...

עטעל: גלייך? דאָס באַווייזט דיין חשבון. מיינער איז אַביסל אַנדערש. אָט האָב איך דיך צוגעבונדן צו זיך. און וואָס? איך מאַטער דיך. אַז קיין פּרוי קאָן איך דיר ניט זיין.

בוזי: מחמת מורא.

עטעל: אפשר... כ'ווייס ניט.

בוזי: ווער דען ווייסט?

עטעל: דער אָרום. דער „מאָרגן". דער דרויסן...

בוזי: די שרעק פאַר דעם מאָרגן און פאַר דער געזעלשאַפט: דאָס ציטערן פאַר א ברוך אין די זיטן, און — פאַר די פאָלגן. אָבער איך ווייס מיינס: מען דאַרף מיט א געהויבענעם קאָפּ און מיט אויס־געשטרעקטע אָרעמס גיין אין קאַמף און ברעכן צאַמען. און טאָמער קומען פאָלגן, דאַרף מען זיי אויסטראָגן. ברענגען צום לעבן דאָס, וואָס קומט פון ליבע. איך ווייס, אַז מענטשן מיט פייער, מיט גלויבן און מוט —

עטעל: גלויבן, פייער, מוט — יאָ, מיר האָבן...

בוזי: וואָס איז דאָס? איראָניע?

עטעל: דערנאָך זיך לייגן אויף א טאָג אין בעט, דער מאַמען זאָגן, אַז איך האָב קאָפּ־ווייטאָק און אין אָפּיס אַריין באַפעלן, אַז איך האָב בויך־ווייטאָק...

בוזי: און זיך וויקלען אין א געץ פון ליגנס. איאָ, עס עקלט דיך? טאָ, וואָס־זשע קנייטשסטו זיך, ווי דו וואָלסט געוועזן אַן איידל־געבאָוועטע מאַדמאַזעל, וואָס האָט מורא אַראָפּצושטעלן א ווייך, וואָרעם

פיסל אויף א נאקעטן דיל אָן א טיגער־פעל מיט לאנגע האָר.

עטעל: מיינסטו ניט אז סוף־כל־סוף איז פרוי — פרוי, און א שרעק נעמט ארום...

בוזי: (נעמט אָן איר האנט) אָבער דו, עטעל, האָסט דאָך שוין איבערגעקאָכט אלץ. שוין ניט איינמאָל אריינגעקוקט דער האַרטער וואָר אין פּנים אריין; זיך געהארטעוועט; אין מארשן, אויף דער פיקעט־ליין; אויף רעגנס, אויף קעלטן, און אונטער ברענענדיקער זון.

עטעל: גלעט אים) יאָ. אמת. איך האָב. אָבער... זיי מיר מוחל. טיילמאָל קריכט די אמאָליקע עטעל ארויס. און עס... (שמייכלט.)

בוזי: טאָ נעם זיך צוזאמען. איצט איז דער סוף! און דער נייער אָנהויב. מאָרגן וועלן מיר זיין מאן און פרוי.

עטעל: און איבעראשן דעם טאַטן און די מאַמען.

בוזי: איבעראשן. צו וואָס דארפסטו איבעריקע גערעדערייען? מיר וועלן אָפּטאָן און פאַרטיק!

עטעל: גוט! אז איך בין אין דיינע הענט!

בוזי: (ציט זי צו זיך) ווייסט, איך וואָלט דיר וועלן זאָגן צאַרטע ווערטער. מיר מעגן אויך זאָגן צו אונדזערע געליבטע צאַרטע רייד. אָבער... איך קען ניט געפינען. אז אין מויל קאטשען זיך בלויז לאָזונגען... און...

עטעל: דיין באַריר איז צאַרט... און דער גלי פון דיין אויג...

(בלייבן א ווייל האנט אין האנט.)

עטעל: (מיטאמאָל) עס גייט שוין א פרישער שניי.

בוזי: ניו־יאָרקס מאסע, די אין ווייסע קאָלנערס וועט זיך ארויס־לאָזן מיט לאָפּעטעס...

עטעל: זייער גליק...

(ווערן ווידער אנטשוויגן.)

(בעסי)

בעסי: וואָס איז אזוי שטיל געוואָרן?

עטעל: ווי לאַנג איז עס, אז מיר האָבן געשריגן?

בעסי: וועגן וואָס?

בוזי: וועגן גאָט און משיחן...

בעסי: ט'האָסטו קלאָץ מיט בוידעם. נאָר מען רעדט פאַר־שטעלטע רייד. נאָר מען זאָגט גאָרנישט. מען האָט פולע הערצער מיט סודות און... אַז אַלע זיינען אזוי! אזוי דו, אזוי עטעל, אזוי סימור, אזוי סעם און אזוי דער טאַטע. אלע! נאָר מען פלאָנעוועט

אין דער שטיל און מען רעדט ניט. און וואָס, משטיינס געזאָגט, האָט מען אויסגעפּלאַנעוועט! דער טאַטע און סעם? וואָס האָבן זיי געפּועלט?

(בערל קומט פון דרויסן. בלייבט שטיין אויף דער שוועל. ער טראָגט א גראָבע הענטשקע אויף דער האַנט.)

בעסי: און וואָס פירן זיי אויס?

בערל: גאָרנישט!

עטעל: פּאַפּאַ!

בעסי: נו?

בערל: האָסט דאָך געהערט: גאָרנישט!

בעסי: וואָס מיינסטו?

בערל: כ'מיין צו זאָגן, אז עס איז פאַרפאַלן! אז מען האָט אָפּגע־פּסקנט אַז דאָס איז נאָר אַ האַנט, און אַז ס'איז גענוג פאַר איר פופציק דאָלער קאָמפּענסיישאָן, איז...

בעסי: קאָן מען טאָקע גאָרנישט טאָן?

בערל: פאַרוואָס קאָן מען ניט? זיי זאָגן, אז מען קאָן נאָך ארבעטן.

בעסי: ווער, דו?

בערל: איך!

בעסי: ווער וועט דיך דען האַלטן אויף א דזשאָב? אז גוזיק וויל ניט...

בערל: פאַרוואָס זאָל ער וועלן? וויפיל שיך וועל איך עס פאַר אים קענען מאַכן א טאָג? ער האָט א רעכט ניט צו וועלן...

עטעל: (גייט צו צום פאָטער) פּאַפּאַ... דו וועסט נאָך קענען —

בערל: קאָנען... געוויס. דער מלאך המות שטייט מיר נאָך ניט צוקאָפּנס. איך וועל נאָך... (ביטער) אַי, וועל איך נאָך...

בעסי: סעם האָט אָבער באַלד געזאָגט, אז מ'האָט איינמאָל אָפּגעפּסקנט אז דיר קומט נאָר עטלעכע סענט, וועט עס שוין אזוי זיין. סעם האָט נעבעך געפּרואווט, זיך אָנגעלאָפן, געפּרואווט שרייבן פּראָ־טעסטן, ביז ער האָט אויפגעהערט צו גלויבן. „ניטאָ קיין גערעכ־טיקייט", האָט ער געזאָגט...

בערל: אזוי? ניטאָ? פון ווען אָן איז ער אנטוישט געוואָרן? ערשט, דוכט זיך, מיט עטלעכע חדשים צוריק, ווען ער האָט מיך צוריקגעשיקט צו גוזיקן, איז ער געווען אַזאַ פאַרברענטער חסיד פון אונדזער גערעכטיקייט, געגלויבט אין יעדנס טשענס, אז סכנות...

(פארקייכט זיך) סעם, נו, וועט ער מיך איצט אויך צוריקטרייבן? טרייבן צו גוזיקן מאכן שיך? שיך!

(סימור קומט ארויס פון קיך.)

בערל: און דו, סימור, וואָס זאָגסטו? וואָס קוקסטו מיט אזוינע גרויסע, פארלאָפענע אויגן?

בעסי: וואָס זאָל ער דיר זאָגן? ער האָט דאָך אייער טבע. — ער שווייגט...

סימור: דהעטס רייט... (אָפּ.)

בערל: דהעטס רייט... געוויס, און ער איז אוועק... און יענער וועט מסתמא באלד קומען. דער, דער מוזיקאנט, קוקט און קוקט, און יענער, וואָס טוט יענער?

(סעם קומט אריין מיט א לאָפּעטע.)

(אלע קוקן זיך אין אים איין.)

בעסי: סעם!

בערל: האָ?

סעם: (שטעלט אוועק די לאָפּעטע. גייט צו צו דער מוטער) דאָ, פאר צוויי טעג...

בעסי: (האָט מורא צו נעמען ס׳געלט, כמעט ווילד) דו? געשאָרט שניי? ווייל איז מיר! אוי, איך חלש, שיין זיך דערלעבט! זע נאָר אַ וועלט!

סעם! מאַ — די וועלט גייט נאָך ניט אונטער. — נאַ, נעם.

בעסי: ווייל איז מיר. דו האָסט —

סעם: נו, וואָס איז? געשאָרט שניי. ער צעגייט סיי ווי סיי.

בערל: ער צעגייט סיי ווי סיי. (צעלאכט זיך) דו, דער קאָנגרעסמאַן, ריכטער, דער דיסטריקט אטוירני, אבער פארוואָס נאָר דעם שניי? פאראן בלאָטע אויך. גאנצע בערג, בערג, וואָס פארעיפּושן די לופט און פארשטעלן די זון. ווען וועסטו זיך נעמען צו דידאָזיקע בערג? (צעלאכט זיך.)

סעם: לאכסט, האָ?

בערל: און על פּי יושר וואָלט איך איצט געדאַרפט...

עטעל: (גייט צו צו אים) — פאָטער...

בערל: איצט, אז ער האָט שוין די לאָפּעטע אין די הענט, דאַרף ער נאָך גיין צו דעמאָנסטראַציעס!

סעם: איך וועל גיין!

בערל: טאָקע? אפשר אויף באַריקאַדן אויך?

סעם: לאַכסט?

בערל: כ׳לאַך, כאַ־כאַ... (בלייבט מיט אמאָל פאַרגליווערט און גייט באַלד איבער אין א געשריי) **— און אז איך האָב געוואָלט זיין א מענטש, אז איך האָב געוואָלט טראָגן אביסל שטאָלץ, האָסטו מיך באַגראָבן, געבויגן ביז אַראָפּ, מיך געצוואונגען צו שפּייען זיך אַליין אין פּנים; האָסטו מיך געצוואונגען פון זיך אַליין אַראָפּצוציען די פעל און זי איבערקערן. פאַרוואָס? דו!**

סעם: ווייל... האָסטו דען אַליין, אין האַרצן, זיך ניט געוואָלט שפּיגלען אין מיר? — א ריכטער! האָסטו דען אַזויפיל יאָרן אַליין זיך ניט פאַראַטן? פאַראַטן דיין אַרבעט און האַנט? איך האָב נאָכגעפאָלגט. געגאַנגען ווייטער, ווייטער צו דער מאַניענדיקער שיין... האָסטו דען אַליין ניט פאַרשפּילט דיין פאַרגאַנגענהייט, דרימלענדיק ביים פענצטער אין א שטול? האָסט זיך געקוויקט מיט א נעכטיקן טאָג און געשמייכעלט...

בערל: און איך וועל נאָך ווייטער שמייכלען... ווייטער. ער **האָט זיך אַנטוישט, גענומען די לאָפּעטע און רעבעלירט! ס׳געפעלט מיר...** (צעקייכט זיך, גייט אָפּ אין שלאָף־צימער.)

בעסי: נו, וואָס זאָגט מען ניט צו אים? (גייט אים נאָך) **— בערל, בערל!** (אָפּ.)

סעם: (גייט צו צו עטלען) (פּויזע) **דו לאַכסט אויך?**

עטעל: איצט ניט מער...

סעם: (צו בוזין) **און דו?**

בוזי: ניין.

סעם: עס זיינען מיר אַראָפּ די בילמעס פון די אויגן.

בוזי: כ׳זע.

סעם: די לאָפּעטע איז ניט קיין אַנשטעל. חדשים אז איך קלאַפּ אין טירן — און מער ווי א לאַקריץ־וואָרט הערסטו ניט. אָדער מען זאָגט דיר צו מיט א שמייכעלע, אָדער מען שטויסט דיך אין די זייטן און מען טרייבט דיך ווי א קרעציקן. איך גיי אַרום און קוק און נישטער און עס שווינדלט דיר די בויט אין די אויגן. און ס׳האַרץ ווערט צעריסן. (מאַכט אַ טראַט) **און אויף די וו. פּ. א. פּראָיעקטן? דאָרטן הייסט מען זיך אויפשפּילען ביז צום נאַקעטן לייב. גיב זיי דיין גאַנצן יחוס. דיין גאַנצע פאַרגאַנגענהייט, כאָטש ביז צום טאָג, ווען מ׳האָט דיך אָפּגעשניטן פון דער נאָפּל־שנור. אויב דו שטעלסט נאָך**

ניט אויף די האַנט, און דו גייסט נאָך ניט בעטלען, ביזטו פאַר זיי אַ מאגנאַט...

בוזי: און אויב דו האָסט רויטע באַקן, הייסט מען דיר פאַרצאַפּן בלוט און פאַרקויפן אין די שפּיטאָלן אַריין.

עטעל: אָדער אויסנוצן דיינע גרויסע אינשורענס.

סעם: אינשורענס... פאַרזיכערן דעם אַלטן דלות קעגן אַ יונגן טויט. (מיטאַמאָל) ניין, די לאָפּעטע איז ניט קיין אָנשטעל. זי קומט ניט פּלוצלונג: מיט געוואַלד האָט מען זי מיר אַריינגעשטופּט.

בוזי: כ׳פאַרשטיי.

סעם: נאָר אַז איך האָב זי שוין אין דער האַנט, הויב איך אָן זען אַ שיין. שוין חדשים אַז איך טראַכט. איך האָב אויפגעמישט אַ פּשוט בלעטל און אַ לייען געטאָן. און ס׳ווערט קלערער אין געדאַנק.

עטעל: ס׳הויבט אָן...

סעם: איך פיל וואוהין איך געהער. איך זעה אַ וועג.

עטעל: גיי אויף אים!

סעם: העלף מיר...

עטעל: (שטרעקט צו אים אויס אַ האַנט.)

סעם: און דו פיר מיך...

בוזי: (נעמט אָן זיין צווייטע האַנט.)

(סעם בלייבט שטיין צווישן ביידן. זיי האַלטן אים ביי די הענט. בערל וואַקלט זיך אַריין, קוקט זיי אָן און צעלאַכט זיך.)

בערל: מען קלייבט זיך אין וועג? נאַראָנים? כע־כע! איר וועט צערייסן אומזיסט די שיך!

(אַלע דריי שטייען געשלאָסן די הענט.)

(פאָרהאַנג)

דריטער אַקט — צווייטע סצענע

(ביי גוזיקן אין סאַלאָן. אַזוי ווי אין ערשטער סצענע פון צווייטן אַקט. שאַרלאָט רויכערט איין סיגאַרעט נאָכן צווייטן.)

מאַדאַם גוזיק: (אויפגערעגט) כ׳האָב געוואוסט... כ׳האָב געוואוסט, אַז אַזוי וועט זיין, און כ׳האָב דיר געזאָגט! ווי קומט צו׳ן אַ מיידל ווי דו, אַ העלד פון „רינג״, אַ פייטער... וואָלסטו זיך כאָטש געוועזן אויסגעקליבן אַ —

שאַרלאָט: אַן עקטער...

מאד׳ גוזיק: בעסער, בעסער! ווארום וואָס האָסטו געטראַכט? דער פּיטער וועט זיך אָנזעטיקן און זיך נאָך האלטן מיט דיר? וואָלט ער כאָטש געווען א גאַנצער ייד, איז ער אָבער א ייד נאָר פון איין זייט. דער טאַטע א יידישער דזשאָנק־דילער, און די מאַמע א דאָר־פישע חזיר־שלעגערין. זאָג־זשע אליין, ווי אזוי וואָלטן מיר, די גוזיקס, זיך געווען משדך זיין מיט א חזיר־שלעגערין? נאָר וואָס האָב איך צו רעדן? אז ר׳איז גאָר אינגאנצן נישטאָ! ר׳איז דען דאָ? ר׳האָט דיך אויסגענוצט און איבערגעלאָזן און אוועק פּייטן אנדערע... איך האָב געוואוסט, אז דער פּיטער וועט דיך אומגליקלעך מאַכן. וואָלסטו ווינציקסטנס געווען אָפּגעזוכט...

שאַרלאָט: אָ טענצער...

מאַד. גוזיק: חוזקסט? דיר קומט נאָך ארויס?

שאַרלאָט: (העכערט דעם טאָן) וואָס ווילסטו זאָל איך טאָן?

מאַד. גוזיק: רעד שטילער. וועגט האָבן אויערן. ווילסט דער באָטלער זאָל ארויסטראָגן די שיינע נייס? מער דאַרף איך ניט, נאָר אז די שכנים זאָלן זיך דערוויסן, אז מיס שאַרלאָט...

שאַרלאָט: אז מיס שאַרלאָט גוזיק האָט זיך ארומגעפּירט מיט א פּרייז־פייטער, ביז ער האָט זי פאַרלאָזן... און דערצו האָט ער נאָך מיטגענומען א סואווענירער — אין „נאַטור"...

מאַד. גוזיק: ווי דו רעדסט! אזוי וואולגאַר! וואו איז דיין דערציאונג? רעד איך, דיין מוטער, אזוי?

שאַרלאָט: דו ביזט א „פּוריטאַנערין" פון באָסטאָן; איך געהער קיין ניו־יאָרק. דו ביזט אן אריסטאָקראַטקע.

מאַד. גוזיק: יאָ, איך בין! און עס איז מיר א בושה.

שאַרלאָט: און ווי וואָלט געווען, א שטייגער, ווען איך זאָג אייך, אז איך האָב אים נאָך צוגעצאָלט מיט א רינג? אליין צוגעצאָלט...

מאַד. גוזיק: אליין? פאַרוואָס?

שאַרלאָט: ער זאָל מיר זאָגן „גוד־ביי" אויף תמיד; ער זאָל אָפּ־טרעטן פון מיר און פאַרשווינדן...

מאַד. גוזיק: (צעטומלט) איך פאַרשטיי דיך ניט: דו האָסט אים פאַרטריבן, נאָכדעם ווי דו האָסט מיט אים... איך פאַרשטיי ניט.

שאַרלאָט: (זעצט זיך) ווען דאָ אין הויז וואָלט מען עפּעס פאַר־שטאַנען, וואָלט איך זיך דאָך ניט געווען באַדאַרפט צו דראַפּען אויף די גלייכע ווענט; ניט געווען באַדאַרפט אנטלויפן פון דאַנען, פון

דידאַזיקע ווענט, כאַטש אין חלום: צו זוכן כח, פּראַסטקייט, גראָב־קייט... א מיטל קעגן דעם זיסן סם, מיט וועלכן מ׳האָט מיך דאָ געהאָדעוועט. כ׳האָב געזוכט אייזערנע אָרעמס, מ׳זאָל מיך אוועק־טראָגן, אָבער ווייזט אויס, אַז אַוועקגעטראָגן האָט מען מיך ניט זייער ווייט — בלויז ביז צו יענער זייט שוועל — אין א גרינעם זומפּ אריין... (שרייט) בלויז ביז צו יענער זייט שוועל. (נאָך העכער) איך האָב אליין געמוזט זוכן אן אנטרינונג... פארשטייסט? פארשטייסט כאָטש?!

מאַד. גוזיק: גאָט אין הימל! (פאַרשטאָפּט זיך די אויערן) וואָס איז מיט דיר, און וואָס שרייסטו? ווילסט אויפוועקן דעם פּאָפּאָ? ווילסט אז ער זאָל נאָך געוואויר ווערן?

שאַרלאָט: וואָס איז פאַראַן געוואויר צו ווערן (היסטעריש) וואָס?!

מאַד. גוזיק: שאַרלאָט!

שאַרלאָט: (פלוצלינג שטיל און הייזעריקלעך) כ׳הייס אזוי...

מאַד. גוזיק: (קוקט אויף איר, דורך איר לאַרניעט) אויב אזוי פּאַרדעכטיק איך עפּעס... מען האָט מיר צוגעטראָגן, אז אין די לעצטע צוויי וואָכן, האָט מען דיך עטלעכע מאָל געזען זיך אריינ־גנבענען אין פארדעכטיקע פּלעצער: ערגעץ אין שניידערישע קלובן אין בראַנזוויל און אויף דער איסט סייד; צווישן רוסישע יידן...

שאַרלאָט: כ׳האָב זיך ניט אריינגעגנבעט.

מאַד. גוזיק: וואָס זוכסטו דאָרטן?

שאַרלאָט: זיך אליין.

מאַד. גוזיק: כ׳וויס נאָך עפּעס: אין די לעצטע טעג, ווען פּאָפּא איז ניט געווען אין דער היים, האָסטו זיך אָנגעהויבן באַווייזן אין פאבריק. רעדסט מיט די ארבעטער.

שאַרלאָט: איך רעד... וואָס קומט ארויס דערפון? אז איך בין ניט אהער און ניט אהין. מיין צעפּאַטערט לעבן קאָנען זיי שוין ניט פאַרלאָטען. (צעשרייט זיך) שפּיאָנירט מיר ניט נאָך! היט ניט מיינע טריט! דערשטיקט מיך ניט!

(גוזיק קומט אריין אין די זאָקן.)

גוזיק: מען קריגט זיך, הא? א שיין פּנים. מען שטיקט זיך מיט דער מיאוסער מעשה און מען גיט זיך נאָך א קניפּ אין בעקל. ריסטאָקראַטן מיינע! סאָסייעטי לעידיס! שיין, שיין! (שיסט אויס) אז גיין זאָלט איר אין דר׳ערד אריין! איר האָט מיר פארשמירט די פירמע! איך בין אן אָרנטלעכער מאנופעקטשורער; איך האָב גע־

ארבעט פון קליינערהייט אַן. איך האָב געמאַכט געלט; פּלענטי געלט; איך האָב אייך געשטעלט אויף די פיס און איר, וואָס? מען לאַכט דאָך הינטער מיינע פּלייצעס. אַפילו דער שוואַרצער שאָפער לאַכט דאָך אויך. זיי ווייסן אַלע, אַז דאָס טעכטערל האָט געכאַפּט די לאָקשן פאַר די פיש. ריסטאָקראַטן, אין דר׳ערד אריין! — אָדער מען גט זיך, אָדער מען וואַלגערט זיך און...

מאַד. גוזיק: מישעל!

גוזיק: רוף מיך ניט מישעל. גענוג מיט מישעל. מעכל הייס איך, דעממיט! (לויפט אַרום) אָבער איצט וועט זיין דער סוף. איך האָב אייך געגעבן פרייהייט, איך האָב אייך געגעבן גאָלד. אָבער אויס! ניט מער! איצט וועט מען טאָן וואָס איך וועל הייסן.

שאַרלאָט: יע? (הויבט זיך אויף. וויל אַוועקגיין.)

גוזיק: וואוהין לויפסטו? ליג! וואַרט! איצט האָסטו זיך שוין ניט וואָס צו אײַלן. האָסט זיך שוין צוגעאײַלט... געליובקעט זיך, אוועקגעגעבן דעם חברה־מאַן מיינע טשעקס —

שאַרלאָט: זוכסט זינד? און ווילסט מיך היילן מיט מאָראַל?

גוזיק: רעד מיר ניט אין דער גאַל אַריין. האָסט פאַרפּאַטשקעט מיין פירמע. האָסט געבראַכט אַ פלעק אויף מיין פאַבריק און אויף מיין נאָמען. אויף מיין געוויסן.

שאַרלאָט: (שפרינגט אויף) געוויסן! ווי פאַרט זיך געוויסן מיט שיך? האָסטו דען פאַר מיינע אויגן ניט אונטערהאַנדלט מיט געגנס־טערס צוליב שיך?

גוזיק: איך... איך... ניט איך! ס׳איז דאָס משוגענע ראָד! דאָס גרויסע ראָד! אָבער דו... דו שוויג!

שאַרלאָט: שוויגן? שרייען דאַרף איך: אונדזער וויסט לעבן איז צעפרעסן פון מאָל... ס׳איז מוליק...

גוזיק: וואָס? דו רעדסט דאָך טאַקע ווי אַן אמתע, דאָס... אַ... אַ... אוי געוואַלט! אַן אמתע רעדיקאַל, און אַ צעלאָזענע דער־צו. דאַבל, דאַבל צעלאָזן!

שאַרלאָט: הלואי וואָלט איך דאָס געווען! איר האָט אָבער מיר אַפילו קיין שיינעם חלום ניט געגעבן. און קיין שיינעם ליגן אויך ניט. ניט קיין מורא און ניט קיין גאָט. ווער בין איך? שיך! שיך! (לויפט אַרוים.)

גוזיק: (געפּלעפּט) זי איז משוגע געוואָרן.

מאַד. גוזיק: עפּעס פּלאָנטערט זי זיך.

גוזיק: הא? א... א... צעלאָזענע. א דולע רעדיקאַל. (גע־בראָכן) אפשר איז דאָס מיין שטראָף? ביי מיר, מיין קינד א... (מיטאמאָל) זי וועט זיך ביי מיר אויספּלאָנטערן! הער אויס! איך בין א ביזנעסמאַן, איך וועל דאָס מיאוסע עסק פאַרייבן אויף א ביזנעס־שטייגער. זי וועט נאָך די וואָך א כלה ווערן און טאַקע באַלד גיין צו דער חופּה!

מאַד. גוזיק: מיט וועמען?

גוזיק: יעדער איינער איז איצט צו גוט פאַר איר. אפילו דער שאָופער!

מאַד. גוזיק: מישעל.

גוזיק: רוף מיך ניט מישעל. מעכל, מעכל הייס איך דעממיט!

באָטלער: די מאַניקוריסטקע, מאַדאַם...

גוזיק: שיק זי צו'ן אַל־די שוואַרצע יאָר!

באָטלער: יעס, סיר. (אָפּ.)

גוזיק: אזוי צו פאַרפּאַטשקענען מיין רעפּיוטיישאַן! (שרייט אויס) אבער די וואָך ווערט זי ביי מיר א כלה. איך האָב שוין דעם בחור. כ'וועל אים קאָנען נוצן צו די ביזנעס און...

מאַד. גוזיק: ווער איז ער?

גוזיק: שלאָג מיר ניט איבער די רייד! איך וועל אים אריינע־מען, כ'וועל אים געבן א „פּוש" —

מאַד. גוזיק: וועסט אים פריער צוגרייטן און דערציילן.

גוזיק: דו, באָסטאָנער בהמה! דעם אמת זאָל איך דערציילן! גיב איר דעם אמת! (שרייט) איר האָט פאַרשמירט מיין פירמע. איך האָב זיך געמאַכט א נאָמען. אלע טראָגן מיינע שיך. אפילו שלע־פּערס. איר... (געבראָכן, כמעט קרעכצענדיק) און אפשר בין איך אליין שולדיק. ניט גוט אכטונג געגעבן. און אויף זיך אליין אויך ניט. כ'גיי ניט אין שול. דאַוון ניט. האָב פאַרגעסן אָן גאָט, און... (ציט זיך אויס) כ'האָב דאָך אבער ניט פאַרגעסן! געגאַנגען פּראָ־טעסטירן קעגן נאַציס, געגעבן דעם רב אויף דער ישיבה. וואָס נאָך קאָן איך טאָן? (בייז) איר האָט דאָך אבער גאָרנישט געטאָן! (הויבט זיך אויף) אָבער נאָך די וואָך וועט ווערן א שדוך!

מאַד. גוזיק: ביזטו זיכער, אז דער יונגערמאַן איז וויליק?

גוזיק: ער וועט ניט וועלן? דער בחור איז א קבצן. ער מעג אַראָפּשלינגען אָן אָפּגעביסן שטיק.

(שאַרלאָט קומט אַריין. בלייבט שטיין אויף דער שוועל. ס'ווערט שטיל.)

שאַרלאָט: נו, וואָס זייט איר שטיל געבליבן? איר האָט שוין פאַרזיגלט מיין שיקזאַל? געפונען פאַר מיר אַ רפואה?

גוזיק: האָ? רפואה? קאָן מען דען לייגן אַ פלאַסטער אויף אַ צעבויגענעם טאָפּ? (גייט נעענטער צו איר. קוקט אַריין אין איר פּנים, דראָעט מיט אַ האַנט) מ'וועט מוזן, מ'וועט מוזן, איך בין גוזיק! (דרייט זיך אַוועק, לאָזט זיך אַראָפּ אין אַ שטול) אָבער ווי אַזוי זאָל גאָט מיר איצט העלפן, אַז איך האָב אים ניט אין זינען... כ'דאַוון ניט, כ'גיי ניט אין שול. (מיטאַמאָל) מען דאַרף זיך איבערבעטן מיט יידישקייט... און מיט יידן אויך. כ'בין אַ ייד! מע דאַרף אפשר געבן אויף פּאַלעסטיין... אַ סך מאַנופעקטשורערס גיבן. און פאָרן אַהין... זיי מאַכן אַלרייט... (כאַפּט זיך אויף) איר! איר! איר זעט, וואָס איר האָט מיר אָפּגעטאָן?

שאַרלאָט: מיר האָבן נאָר געצופּט די פרוכט פון דער צווייג...

גוזיק: ס'אַלרייט, מ'וועט שוין אויפהערן צו צופּן! נאָ מאָר! ניט ביי מיר! איך וועל פייטן און אויספירן מיינס. איך וועל לאָזן רופן פינטשיקן דעם לאַנדסמאַן און ער וועט מיר צושטעלן דעם יונג. מיין נאָמען מוז שיינען. איך מוז האָבן סוקסעס, איך גיי איצט מאַנו־פעקטשורן אַ מיליאָן פאַר שיך! איר הערט? איך מוז האָבן סוקסעס. איך בין גוזיק... אַ גאַנצער מיליאָן שיך!

(פאָרהאַנג)

דריטער אַקט — דריטע סצענע

(ביי בערלען אין בראַנזוויל.)

פינטשיק: (רעדט אַריין אין בערלען) כע־כע! דו האָסט דאָך אַ טבע אַז דו שמייכלסט און גלויבסט ניט, זאָג איך דיר אַז ס'איז אַזוי... אַז... אַז... אַז... ס'איז גאָרנישט דערזעלבער!

בערל: וואָס איז מיט אים? אָפּגעפאַלן, צי פעטער געוואָרן?

פינטשיק: קלוגל זיך ניט... חכמות לאָז איבער צו מיר. דאָס איז מיין לאַין.

בערל: סאַיד־לאַין?

פינטשיק: איך רעד צו דיר ערנסט און דו...

בערל: רעד, נו, וואָס וויל ער, מעכל גוזיק?

פינטשיק: וועלן וויל ער, אייגנטלעך, גאָרנישט. וואָס קאָן ער און וואָס דאַרף ער וועלן? אבער... וועלל... מען קאָן קיין יידישע קישקע ניט שאַצן... און ווי זאָגט מען עס אין קאָזליוו, קרעוו ניע וואָדאַ... בלוט איז ניט קיין וואַסער —

בערל: ס'בלוט האָט זיך אין אים צעשפּילט?

פינטשיק: הער אויס... א מענטש קאָן אמאָל... ווייסט דאָך... א מענטש איז ניט מער ווי א מענטש. איז די מעשה אזוי: גוזיק האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט דיר, זייער שטאַרק פאַראינטערעסירט. אי ווּעסטו פרעגן, וואָס גאָר פלוצלונג? איז דאָס דאָך דער ענטפער: א מענטש איז טאַקע א מענטש. ער, גוזיק, ווייסט, אז דו ביזט א געקריוודעטער.

בערל: (שפּרינגט אויף) איך בין ניט קיין געקריוודעטער. קינ־דער ביי דער ברוסט קריוודעט מען. איך קען שוין גיין אליין.

פינטשיק: ס'רעדט זיך אזוי... אבער ער, גוזיק, וואָלט וועלן דיר אנטקעגנקומען...

בערל: מוחל! מוחל! זאָלן שוין בעסערע מלאכים אים אנטקעגן קומען.

פינטשיק: ס'רעדט זיך אזוי. ניט נאָר דיר — אלעמען. דיינע קינדער אויך. דייך יידענע אויך. אָט איז בעסי —

(בעסי קומט.)

פינטשיק: אָט, זאָל זי אויך הערן... א יידענע זאָגט אמאָל אומגעריכטערהייט אויך א קלוג וואָרט.

בעסי: וואָס זאָל איך זאָגן?

פינטשיק: ס'רעדט זיך אזוי. איר מוזט ניט תיכף אויפן אָרט טאַקע זאָגן דאָס דאָזיגע קלוגע וואָרט. דער עיקר וויל איך, אז איר זאָלט מיך אויסהערן און זאָגן אייער בערלען, אז ער זאָל האָבן שכל. גוזיק וויל זיך דערנענטערן... ער, נו, ס'איז דאָך פאַרט עפּעס אמאָליקע שוואָגערס. דער עיקר: כ'האָב אַן אויג, אז גוזיק האָט עפּעס גוטס אין זינען. איך פאַרגין אייך. דעריבער וויל איך, אז בערל זאָל ניט שפּילן קיין ברוגזן, און אז דער בחור אייערער סעם — וואו איז ער? זאָל ער אויפהערן גיסן מיט דער „רויטער יויך" אויף דער ביטערער וועלט, און זאָל ער זיך האַלטן אין דער מעלה.

בעסי: אסור אויב איך פאַרשטיי.

פינטשיק: פון וואנען זאָלט איר? איר זייט געזעסן אין א קראָם? איך רעד און רעד... (שרייט אויס) און אז איך וועל זאָגן, אז מיסטער גוזיק איז דאָ אין שכנות, אז ער וויל ארויפקומען אייך זען, אז ער איז וויך, ווי א פוטער, אז ס׳האָט ביי אים א צופ געטאָן א סטרונע, וועט איר מיר גלויבן?

בערל: (הויבט זיך אויף) אז גוזיק איז דאָ אין שכנות, דארף איך אָפּטרעטן אין אנדערן עק שטאָט. מעכל גוזיק און איך זיינען שלעכטע שכנים...

פינטשיק: (שטופט אים צוריק אין שטול) מאך זיך ניט פאר קיין וואוילן יונג. זיץ און ריפּע זיך ניט. איך גיי אים ארויפברענגען...

בערל: כ׳הייס ניט! ניין! זיי ניט קיין שאלאטן־שמש פאר א וואָלפישן צד. מוחל!

פינטשיק: מוחל, שמויכל, אזוי פירט זיך די וועלט. ז׳איז טאקע אביסל דאָסיק, די וועלט, אָבער נעוועער מאַינד. אזוי פירט זי זיך און...

בערל: און דו פירסט זי אונטער...

פינטשיק: וואָס אונטערפירן? איך וויל אים נאָר ארויפברענגען, דעם פויגל...

בעסי: איך וועל כאָטש אויף זיך ארויפכאַפּן א קליידל...

פינטשיק: מען דארף ניט! אזוי וועט זיין א בעסערע קאָר־טינקע... צ׳אָלרייט. (לויפט) כ׳ברענג אים שוין...

(עטעל און בוזי פון קיך.)

עטעל: וואָס איז דער רעש אזוי גרויס? עפּעס נייס?

פינטשיק: (ביי דער טיר) נייס? א חתונה. דו האָסט געמעגט כאַפּן דעם־אָ יאָט, אָפּטאָן א קונץ און דערנאָך קומען קאָלעקטן א מזל־טוב ביי טאָטע־מאַמע? איז, מעג עס נאָך עמיצער טאָן! וואַרט, וועסט זען. א מינוט. (אָפּ.)

עטעל: וואָס איז דאָ?

בערל: (ציט מיט די אקסלען) איך בין דאָ ניטאָ. איך זאָג ניט. זאָל די מאמע זאָגן...

בעסי: פינטשיק! א פינטשיק דאָס איז...

בוזי: וואָס פלאָנטערט ער אָן, דאָס נשמה־מעקלערל, דער ציי־ניקער?...

עטעל: מעקלערל און ציניקער... עפּעס האָט מען אויפגעכאַפּט א וואָרט און מען וואַרפט זיך דערמיט ארום... א מענטש ראנגלט זיך

מיטן שאָטן, קייט די ערד, לעבט פון קדחת — איז ער גאָר א ציניקער!

בוזי: און דווקא אזא מענטשל ריעט זיך אין פרעמדע לעבנס!

בערל: זאָל ער!

(ס׳הערט זיך פינטשיקס קול: „קומט, קומט, מיסטער גוזיק. אָט דאָס איז די טיר. מען וואַרט אויף אייך״.)

בערל: האָ?

(גוזיק, פינטשיק.)

(בערל טוט זיך א וואָרף, ווי ער וואָלט וועלן אנטלויפן. בעסי שאַרט זיך צו׳ן אים צו. עטעל און בוזי רוקן זיך צענויף, ווי זיי וואָלטן געבילדעט א שוץ־פלאנק.. קורצע פויזע.)

גוזיק: העלאָ, עווריבאדי... (אלע באַוועגן בלויז מיט די מיילער.)

פינטשיק: (שרייט) העלאָ, העלאָ, העלאָ, וועלקאָם!

(פויזע.)

גוזיק: (קוקט זיך ארום) ע... איז דאָס דער גאנצער אַפּאַרט־מענט? א פּאסקודנע סטעליע... דאַכט זיך ס׳איז נאסלעך...

בעסי: ע... זיצט, זיצט, זיץ...

פינטשיק: זיצט ביי אונדז, זיצט, מיסטער גוזיק.

גוזיק: א דאַנק (נעמט ארויס ציגארן, דערלאנגט.)

בערל: צו א פיינער ציגאר פאר א שוסטערישן גומען.

פינטשיק: (ווייזט אויף בוזין) און דאָס איז בערלס אײדעם. ער רויכערט ציגארעט־שטיקלעך. איכ׳ל נעמען א ציגאַר.

גוזיק: בערלס אײדעם? איז דאָך דאָס די טאָכטער...

פינטשיק: ריכטיק, געטראָפן (עטעל פארנויגט זיך איראָניש.)

גוזיק: א גאנץ וואויל פּאַרל. און ווייזן אויס צו זיין גליקלעך. איך זאָג, אז מען דארף ניט זיין רייך, כדי צו זיין גליקלעך. און אמיינסטן איז טאקע גליקלעך דער געמיינערער מענטש... ניין? ס׳א מזל־זאַך.

פינטשיק: שור... שור. איר ווייסט דאָך: אז א ייד האָט מזל, גייט די ציג אין שטאָל אריין און דאָס ווייב אין באָד אריין. האָט ער ניט קיין מזל, גייט די ציג אין באָד אריין, און דאָס ווייב אין שטאָל אריין. כע־כע־כע!

גוזיק: כע־כע־כע... גוט... זיינען זיי הייסט עס טאָקע העפּי.

פינטשיק: מען קאָן ניט זאָגן, אז זיי זיינען גליקלעך סטעדי.

גוזיק: ביי וואָס פאר א טרעיד ארבעט ער? אפשר אויך ביי שיך?

פינטשיק: ביי שיך אָן זוילן.

גוזיק: כ'האָב געמיינט, אז ביי שיך, וואָלט איך אים געקאָנט, ווי מען זאָגט —

בערל: אריינעמען אין דיין פאבריק, און אים שטעלן אויף די פיס... און אפשר א האנט...

בוזי: ארומטרימען פון אלע זארגן — אַ דאַנק.

עטעל: מיר זיינען גערירט פון אייער אויפמערקזאמקייט...

(פויזע.)

גוזיק: (קוקט אויפן דייגער) איז וואָס מאכט איר אלע?

פינטשיק: ס'איז געוואונדט וועז. ס'וועגדט זיך ווי אזוי ס'שטעלט זיך דער מאָגן, און ווער ס'קומט צו חלום ביינאכט.

(פויזע.)

גוזיק: גוט געזאָגט... (פויזע) נו, איך זע, בערל, אַז דו ביזט טאָקע אלץ דער אלטער בערל... האָסט עס, הייסט עס, אין דר'ערד...

פינטשיק: באַט, אזוי ווי א מענטש קאָן ניט האָבן אלץ אין דר'ערד —

גוזיק: בין איך דיר געקומען פארלייגן עפעס. איך ווייס, אַז מ'האָט דיך ניט באהאנדלט אזוי אי־אַי־אַי, דערפאר וויל איך, אז דו זאָלסט וויסן, אז איך בין דיר ניט קיין פרעמדער, און איך וועל דיר פון מיין פאַקעט —

בערל: אייל זיך ניט, בינד ניט אָפּ דעם טייסטער. ווארף זיך ניט מיט קיין „טולערס". — קעש גייט ניט צופוס... דיין גוטער ווילן איז שוין אליין א גרויסע זאַך. גאַר גרויס. איך האָב תמיד געוואוסט, אז דו ביזט א איד, מיט א פארנעם, מיט א...

פינטשיק: (לאָזט אים ניט ריידן) הער־זשע ווייטער.

גוזיק: וואָס איז דאָ פאַראַן וואָס צו הערן? מיר זיינען דאָך היימישע מענטשן, מיר האָבן דאָך אמאָל חתונה געהאַט מיט צוויי שוועסטער. וועלל, ס'איז דאָך פאַראַן יושר און דזשאָסטיס...

בערל: אודאי! איך האָב תמיד געוואוסט, ס'איז נאָך דאָ...

גוזיק: און... מענטשלעכקייט.

בערל: יושר און דזשאַסטיס — „איינגעקענט" אויף ניט צום באַדאַרפן. פאַרגלוסט זיך אביסעלע „דזשאָסטיס", עפנט מען א בלעכן קענדעלע און מען ווארעמט עס אויף.

גוזיק: זאָגסט דאָך דזשאָוקס? כע־כע־כע... (קוקט זיך ארום) און וואו זיינען זיינע צווי זין? צווי האָסטו דאָך, אַ־יאָ? (ס'הערט זיך סימורס געדעמפּטע שפּילן) און ווער שפּילט עס, דער יונגערער? קענען קען איך דיין עלטערן. דעם לאַיער. א וואוילער יונג...

פינטשיק: א פיינער יונג...

גוזיק: ער האָט ביי מיר קיינמאָל גאָרנישט געבעטן, אבער איך אליין גיי אים געבן א „פּוש". ער געפעלט מיר...

פינטשיק: ניט מער ווי רעכט. ביי לייטן בלייבט גאָר אזא יונגאָטש אין דער משפחה. איין שוואָגער האָט א זון, דער צווייטער א טאָכטער, איז היידא — און צוגעקלאַפּט, האָ?

(בוזי און עטעל קוקן זיך איבער. בוזי וויל אויפשפּרינגען.)

עטעל: (לאָזט אים ניט) וואַרט...

פינטשיק: האָ? אפשר א שלעכטער געדאַנק?

גוזיק: וועלל... איך פון מיין זייט וואָלט ניט געזאָגט „ניין"...

פינטשיק: אַז מען רעדט דערעדט מען זיך. האָסטו עס דער־וואַרט, בערל?

בערל: פאַר מיר איז עס אן איבעראַשונג.

פינטשיק: זעסטו שוין? אין אַזאַ וועלט לעבן מיר. פּלעצלינג איבעראַשונגען... און זיי קומען אזוי האַרדי־אָפּ... פאַרשטייסט! גע־מיינט האָסטו, אז עס קומט איין זאַך, קומט גאַר אַ צווייטע. און מיינסטו שוין, אַז דו בלייבסט ביי דער צווייטער? — איז ערשט א נעכטיקער טאָג! קומט ערשט די דריטע. די דריטע זאַך, פאַר־שטייסט?

גוזיק: די דריטע, כע־כע! אזוי איז עס... און די דריטע איז א סורפּרייז!

(סעם קומט פון גאַס. דער קאָפּ זיינער איז באַנדאַזשירט.)

בעסי: (לאָזט ארויס א קוויטש. אלע איבעראַשט. בלויז בערל בלייבט זיצן.)

פינטשיק: פון... פון וואָס פאַר אַ געיעג קומסטו?

גוזיק: האָ? ווער איז ער? דאָס איז דאָך...

סעם: איך. דער מיסטער נעש...

גוזיק: האָ?

פינטשיק: קוים וואָס מען דערקאָנט דיך. וואו האָט מען דיך אזוי צעוועלגערט?

סעם: אויף א דעמאָנסטראַציע. מיסטער גוזיקס „בלויע רעק".

גוזיק: הע?

(טעטל און בחי רוקן זיך צו צו סעמען.)

פּינטשיק: (דרייט איבער די שטימונג) ער חכמהט זיך. ס'אַזאַ משפּחה־פּעלער. גיי, גיי, וואָס זיך אַרום. ס'צווייטע מאָל גיב אַכטונג ווי אַזוי דו גייסט אריבער די גאַס און שטופּ ניט דעם קאָפּ אונטער מאַשינען... וואָס זיך ארום, בערשט זיך אַרום. מיסטער גוזיק וויל זיך מיט דיר אַדורכריידן...

בערל: (טוט זיך א הויב אויף) נישטאָ אַזאַ זאַך, וועגן וואָס מיסטער גוזיק און מיר זאָלן קאָנען ריידן...

בעסי: בערל!

פּינטשיק: ער מיינט צו זאָגן, אַז ס'קאָנען גאָר קיין צוויי דעות ניט זיין. (צו סעמען) דו קוק בעסער צו מיר — וואָס מיסטער גוזיק איז געקומען, ווייסטו? שלום, שלום, און אַן איבערבעט, און אַן אויסגלייך, און —

בערל: (פּאַלט אים אין די רייד) ווייסט מען דען ניט, אַז צווישן אונדז און גוזיקן — אלע גוזיקס — איז קיין אויסגלייך ניטאָ? ווייסט איר ניט, אַז ס'איז שלאַכט?

גוזיק: שלאַכט? אַ שלאַכט? וואהאטדיעמין?

פּינטשיק: בערל האָט ליב צו ריידן אין רמזים. „אונדז" — שוחט קוילע מיר די גענז. ווער איז דער „אונדז"?

(סימור קומט אריין מיטן בויגן אין דער האַנט.)

גוזיק: באָט וועגן וואָס רעדט ער?

פּינטשיק: ס'איז דען געדעדט? ס'איז דאָך געמלאָיעט אונטערן לעפּעלע, ס'איז געהאַקט א טשאַיניק מיט א סאַמאָוואַר! (מיט א ברען) איך זאָג אים, אז מיסטער גוזיק איז געקומען וועגן שלום און... אפשר א מזל־טוב (קיצלט אים) האָסט זיך דאָך געריסן אין די הויכע פענצטער. נכפּהניק, נכפּהניק, דו פירסט אויס דיינס: וועסט קריגן די כלה און וועסט קריגן א „פּוש" און מזל־טוב. (פּינטשיק דרייט זיך אין אלע זייטן, ווארט אויף אַן ענטפער, שרייט אריין, על־פּי־טעות, אין סימורס אויער) מען קריגט די כלה, מען קריגט א „פּוש" און מזל־טוב.

סימור: סוטס מי... אַ־קעי...

פּינטשיק: (שטופּט אָפּ סימורן, כאַפּט צוריק סעמען) נו? דער אָנקל עפנט דאָך פאַר דיר די אוצרות...

סעם: (אין א טאָן פון געפלעפטקייט) איז עס ניט קיין שפּאַס? (רוקט זיך צו צו גוזיקן) איר מיינט עס ערנסט, אַנקל מייק?

גוזיק: איך מיין עס ערנסט... שור...

סעם: איר מיינט עס בלוטיק ערנסט? איר... איר גייט מיר טאַקע געבן —

גוזיק: שאַרלאַטן, אַן אַפּיס, געלט, מיין האַרץ... און א חלק אין די שיך...

סעם: אָ, אַנקל... איר... (ווי ער וואָלט וועלן אַנכאַפּן זיין האַנט אין דאַנקבאַרקייט — אָבער ציט זיך צוריק) וואָס נאָך קריג איך?

פינטשיק: דינגסט זיך? דאָס איז ווייניק?

בערל: (שפּרינגט ווידער אויף, רייסט זיך אריין צווישן ביידע) ווייניק!

גוזיק: האָ?

בערל: מיר ווילן נאָך. אַלץ, וואָס עס קומט אונדז!

גוזיק: וואהטדיעמין?

בערל: וואָס איך מיין... הם... אַ חלק האַרץ ביזטו געקומען געבן, און א חלק אין די שיך אויך — וואָס־זשע אַזוינס איז ביי דיר געשען, וואָס דו ווילסט אונטערטראָגן דיין צוגעלעגערט האַרץ? וואָס גראַבעלט דיך אונטערן לעפּעלע?

גוזיק: רעדט פּלעין, פּלעין...

בערל: פּלעין? עפּעס האָט ביי דיר אָנגעהויבן פוילן און פאַלן, אויב דו זוכסט שוין מען זאָל דיר ארויסציען דעם באַנד־וואָרעם פון די געדערים. (קוקט אים אָן) דו מאַכסט דאָך געשעפטן מיט שיך, מיט הענט, — פון ווען־זשע אָן האָסטו זיך גענומען צו נשמות אויך? אבער אַ פאַלשע שפּיל, מעכל גוזיק — צען מאָל מעכל גוזיק! — היינט וועסטו דעם געווינס אויף דער האַנט ניט האָבן. היינט וועסטו דיין געוויסן שוין ניט אונטערפּרעגלען אין האָניק.

גוזיק: סעי, יו! איך בין צו דיר געקומען צו גאַסט. איך האָב עס ניט דערוואַרט. פאַרקערט, איך האָב געמיינט, אז מיר וועלן זיך ארומכאַפּן. איך מיין דאָך גוט.

בערל: דו מיינסט נאָך בעסער ווי גוט. אָט וועסטו גיין און מיינען שלעכטס. איך קען דיך דאָך — אייך אלע, דיינס־גלייכן, וואָס האַלטן די בייטש, און דעם שליסל צו אונדזערע מיילער. אבער דאָס מאָל וועסטו אונדז ניט פּענטען. איך קען דיך: סיי צום גוטן, סיי צום שלעכטן, ווילט איר זיך דראַפּען אויף אונדזערע רוקנס, אונ־

טערוואַרפן אַ מטבע און כאַפּן אַ מציאה. דו גייסט דאָך ניט גלאַט אַזוי. דו ווילסט צאַפּן פרישן מאַרך און היילן דערמיט דיין אייגן געשוויר. אָבער הייַנט וועט דיין חשבון ניט שטימען. אהער וועט שוין דיין מאַכט ניט דערגרייכן. דו וועסט אַנהויבן פאַלן און זיך צוריקקייקלען צו דיין אייגענעם מיסטבאַרג און דיין אַלטן בעזים — וואָס איז נאָך צו גוט פאַר דיר —

גוזיק: דו, דו! דו באַליידיקסט און דו וואַרפסט זיך מיט מיר —

בערל: איך וואַרף דיך ניט — ווייל איך וויל זיך גאָרנישט צורירן צו דיר. אַפילו מיט אַ צען־מעטערדיקן שטעקן טאָר מען זיך צו די אַלע גוזיקס ניט צורירן.

גוזיק: קרעיזי, משוגע! פע, איך בין געקומען ציילן קעש אויף דער האַנט.

בערל: און איך האָב געזאָגט, אַז מיר ווילן אַלץ, וואָס ס'קומט אונדז!

גוזיק: ווער איז דער „מיר"?

בערל: די, וואָס פאַרזייען ברויט און נייען שיך, און שאַרן דעם שניי, און האַקן האָלץ. עס קומט אונדז פאַר אונדזער שוויים און צעמאָלענע הענט. פאַר ווינטערן אין דער קעלט און זומערן אין דער שטיקעניש. פאַר דער שטאָלענער געדולד און דער אייזערנער שרויף. אונדזערע לעבנס וועט איר שוין ניט פאַרזיסן מיט אַ ברייטער גאָב פון אייערע געשוואָלענע בייטלען... (שפּייט אים צו די שיך.)

גוזיק: פינטשיק, דעם־איט! (ער שפּייט) דעם־איט! וואָס האָסטו מיך פאַרפירט אַהער?

בערל: קאָנסט גיין — שוין! און לויף טאַקע. איך האָב לאַנג געגאַרט אויף אַזאַ מינוט, איך זאָל דיר קאָנען ווייזן די טיר, דו זאָלסט קאָנען לויפן צו דיין משוגענעם אויסלאַז. לויף און פאַל! אַז דו וועסט פאַלן, וועלן מיר זיך אויפהויבן!

(גוזיק לויפט צו דער טיר.)

גוזיק: האַ? כ'האָב מורא אַז ער סטראַשעט! באַט מיר, גוזיקן, אונדז, סטראַשעט מען ניט. מיר וועלן אייך נאָך ווייזן. מיר וועלן אייך אויסמאַרען ווי די קעץ. איר וועט שוין זען, וואָס מיר, די גוזיקס, קאָנען. (אָפּ.)

(פינטשיק לאָזט זיך נאָכלויפן, בלייבט שטיין. גייט ניט.)

סעם: איר לויפט ניט?

פינטשיק: וואָס ווילט איר פון מיר? מיין ווייבס גאָלשטיינער?

מיינע פּאָלעס מיט ווינט ? איך וועל זיי אליין אוועקגעבן בכבוד גדול. נאָר זאָגן מוז איך דיר, בערל,

בערל: אָ שטייגער? (אָטעמט שווער) דהיינו?

פּינטשיק: איך בין דיך מקנא: האָסט כח, ברודער. אז ס'קומט טאַקע צום פּסוק, כאַפּסט דו זיך אויף ווי א לעמפּערט. און קאָנסט ביישטיין א נסיון. כ'זאָג דיר, אז דו האָסט געערדט, האָסטו ביי מיר א ריר געטאָן די לעבער. (ווייזט אויף סעמען) ביי אים אויך.

בערל: (גייט פּאַמעלעך צו צו סעמען, נעמט אים אַרום מיט דער געזונטער האַנט) היינט האָסטו דיך אויסגעקויפט. דו ביזט ביי־געשטאַנען נאָך א גרעסערן נסיון. היינט האָסטו זיך און מיך אויס־געלייזט. און היינט האָב איך צוריקגעקראָגן מיין יוגנט, מיין קראַפט. (הויבט אויף די קראַנקע האַנט) איצט פיל איך, אַז איך בין דער אַמאָליקער בערל. פרישע כחות קוועלן אָן צוריק.

(שאַרלאָט קומט. אלע איבעראַשט.)

שאַרלאָט: זאָגט מיר עפּעס...

פּינטשיק: א שיינעם הוידודו.

שאַרלאָט: אז פּאַפּאַ איז אראַפּ, בין איך ארויף.

פּינטשיק: ער אַראַפּ, און זי אַרויף. הפנים, אז די וועגן צעגייען זיך.

שאַרלאָט: יעס. זיי צעגייען זיך. דערפאר איז מיר איצט שווער צו גיין אליין.

בערל: (גייט צו'ן איר צו) דיינע אויגן זיינען רויט —

שאַרלאָט: פון רולאָזע נעכט און פון זוכן.

בערל: און די הענט דיינע ציטערן... (נעמט איר האַנט.)

שאַרלאָט: (צעוויינט זיך.)

בערל: האָ? ניין! מיר וויינען ניט!

שאַרלאָט: ניין, מיר וויינען ניט!

בערל: מיר נעמען זיך אָן מיט הארץ און מיט פרייד און גייען אנטקעגן דער ליכטיקייט. (אלע בילדן א קייט.)

אַלע: מיר גייען אנטקעגן אי דער שלאַכט, אי דער ליכטיקייט!

(פאָרהאַנג)

(שלוס)

יידישע דיכטונג אין אמעריקע

(וועגן מ. באַסינס נייער אַנטאָלאָגיע *)

משה שטאַרקמאַן

וויפיל מאָל מ'זאָל דאָס נישט האָבן געזאָגט, איז נאָך אַלץ ביי־טיק צו באַטאָנען, אַז די יידישע פּאָעזיע, ווי אַ באַשטימטער טייל פון דער יידישער ליטעראַטור בכלל, איז געשאַפן געוואָרן אין די פֿאַר־אייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע. קיינעם פֿאַלט נישט איין אָפּצולייקע־נען, אַז די מזרח־אייראָפּייאישע יידישע ישובים האָבן אַרויסגעגעבן דיכטער — אַריינגערעכנט דעם אוניווערסאַלסטן יידישן פּאָעט אברהם רייזען, אָבער אין סך־הכל האָבן מיר אין די ליטעראַרישע צענטערן אויף יענער זייט ים געהאַט יידישע דיכטער, אָבער נישט קיין יידישע דיכטונג.

איז דאָס אַ ליטעראַרישע „מיסטעריע״, וואָס קען נישט געלייזט ווערן, אָדער זיינען פֿאַראַן סיבות, וואָס האָבן געפירט צו דעם, אַז גראָד אין דעם „פּראָװאַישן״ און „פֿאַרביזנעסעוועטן״ אַמעריקע זאָל די יידישע פּאָעזיע דערגרייכן איר העכסטע מדרגה פון קינסטלערישער אַנטוויקלונג און עשירות?

זישאַ לאַנדוי האָט, בערך צוואַנציק יאָר צוריק, אינעם אַריינפיר צו זיין אַנטאָלאָגיע **) פּרובירט דערקלערן די שפע פון פּערזן־שריי־בעריי בעת די קינדער־יאָרן פון יידישן ישוב אין אַמעריקע מיט דעם, וואָס דער ישוב איז דעמאָלט „באַשטאַנען פון דערשלאָגנסטע, אָרעמסטע און אומאַנטוויקלטסטע מענטשן, מיט אַ צומיש פון צעקראָכענע, סענ־טימענטאַלע נאַראָדאָוואָלצעס און . . . משכילים״. אין יענער צייט „האָבן זיך פילע ניט־באַרופענע גענומען צו פּערזן, אַלס דעם פּרימי־טיווסטן מיטל צו קענען אויסדריקן זייערע געפילן און העלפן „פֿאַר־ווערטס שטופן די פֿרייהייטס־רעדער״. לאַנדוי האָט דאָ אָנגערירט איינע פון די סיבות, וואָס האָבן געפירט צו דער אַנטשטייאונג פון דער יידישער פּאָעזיע אין אַמעריקע, אָבער בלויז אָנגערירט.

---

*) „אַמעריקאַנער יידישע פּאָעזיע״, אַנטאָלאָגיע, געזאַמלט און צונויפגעשטעלט פון מ. באַסין (אַרויסגעגעבן פון אַ קאָמיטעט, ניו־יאָרק, 1940), 601 זייטן.

**) אַנטאָלאָגיע — די אידישע דיכטונג אין אַמעריקאַ ביז יאָר 1919.

אינעם פיר־זייטיקן אַריינפיר צו זיין זעקס־הונדערט זייטיקער אַנ־טאָלאָגיע האָט מ. באַסין גאָרנישט צו זאָגן וועגן דער אַנטשטייאונג און אַנטוויקלונג פון דער אַמעריקאַנער יידישער פּאָעזיע. ער זאָגט עפּעס, יאָ וועגן די אויפטועו פון די „יונגע" און פון די „אינזיכיסטן" פאַר דער יידישער פּערזן־קונסט, אָבער דאָס, וואָס ער זאָגט איז אַזוי פאַרנעפּלט, אָן ראיות, אַז דאָס געזאָגטע ברענגט גאָרנישט ארויס און גיט גאָרנישט צו. פון צווישן די שורות קען מען אַרויסלייענען אַ „התנצלות המחבר", אַ מין פאַרענטפערונג, פאַרוואָס די אַנטאָלאָגיע איז אַזוי און נישט אַנדערש צונויפגעשטעלט געוואָרן.

די יידישע דיכטונג אין אַמעריקע, דאָס הייסט די יידישע דיכטונג, וואַרט נאָך אַלץ אויף אַ היסטאָרישער און עסטעטישער אָפּשאַצונג.

***

עס איז נאָך ניט צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן די אַנטאָלאָגיע, וואָס זאָל איטלעכן צופרידנשטעלן. זיכער קען דאָס נישט געמאָלט זיין ווען ס'האַנדלט זיך אין אַ קריטישער אַנטאָלאָגיע, מחמת אין אַזאַ פאַל האָט דער צוזאַמענשטעלער זיך נישט באַנוצט מיט קיין היסטאָרישער מאָס, נאָר מיט אַן עסטעטישער, און ער האָט דערפאַר אַריינגענומען נאָר יענע דיכטער, וואָס קומען נאָך די פאָדערונגען פון זיין אייגענעם קריטיש־עסטעטישן קריטעריום. אָבער ווען עס האַנדלט זיך אפילו אין אַ קריטישער אַנטאָלאָגיע, איז אויך פאַראַן אַן אַלגעמיין־קריטישע מאָס, וואָס דינט ווי אַ צאַם צו קאָנטראָלירן די עסטעטישע קאַפּריזן פונעם אַנטאָלאָגיסט.

זישא לאַנדוי האָט נישט גענוצט אַזאַ מאָס און מ. באַסין אויך נישט. אין באַסינס אַריינפיר זיינען פאַראַנען עטלעכע נעפּלדיקע באַ־מערקונגען, אַז „די איצטיקע זאַמלונג איז אַ קינסטלערישער אָפּקלייב, ווי ווייט מעגלעך, אין די ראַמען פונעם בעסערן, פיינערן ליד פון דיכטער, וואָס זיינען נאָך מיין מיינונג, געוואָרן פּנימדיק און בולט אין דעם ווייטערדיקן קינסטלערישן אַרויפשטייג פון דער היגער יידישער פּאָעזיע". אויף וויפיל מ'קען פון די אויבנגעבראַכטע שורות אַרויס־דרינגען אַ קריטישע מאָס, זעט מען פון דער אַנטאָלאָגיע, אַז זי איז גענוצט געוואָרן ביים באַשטימען די דיכטער, וואָס באַסין האָט זיי אַריינגענומען, אָבער נישט בנוגע די באַדייטנדיקע דיכטער, וואָס זיי־נען אויסגעלאָזט געוואָרן.

אַביסל סטאַטיסטיק ווי אַן אילוסטראַציע:

זישא לאַנדוי, וועלכער האָט ביים צוזאַמענשטעלן זיין אַנטאָלאָגיע ניט געצאַמט זיינע עסטעטישע קאַפּריזן, האָט אין זיין אַנטאָלאָגיע אַריינ־

געגומען 28 פּאָעטן. 20 יאָר נאָך לאַנדויס זאַמלונג האָט באַסין צונויפגע־שטעלט אַן אַנטאָלאָגיע, וואָס נעמט אַריין בלויז 31 דיכטער. אין באַסינס אַנטאָלאָגיע זיינען נישט רעפּרעזענטירט ניין פּאָעטן, וואָס זיי־נען אין לאַנדויס אַנטאָלאָגיע יאָ פאַראַן: אל־גוריה, אַפּראַנעל, הער־מאַן גאָלד, ציליע דראַפּקין, משה וואַרשע, יוסף יפה, ל. מילער, י. קיסין און פראַדל שטאָק. וואָס שייך דעם אויסלאָזן אַפּראַנעלן, משה וואַרשען און פראַדל שטאָקן, קען מען אפשר זאָגן, אַז זיי מוזן איצטער באַטראַכט ווערן בלויז ווי עפּיזאָדן — גרעסערע אָדער קלענערע — אין דער אַמעריקאַנער יידישער פּאָעזיע. אָבער וואָס איז די באַרעכ־טיקונג פאַר אויסלאָזן די איבעריקע זעקס דיכטער?

אין באַסינס אַנטאָלאָגיע זיינען פאַרטראָטן צוועלף פּאָעטן, וואָס זיינען אין לאַנדויס אינגאַנצן ניטאָ; פינף פון זיי — מ. באַסין אַליין, נפתלי גראָס, ז. וויינפּער, משה נאַדיר און ה. רויזענבלאַט האָבן שוין דעמאָלט געהאַט איטלעכער זיין ליטעראַרישן „סטאַזש" און לאַנדוי האָט זיי אויסגעלאָזט ווייל אַזוי האָט זיך אים סתם געוואָלט. אברהם רייזען איז נאָך אין 1919 נישט געווען קיין „אַמעריקאַנער". די נייע דיכטער, וואָס זיינען צוגעקומען אין באַסינס אַנטאָלאָגיע זיינען: יעקב גלאַטשטיין, א. לוצקי, אנגא מאַרגאַלין, נחום יוד, י. י. סיגאַל און אבא שטאָלצענבערג. נאָך די אַלע חשבונות פון מינוסן און פלוסן ביי לאַנדוין און ביי באַסינען, קומט אויס, אַז דעם לעצטנס אַנטאָלאָגיע האָט בלויז מיט דריי דיכטער מער ווי דעם ערשטנס (לאַנדוי — 28; באַסין — 31), און דאָס נאָך צוואַנציק יאָר פון יידישער פּאָעטישער שאַפונג אין אמעריקע, קוואַליטאַטיוו און קוואַנטיטאַטיוו.

***

אַחוץ די צוועלף „נייע" פּאָעטן, וואָס זיינען נישט געווען פאַר־טראָטן אין לאַנדויס זאַמלונג, האָט באַסין אַריינגענומען די פאָלגענ־דיקע ניינצן וועלכע האָבן געקראָגן „אַנערקענונג" אין דעם ערשטנס אַנטאָלאָגיע: אפרים אויערבאַך, ראובן אייזלאַנד, ב. י. ביאַלאָסטאָצקי, א. בערגער, א. מ. דילאָן, מ. ל. האַלפּערן, יהואש, זישא לאַנדוי, ב. לאַפּין, ראובן לודוויג, ה. לייוויק, א. ליעסין, א. לעיעלעס, מאַני לייב, מנחם (באָריישאָ), א. ניסענזאָן, מאָריס ראָזענפעלד, י. ראָלניק און י. י. שוואַרץ.

די אַלע פאַרטראָטענע אין דער אַנטאָלאָגיע האָבן זוכה געווען צו דעם, ווייל זייערע לידער זיינען לויט באַסינס מיינונג, אין דעם פאַר־נעפּלטן אַריינפיר, געוואָרן „פנימדיק און בולט אין דעם וויטערדיקן קינסטלערישן אויפשטייג פון דער היגער יידישער פּאָעזיע".

יעדער אמתער דיכטער איז „פּנימדיק און בולט‟, אפילו ווען ער שאַפט אַזעלכע „אומפּערזענלעכע‟ ווערק ווי באַלאַדעס. אַן־פּנימדיקע און נישט־בולטע פּאָעזיע איז קיין פּאָעזיע נישט. לויט באַסינען קומט אָבער אויס אַז, ערשטנס, קען זיין „פּנימלאָזע‟ פּאָעזיע אויך — וואָס דאָס איז דער קעגנזאַץ צו יעדן באַנעם פון דיכטונג; צווייטנס, אַז בלויז די 31 דיכטער אין זיין אַנטאָלאָגיע זיינען פּנימדיק, און ווען ער זאָל חלילה נישט געווען „אַנערקענען‟ די „פּנימלאָזע‟ און „נישט־בולטע‟ אויך פאַר פּאָעטן, וואָלט אויסגעקומען, אַז מער פון 31 דיכטער פאַרמאָגט נישט די אַמעריקאַנער יידישע פּאָעזיע.

טאָקע דערפאַר ווייל באַסין האָט זיך נישט באַנוצט מיט קיין אמתער קינסטלערשער מאָס, נאָר מיט עפּעס אַ פאַרנעפּלטער פאַר־מולע, קען מען בלויז פאַרשטיין פאַרוואָס ער האָט די לידער פון פאַר־טראַטענע דיכטער יאָ אַריינגענומען — מחמת איטלעכער פון זיי איז ראוי צו אַזאַ רעפּרעזענטאַנץ לויט דער קוואַליטעט פון זיינע לידער; אָבער פאַרוואָס ער האָט אַזויפיל אמתדיקע דיכטער אויסגעלאָזט, קען באַסין נישט אויפקלערן אפילו ווען זיין צעשוואומענע ראַציאָנאַליזאַציע זאָל זיין מער קלאָר.

זישא לאַנדוי האָט אינעם פאָרוואָרט צו זיין אַנטאָלאָגיע פּרובירט דערקלערן פאַרוואָס ער האָט אין זיין אַנטאָלאָגיע נישט אַריינגענומען איינעם פון די ערשטע אמתע אַמעריקאַנער יידישע דיכטער — יואל סלאָנימען. לאַנדוי האָט צוגעגעבן, אַז „סלאָנים האָט מיט זיך געבראַכט עפּעס נייס, עפּעס אַ נייערן טאָן‟ און כדי צו באַרואיקן זיין אייגן געוויסן, האָט לאַנדוי דאָס אויסלאָזן אים באַרעכטיקט מיט דעם, וואָס סלאָנימס נייקייט „איז געווען בלויז אויסערלעכעס, נישט אָרגאַנישעס‟. באַסין, נישט האָבנדיק בכלל קיין באַשטימטע, קלאָרע מאָס, האָט אפילו נישט געקענט אָנווייזן אויף קאָנקרעטע באַרעכטיקונגען פאַר אויסלאָזן דעם אָדער יענעם דיכטער.

זיכער איז אַנאַ מאַרגאָלינס אָרט אין אַ קריטיש־קינסטלערישער אַנטאָלאָגיע פון אַמעריקאַנער יידישער פּאָעזיע. אָבער איז זי די איינציקע אַמעריקאַנער יידישע פּאָעטעסע? וואו איז באַסינס באַרעכ־טיקונג פאַר אויסלאָזן, למשל, צילי‍ע דראָפּקין אָדער מלכה לי, צו דערמאָנען בלויז צוויי פון אַ צאָל „פּנימדיקע‟ דיכטערינס?!

אינעם אַריינפיר ווייזט באַסין אָן אויף די אויפטועך פון אימזיכיזם אין דער יידישער דיכטונג. ווערדליג די אויפטוען, זעט עס אויס ממש ווי אַ קוריאָז, וואָס אין דער אַנטאָלאָגיע גופא איז דער אינזיכיזם פּאַק־טיש רעפּרעזענטירט דורך בלויז צוויי דיכטער: א. לעיעלעס און

יעקב גלאַטשטיין. וואָס איז די באַרעכטיקונג פאַר אויסלאָזן, למשל, נ. ב. מינקאָוון אָדער ב. אלקוויטן ?

די אַריינגענומענע דיכטער — כבודם במקומם מונח. דורך אַ צאָל פון די אַריינגענומענע פרעגט זיך : פאַרוואָס האָט מען אויסגעלאָזט, למשל, אַלמין, א מחבר פון זעקס ביכער לידער, מאַרק שוויידן, אליעזר גרינבערגן אָדער לוי גאָלדבערגן פון די „פעדעריסטן״ ? שוין אָפגערעדט פון אַ היסטאָרישער, אפילו אַ קריטישער אַנטאָלאָגיע קען נישט איגנאָרירן אַסך אַנדערע פון זייער ראַנג.

איטלעכער, וואָס האָט אַן אינטימע באַקאַנטשאַפט מיט דער אַנטוויקלונג פון דער אַמעריקאַנער יידישער דיכטונג אין סוף־מלחמה און נאָך־מלחמה פעריאָדן, וועט אָנערקענען אז אבא שטאָלצענבערגס לידער זיינען א פיינער מוסטער פון אונדזערע נייסטע פּאָעטישע געווינסן. איז אבער שטאָלצענבערג דער איינציקער רעפּרעזענטאנט פון א גאַנצן דור נייע יידישע דיכטער ? עס מאָנען אויך זייער ארט אין אַן אַנטאָלאָגיע די לידער פון פּאָעטן, וואָס געהערן צו דעם יונגן און אויך פריערדיקן דור יידישע דיכטער אין אמעריקע. א פולע רשימה פון זיי פינקלט מיט אמתע דיכטערישע „פנימער״, און נאָר אַ נישט־קלאָרער באַגריף פונעם צוזאַמענשטעלער וואָס זיין אַנטאָלאָגיע דאַרף מיט זיך פאָרשטעלן, האָט געפירט צו דעם, אַז זיי זאָלן אויסגעלאָזט ווערן. בלויז י. י. סיגאַל און ה. רויזענבלאַט רעפּרעזענטירן די יידישע דיכטער, וואָס לעבן אויף דער גרויסער אַמעריקאַנער „פּראָווינץ״ ?

באַסינס נייע אַנטאָלאָגיע, הגם זי קען נישט צופרידנשטעלן ווי אַ קריטישע, אָפּגעקליבענע אַנטאָלאָגיע, האָט זי אָבער אַ ווערט מיט דעם, וואָס זי איז אַ געלונגענע זאַמלונג פון מוסטערן אין דער אַמעריקאַנער יידישער פּאָעזיע. פון דער דאָזיקער זאַמלונג וועט דער אויפמערקזאַמער לייענער זען צו וועלכע קינסטלערישע הויכן אַ טייל פון די אַמעריקאַנער יידישע דיכטער האָבן דערגרייכט. אַ זאַמלונג פון אַזעלכע דיכטונג־מוסטערן איז זיכער נויטיק געווען. אָבער אויב באַסינס זאַמלונג וועט דערלעבן צו א צווייטער אויפלאַגע, וואָלט גוט געווען, אז צום סוף זאָל גיין אַ ביבליאָגראַפיע פון לידער־ביכער, וואָס די רעפּרעזענטירטע דיכטער האָבן געשאַפן. די זאַמלונג וועט דעמאָלט קענען פירן דעם לייענער פון די מוסטערן צו די שאַפונג־אוצרות גופא.

אינהאַלט:

אברהם טווערסקי — (לידער) ... 3
אריה שמרי — גרינע הימלען — (לידער) ... 10
שלום שטערן — טאַטע — (פּאָעמע) ... 15
ל. פּאַרעס — אין דער גרויסער שטאָט — (דערציילונג) ... 20
מאַטעס דייטש — (לידער) ... 32
לוי גאָלדבערג — (לידער) ... 36
אברהם ביק — דער חסידישער מאָטיוו אין דער מאָדערנער יידישער פּאָעזיע — (עסיי) ... 40
דוד אָפּאַטאָשו — ווינטן אונטער רעדער — (דערציילונג) ... 60
אליעזר גרינבערג — לעאָנאַרדאָ דאַווינטשי — (פּאָעמע) ... 69
הירש ראָזענפעלד — קאַלעוואַלע ... 81
מענדל נייגרעשל — פון דער פּוילישער ליריק — (לידער) ... 89
ב. טוטשינסקי — ב. גלאַזמאַן — (עסיי) ... 92
אליהו שולמאַן — אלכסנדר האַרקאַווי ווי א רעדאַקטאָר — (עסיי) ... 106
אברהם רעגעלסאָן — אַ בינטל נעמען פון דער נייער ארץ ישראל פּאָעזיע — (שטריכן) ... 125
יעקב שטאָל — א שיף אינמיטן ים — (פּאָעמע) ... 130
אַל גוריה — (לידער) ... 132
בעריש וויינשטיין — דאָס געזאַנג פון יהודה — (פּאָעמע) ... 136
ש. איזבאָן — א. מ. פוקס — (עסיי) ... 140
ב. דעמבלין — רוטאַ — (דערציילונג) ... 151
בנימין רעסלער — שיך — (דראַמע) ... 191
משה שטאַרקמאַן — יידישע דיכטונג אין אַמעריקע — (עסיי) ... 259